STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05604

TSVISHN HUNDERT TOYERN

Shmuel Izban

Permanent preservation of this book was made possible
by Ezra & Natalie Mintz
in memory of
Berle & Bessie Mintz and David & Mary Shapiro

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צווישן הונדערט טויערן

Zwishen Hundert Toyern

(WITHIN A HUNDRED GATES)

ORIENTAL STORIES

By

SAMUEL ISBAN

M. S. SKLARSKY
1145 Fox Street
Bronx, N. Y.

NEW YORK, 1942

ש. איזבאַן

צווישן הונדערט טויערן

דערציילונגען

הויפּט־פאַרקויף:
פאַרלאַג משה שמואל שקלאַרסקי

ניו־יאָרק, 1942

Copyright, 1942
By
SAMUEL ISBAN
1971 Grand Avenue
Bronx, N. Y.
U. S. A.

103

אינהאלט:

זייט

דער בוכאַרישער קוואַרטאַל 1

דער דאָקטאָר פון בית־שאַן 39

משפחה סאַפּורטאַ 53

אַ פּליט 81

צוויי פּעלאַכן 91

אין אַ קאַראַאימישן הויף 103

אַ תהום 133

פאַרן בית־דין 145

די וואָרזאָגערין 185

הינטער מויערן 209

ביכער פון ש. איזבאַן:

מאַסן (ראָמאַן)
נאָכ'ן שטורם (דערציילונגען)
קוועך 1914 — 1918 (ראָמאַן)
אויף רושטאָוואַניעס (דערציילונגען)

דער בוכאַרישער קוואַרטאַל

דער רעגן וואָס האָט געשוואָנקען ירושלים שוין דעם פערטן טאָג, האָט אזוי פאַרגאָסן דעם בוכארישן קווארטאל, אז מען האָט זיך געקענט שיפלען איבער די שמאָלע געסלעך און הויפן. אָפגעריסענע לאָדנס, אויסגעבראָכענע, הילצערנע פאַרקאַנס זענען ארומגעשווימען ווי לויז־געבונדענע שיפלעך.

פאַר די שוועלן פון די הייזער זענען געשטאַנען געזונטע בוכאַרישע ווייבער אין זייערע ברייטע ספּודניצעס, אין גרויסע מענערישע שיך, אויף די קעפּ פאַרשפּיצטע הויב־טיכלעך און שטערן־פּאַטשיילעס, און מיט גרויסע, שיטערע בעזימער האָבען זיי געקערט די שטראָמען וואַסער און זיי צעבערוויז געטריבן אין די אויפגעגראָבענע ראָוון. אויסגעזעגטע מאַנסבילן, מיט הויכע, ברייטע גופים, מיט פאַרקאַשערטע הויזן־נאָגעוויצעס, איינגעווייקטע ביז צו די קניען — האָבן מיט לאַפּעטעס אויפגעהאַקט גריבער אין די געבערגלטע ליקעס. דאָס האָבן זיי איינגעבראָכען אן אָפּלויף פאַר די ריטשקעס בלאָטע און קלעמבעס שמוציק וואַסער.

אין עק פונם טונקעלן שול־געסל, וואָס איז געווען באַזעצט פון אידעלע, בוכאַרישע בעלי־מלאכות: טליתים־נייערס, פרכות־שטיקערס און טעפּיך־וועבערס — האָט זיך געצויגן א לאַנגער הויף, ארומגעצוימט מיט א הילצערנעם, אָפּגעשונדענעם פּאַרקאַן. דער הויף א וויסטער, די ליימענע ערד צעווייקט איז פול געווען מיט לאַסט־וועגענער. ארום די לאַסט־וועגענער זענען געווען צעשטעלט עטלעכע פּאָר פערד, גרויסע, געזונטע שלעפּ־פערד, ווי לייבן. טייל פערד, מיט נאַסע גלאַנציקע פעלן זענען געווען צוגעדעקט מיט קאָלירטע פּלאַכטעס און קאָלדרעס. טייל זענען געשטאַנען מיט געבויגענע קעפּ, די מאָרדעס אריינגעשטעקט אין די טאָרבעס פּאַשע און זיי האָבן געשמאַק, ווי בעלי־

תאוהס, געארבעט מיט די געזעגטע, שפּיציקע ציין.

איבערן הויף האָט זיך ארומגעדרייט א פּעטער פארשוין, מיט א קורצע שמיץ-בייטש אין האנט. ער איז געווען אָנגעטאָן אין א לע-דערנע קורטקע און אין א פּאָר גומענע שטיוול ביז איבער די קניען. דאָס איז געווען עובדיה, דער אויפזעער איבערן אריינפאָר-הויף, א פּערסישער ייד, א שומר און לייב-קנעכט ביי זיין באַלעבאָס יצחק ישמע אליוף.

עובדיה האָט געשפּאַנט ארום די וועגענער און זיך אונטער-געגאָרגלט אַן אראבישן ניגון. דערנאָך איז ער אריין צווישן די פערד, ער האָט באטראכט זייער אויסגעצוואָגענע פעל, וואָס האָט זיך דין גע-פּעדערט און געבלאָזן. ער האָט א פּאַטש געטאָן איין אָגער איבערן קאַרק, א צווייטן איבערן הינטער-חלק, הינטער זיינע פּלייצעס האָט א ברוין-מאָגער פערד, מיט א גרויען פלעק צווישן די אויגן, זיך צעהיר-זשעט, אזוי אויסטערליש, ווי דאָס וואָיען פון א הונגעריקן וואָלף.

עובדיה האָט זיך אויסגעדרייט, ער האָט אָפּגעבונדען די טאָרבע פונם פערדס מאָרדע, געזען אז ס'איז נישטאָ קיין זכר פון דער פּאַשע, דאָס פרעס-זעקל אויסגעליידיקט, דער בויך — אָנגעלאָפן. טאָ וואָס הירזשעט ער? ער האָט נאָכגעמאַכט דעם סום באטראכט, אונטערגע-הויבען דעם עק, צי א וואָרעם בייסט אים נישט, ווי א מומחה האָט ער מיט די אויגען אויסגעטאַפּט יעדן אבר, באַלד זיך געשטויסן אויף עפּעס. ער האָט וואוילעריש א בים געטאָן דאָס קנויטל פון די פאר-שפּיצטע וואָנצעס, דערנאָך אויסגעפּעטשלט דאָס פערד איבער די צע-עפנטע נאָז-לעכער און געלאָזט פאלן:

— פריער ווי אין „ראמעדאן"[1] וועל איך דיך צו דער קאָבילע נישט פירן...

עובדיה האָט זיך געלאָזט מיט דער בלאָטיקער סטעזשקע, וואָס האָט געפירט צו יענער זייט פּלויט. ער האָט געצויגן צו א נידעריק

---

1) ראמעדאן — מאַכמעדאַנישער יום טוב — פערציג טעג פון תענית.

הייזל, געמויערט פון פּאַלירטע גראַניט-שטיינער, גייענדיק האָט ער זיך איינגעחזרט, ווי ער וועט אַנטקעגן גיין דעם באַלעבאָס מיט א שפּרונג, אַז די שטאַלן זענען ליידיק, מען דאַרף א פּאָר זעקלעך קלייען. דער באַ־לעבאָס, יצחק ישמע אליוף, א צעקנייטשטער רביתניק 2), וואָס האָט ס'עשירות פון קורח און יאָרן פון מתושלח וועט אים צוערשט אָפּ-טרייבן. ישמע אליוף, וואָס לייט די אָרעמע בעלי־עגלות געלט אויף פּראָצענט, און נישט נאָר וואָס ער לייט, נאָר די, וואָס פאַרשפּעטיקן מיטן צאָלן, ביי די נעמט ער צו פערד און וואָגן פּאַר משכנות, האַלט זיי אויס אין זיין אריינפאָר־הויף, אָט ער, ישמע אליוף וועט אויס־הערנדיק עובדיהס נייעס זיך פאַרקרימען, וועט אוועקשאַרן פון זיך די נאַרגילע-רויך און א בורטשע טאָן:

— אַזוינע שטומע חיות און אַזוינע מאַנערס! אַזוינע פרעסערס!

עובדיה וועט זיין באַלעבאָס לאָזן א ווײַלע אָפּאָטעמען, דערנאָך וועט ער אים דערציילן, ווי דער אָגער הירזשעט, מאַכט פול דעם הויף מיט קולות, גלייך ס'וואָלט געווען חודש תמוז. ישמע אליוף, אַן אַלמן, וואָס לעבט שוין אריבער צען יאָר אָן א ווייב, וועט די נייעס נישט אויפנעמען ווי א הלצה. ער וועט צוריק צורוקן צו זיך די נאַרגילע, וועט אויפבלאָזן די צעגליטע קוילן, וועט א טיפן ציי טאָן דעם שלויך און אריינכיכקען אין דער געטאָפּלטער גאָמבע:

— אַזא שברי-כלי! אַזא מאַגער באַשעפעניש! און דאָס בענקט נאָך א קאָבילע! אַזא געברויכער!

פונם פאַרגאָסענעם געסל האָט זיך געהערט א פּלעסקעריי, דערנאָך שווערע טריט איבער דער ליימיקער סטעזשקע, ווי עמיץ וואָלט געטרעטן איבער צעבראָכן גלאָז. עובדיה האָט זיך איינגעקוקט, מיט איילנדיסע שריט איז אָנגעקומען בנבנישתי, דער ספרדישער שדכן וואָס האָט פאַר-זאָרגט די בוכאַרער אַלמנס און פריילייריקע מאַנסבילן מיט זיווגים. דער שדכן, אין דער הלבשה פון א „חכם", הינטער דעם קאָלירטן כאַ־לאַט א פּאָר רויטע טערקישע פּאָלע-הויזן, האָט געשטעלט אַזוינע

2) רביתניק — וואוכערניק.

שפּרייזן, גלייך ער וואָלט זיך געקליבען דעם פלויט אריבערצושפּרינגען.

פון די הייזער האָבן זיך געעפנט טירן. שכנים האָבן אים געגר־מען נאָכקוקן. דאָס באַווייזן זיך פון בנבנישתי אינם געסל האָט ארויסגערופען אזא נייגעריקייט, ווי אמאָל, אין די טערקישע צייטן, דאָס אָנרייטן פונם פּאשא פון דמשק, אָדער דאָס אָנקומען פונם „מכריז“, וואָס האָט אויסגערופן אינם שטילן פרימאָרגן דעם סולטאַנס נייע גע־באָטן און געזעצן.

עובדיה האָט געוואָלט וויסן וואוהין דער „חכם“ איילט אזוי, האָט אים נאָכגעקוקט און ווען בנבנישתי האָט אריינגעדרייט צום וועג, וואָס פירט צו ישמע אליופס הייזל, האָט ער אים אָפּגעשטעלט און באַגריסט:

— מיט שלום און מיט ברכה! וואוהין איילסטו בנבנישתי?

— צו דיין באַלעבאָס!

— צו מיין באַלעבאָס? צו דעם זעכציק־יעריקן? — האָט עובדיה זיך געוואונדערט — האָסט פארשפּעטיקט מיט א פופצן יאָר.

— „אָקאזיאָן“ 2) עובדיה, אַלץ איז אָקאזיאָן. ישמע אליוף איז א גבר, ער האָט גאַרנישט פארשפּעטיקט. דער שפּאַניאָלישער שפּרוך זאָגט: „וואָס לענגער דער בעל־חוב וואַרט, אַלץ מער מאָנט ער איין“. כ׳טראָג פאר דיין באַלעבאָס אן „אָקאזיאָן!“

— וואָס ברענגסטו פאר אים, א באַיאָרטע אלמנה, צי א פאר־טריבענע קעבס־ווייב פונם לעצטן סולטאַן? — האָט עובדיה זיך קיי־לעכדיק צעלאַכט.

— אזא נישט־פארגינער ביזטו דיין באַלעבאָס? — האָט בנבניש־תי אויפגעהויבן ביידע פּאָלעס פונם קאָלירטן כאַלאַט — כ׳זע, דו עסט זיין ברויט און ביזט אים א דם־שונא. נישט קיין קעבס־ווייב, נישט קיין אַלמנה ברענג איך אים, נאָר אן אמתן עוף טראָג איך. און נישט גלאָט אזוי אן עוף, נאָר טאקע א יונג הענדעלע, א וואַרעמס, ערשט אויסגעבריט... ווי עס שטייט — האָט בנבנישתי, מעשה למדן, זיך צע־וויגט אין דער ברייט און אין דער לענג — והמלך דוד זקן בא בימים.

2) אָקאַזיאָן — א געלעגנהייט.

ויאמרו לו עבדיו: יבקשו לאדוני המלך נערה בתולה ושכבה בחיקך —

עובדיה וואָס איז געווען געשלאָגען אויף עברי און נישט פאַר-שטאַנען בנבנישתים זאָגעכץ, האָט אים אָנגעקוקט ווי א תם און ווײַ-טער געטענהעט:

— ביים אַלטן ישמע אליוף אַרבעט נישט דער מאָגן, די אָדערן זוערן ביי אים פאַרקילט, די ביינער — פאַרטריקנט און די ליפּערסט אים הענדעלעך!

— כ'זע אז מיט דיר, א פערסישן יהודי, טאָר איך נישט צופיל איינטענהען, דערצו קומסטו נאָך פון שושן הבירה. מה דאָך, דיין בן-עיר, אחשורוש איז געווען א מלך טפש, ווי שוין דו, א פּראָסטער פוס-גייער זיינער — האָט ביי בנבנישתין זיך געקאָלערט א געלעכטער אויף די שפּיצן ציין — אָבער נאָכאמאָל זאָג איך דיר, ער וועט פאַרדייען דאָס הענדעלע, דיין באַלעבאָס, אָט דער בוכאַרלער נואף, אוי וועט ער פאַרדייען!

בנבנישתי האָט געהויבן די פיס צום שטיינערנעם הייזל. עובדיה מיט דער בייטש אין האנט איז אים נאָכגעגאַנגען. בנבנישתי האָט גע-טראָגן פאַרן בוכאַרער זקן די בשורה פון א ווייב, און עובדיה — פון הונגעריקע פערד. גייענדיק האָט עובדיה איבערגעגעבן דעם שדכן וועגן די שטאַלן, וואָס זענען ליידיק פון פאַשע, וועגן דעם אויסגעדאַרטן אָגער וואָס בענקט נאָך א קאָבילע. בנבנישתי א מפונק אויף מענטש און אויף בהמה, האָט אַלץ אויסגעהערט. דאָס געלעכטערל האָט אַלץ זיך געקאָלערט אויף די שפּיצן ציין. און ווען זיי זענען צוגעקומען צו דער שוועל פון ישמע אליופס הויז, האָט דער דורכגעטריבענער שדכן פאַרהאַלטן דעם שומר און געבלאָזן אויף אים מיט זיין שווערן אָטעם:

— פון דיר פערד-יונג, וועט דער אַלטער איצט בלויז האָבן עגמת-נפש. און ווייסטו אים דערצערנען, פאַרליר איך מיין „אָקאַזיאָן“, פאַרשטייסט? פון דיין בשורה — דאַרף ער ווערן א בעל-הוצאה, פון מיינע — א בעל-הכנסה. טאָ לאָז מיך דעם ערשטן!

אז בנבנישתי האָט זיך באַגעגנט מיטן אַלטן ישמע אליוף, איז דער בוכאַרער זקן, ווי א אָנגעגאָסענער פּאַשא, געווען איינגעוויקלט

אין בייטשן רויך, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון דער נאַרגילע-שלויך. ער איז געזעסן אויף א געפלאָכטן פוס-בענקל, אין די זאָקן, ווי אן אבל. דאָס פּנים ברייט, אָנגעקרעפּט. אויף דער נאָז א גראָב רויט פּעפּערל, אזוי אָנגעבלאָזן, גלייך ס'וואָלט געהאַלטן ביים פּלאַצן. דאָס קול, ווי א בויך-שטים, איז געפאַלן מיט א גרעבץ:

— אַלע וויסטע און טרויעריקע זעענישן איבער דיין האַלדז און נאַקן, די פּריילּיכע — איבער מיינעם... ווער האָט דיר אריינגעטריבן צו מיר אין אזא שלאַקס־רעגן? ענטפער, שוחט!

אן אויפגעהייטערטער פון דעם ברוך-הבא, האָט בנבנישתי זיך א פּאַטש געטאָן מיט די הענט איבערביידע קניען, גענומען ווארפן מיט דער שפּיץ צונג צווישן צוויי שורות ציין, ווי א פּאַקוסניק פון אַלעק-סאַנדריע. פון תענוג האָט דאָס פּנים ביי אים זיך געקנייטשט און גע־קאָרבט אין טויזנטער פאַלדן.

— זאָגט עס איבער נאָכאַמאָל ר' ישמע אליוף! זאָגט עס איבער! מימרות און שפּרוכן הערט מען פון אייך! איי, איי, די בוכאַרלער האָ־בן א לשון! האָניק טריפט פון זייערע מיילער...

ישמע אליוף האָט א טיפן צי געטאָן דעם נארגילע-שלויך. די קוילן האָבן אויפגעגליט. דאָס וואסער האָט אין דער בייכיקער פלאַש א פּליוכקע געטאָן. די חניפה־רייד האָבן אים געגלעט, ווי ס'גלעטן בשמים דאָס לייב פון א הארעם־ווייב.

ער איז ווייכער געוואָרן:

— כ'האָב געפרעגט, ווער ס'האָט דיר אריינגעטריבן אהער, שוחט?

— איר רופט מיך שוחט, ר' ישמע אליוף? קיין חלף איז קיינ-מאָל צווישן מיינע ציין נישט געזעסן. און מיין האנט האָט קיינמאָל קיין הינערישן ושט נישט איינגעשניטן...

— אָבער דעם ושט פון נישט איין אָקס האָסטו איינגעשניטן. האָ? נעמסט געזונטע מאנסבילן און פירסט זיי גלייך צו דער שחיטה. צו־ערשט האָסטו אָפּגעקוילעט דעם חכם פון דער בולגארער עדה, שפּע-טער אונזער שול-גבאי, איצט נעמסטו זיך צו מיר? און מיינסט טאַ־

קע, כ'וועל דיר נאָכגיין ווי א קעלבל? אָבער אויסהערן וועל איך דיר. רייד, נאַרן־קאָפּ!

דער שדכן האָט זיך איינגעקאָרטשעט. ער האָט א הויב געטאָן די הענט איבערן קאָפּ, דערנאָך זיי צונויפגעלייגט איבער די אקסלען, אזוי, אז די עלנבויגנס האָבן אויסגעזעען ווי ער וואָלט זיך געקליבן טאנצן א לצים־טאנץ. ער האָט אָנגעהויבן מיט א ניגון:

— אהבתי את אדוני! און ווייל כ'האָב ליב מיין האַר, ברענג איך אים א בתולה מן המבחר, א יפת־תואר, משופרא דשופרא, א דערקוויקעניש פאַר די ביינער, א דערוואַרעמניש פאַרן אלטן גוף.

— הער אויף מיט די גוזמאות און רייד צום תוך, וועמען ברענגסטו מיר? — האָט ישמע אליוף א צי געטאָן די ברעמען ווי האַלבע לבנות — אָבער איידער דו רופסט אָן דעם נאָמען פון דער בתולה, בנבנישתי, זאָג מיר, ווען דו קענסט מיך נישט אזוי, נאָך פון דזשעמעל פאשאס צייטן. און איך פאַרשטעל זיך צו דיר אזוי פאַר אַן אַלמן, צי פאַר א גרוש און אין דער אמתן האָב איך גאָר מעבר לים געלאָזט זיצן אַן אשה, אַן עגונה, און טאקע א זקנה, וואָלסטו דעמאָלט מיר אויך אָנגעבאָטן א יפת־תואר? ענטפער בנבנישתי!

בנבנישתי וואָס איז פאַר א וויילע צעטומלט געוואָרן פון דער שאלה, איז באלד געקומען צו זיך. ער האָט נישט געלאָזט אַז די רייד זאָלן אים קרענקען, ווי פיש־גרעטן, אין האלדז, און ער האָט זיך צעשאָקלט:

— ווען איר ר' ישמע אליוף וואָלט אפילו איבערגעלאָזט א חפץ מעבר לים, אין בולגארלער לאַנד צי אין בוכאַרלער לאַנד, וואָלט עס אונז ירושלימער יהודים נישט געדאַרפט אַרן. דאָ אין ארץ־ישראל ענדיקן זיך אלע תחומים און אלע גלות־מנהגים, און ווען איך האָב צו זאָגן, וואָלט איך מבטל געמאַכט אפילו דעם חרם דרבנו גרשום... וואָס קוקט איר מיר אזוי אָן? יאָ, יאָ, ר' ישמע אליוף, דעם חרם האָט געמאַכט אַן אשכנזיישער גאון, דערצו פאַרן גלות, און כ'זע נישט אין דעם שכל. אי ס'בלייבן פאַרזעסן יידישע בתולות, אי ס'שטערט צו דער מצוה פון פריה ורביה. ס'איז ניט קיין געבאָט פון דער תורה.

— ס'איז דאָך אבער א מנהג־ישראל — איז ישמע אליופן געפעלן געוואָרן דעם שדכנס דרוש.

— נישט קיין מנהג־ישראל, נאָר א מנהג־אשכנזים — האָט בנבנישתי אָפּגעשטריטן — און אויב שוין יאָ זיך אראָפּנעמען א מוסר־השכל, פאַרוואָס עפּעס פון יעדן אשכנזישן חכם צי רב און נישט פון די מלכים, פון די אבות? וויפיל ווייבער האָט דוד המלך געהאַט? און שלמה המלך? און טאַקע יעקב אבינו? לאה, רחל, בלה, זלפה, זענען זיי דען נישט געווען קיין קעבס־ווייבער? און ווען נישט אָט די אמהות, וואָלטן מיר דען געהאַט צוועלף שבטים? מה דאָך די אבות האָבן געמעגט, ווי שוין מיר, בעוונותינו הרבים, וואָס לעבן אין אזא זינדיקן דור?

ישמע אליוף האָט שטאַרקער גענומען זויגן דעם שלויך. פון אויפרעגונג האָט דאָס פּעפּערל אויף דער נאָז זיך געפּענכערט, זיך געבלאָזן, ארויף־אראָפּ. ס'פייער פון די קוילן האָט אויפגעגליט, די בייטשלעך רויך האָבן זיך געקנוילט ארום זיין קאָפּ און ער האָט אויסגעזען ווי א פּריסטער צווישן וואָלקנס קטורת. ער האָט געשמייכלט:

— נישט בלויז וואָס דו ביזט א נואף און א שוחט, נאָר טאַקע א למדן אויך! איצט לאָמיר הערן, וואָס האָסטו מיר צו זאָגן וועגן דער בתולה. מיכה, מיכה, פּתח את פיך!

בנבנישתי האָט זיך נישט געאיילט גלייך צו ענטפערן. ער האָט א צי געטאָן צו זיך די רעכטע טייל פון די טערקישע פּאַלע־הויזן און האָט ארויסגענומען פון דער הינטער־קעשענע א שיטערע מעשענע קייט, וואָס מען קויפט אויף די מערק אין באגדאד, צי אין די „מאַסקי״3) פון קאַאיראָ. ער האָט גענומען וויקלען די קייט ארום דעם טייטל־פינגער, איינמאָל, א צווייט מאָל, דערנאָך האָט ער געלאָזן ארויסגעשלעפּט א רויטן שניפּ־טוך, גענומען איבערפּוצן איטלעכעס רינגל פון דער קייט מיט דער פּאַרזיכטיקייט פון אן אלעקסאנדריער חלפן, ווי־דעראמאָל געוויקלט די קייט ארום דעם טייטל־פינגער און ווען ישמע אליוף האָט פון אומגעדולד און אויפרעגונג געקריגן קורצן אָטעם, האָט

3) מאָסקי — אָריענטאלישע באזאַרן.

בנבנישתי געלאַסן אָנגעהויבן:

— יידישע טעכטער זענען געגליכן צו טויבן, ר׳ ישמע אליוף, און יידישע טעכטער זענען געגליכן צו רויזן, ווי עס זאָגט זיך אין שיר השירים — שושנת העמקים... און פונקט ווי ס׳זענען פאַראַן טויבן יחסנטעם וואָס האָדעווען זיך אין געשניצטע טויבן־שלאַקן, אַזוי זענען אויך פאַראַן טויבן וואַנדערנדיקע, וואָס פויזן אויף יעדן פאַררויכערטן דאַך, אויף יעדן קוימען־לאָך... און עס זענען פאַראַן רויזן וואָס וואַקסן ביי אַן עפענדי אין גאָרטן און מען קען אויך פאַקן אַ רויז וואָס גיט אַ שפּראָץ ארויס גאָר צווישן עיפּוש, נישט ווייט פון אַ מיסט-גרוב. אָבער די רויז בליט, שלאָגט מיט טייערע ריחות און וואַרט מען זאָל זי איבער-פלאַנצן... און אָט אַזאַ רויז האָב איך געפּאַקט. און ווייסט איר דעם נאָמען ר׳ ישמע אליוף? ראַזאַליע, ישמח, בעל־עגלהס טאָכטער!

— ישמח בעל-עגלהס? — האָט ישמע אליוף זיך אויפגעשטעלט אין זיין פולער הויך און אַ צערייצטער גענומען שפּרייזן איבערן רויטן טעפּיך — ער צאָלט מיר נישט, דער שווינדלער, נישט דעם קרן, נישט דעם רבית 4) צאָלט ער נישט. כ׳וועל אים פאַרקויפן די עגלה מיט די סוסים!

— דאָס וואָס מען רעדט! — האָט בנבנישתי זיך אַ פּאַטש געטאָן אין די הענט אריין — ביזטו אַ פאַרחובטער — מוזטו צאָלן דעם מעשר, און די רבית און דעם נכס, נישטאָ קיין אומזיסטע זאַכן. האָסטו נישט קיין ממון, צאָל מיט אַ חפץ, מיט אַ קאָסטבאַרן חפץ! קיין ממון ר׳ ישמע אליוף, וועט איר טאַקע פאַר אייערע אויגן נישט זען, ווי ס׳זעט נישט מער דער סולטאַן אבדול כאמיד זיינע יעוונוכן און זיינע האַרעם-ווייבער... אָבער דעם חפץ, כ׳מיין די בתולה ראַזאַליע — דאָס קענט איר יאָ אָנזען, און טאַקע נעמען אויך! און איצט ר׳ ישמע אליוף, באַנעמט איר שוין די כונה פון מיינע רייד?

ישמע אליוף האָט נישט געענטפערט. ער האָט נישט אויפגעהערט צו שפּרייזן איבערן טעפּיך. וואָס אַ שפּרייז — אַלץ מער רוגזה, וואָס

---

4) רבית — פּראָצענט.

אַ טראַט — אַלץ מער צאָרן. דער נאָמען ישמח האָט ארויסגערופן אַזאַ פּלאַקער, ווי מען וואָלט ביי אים געשטאָכן אַ בלאָטער. ער האָט געוואוסט אַז ישמח איז אַ פאַרשלעפּטע חולאת. ער צאָלט נישט פון אָנהויב אָן. דערצו האָט בנבנישתי איצט אינגאַנצן מקבר געווען דעם חוב. פאַרוואָס? ווייל ער זאָגט אים צו אַ יונג, היים לייב וואָס זאָל וואַרעמען די אַלטע ביינער? און ער ישמע אליוף, וואָס ווייס נישט פון מחילה, פון ותור, וואָס ווייס בלויז חשבון — קרן און רבית, רבית און קרן — וועט ער טאַקע נאָכגעבן?

ישמע אליוף האָט שפּרייזנדיק אַ קוק געטאָן אויף בנבנישתן, וואָס איז געשטאַנען מיט צעשפּרייטע הענט און פּיס, ווי אַ לץ, און אַ חשק האָט אים אָנגענומען אים אויסצופּראַסקען, אים צו טרייבן איבערן פּלויט, אַזוי טראַכטנדיק, זענען די שפּרייזן ביי אים געוואָרן ברייטער, צעצויגענער, ווי די שפּרייזן פון אַ קעמל איבער אַ מדבר־פּלאַך. און ווען ער איז געוואָרן מיד, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט זיך צו־געזעצט צו דער נאַרגילע, מיט תענוג גענומען זויגן דעם שלויך, ווי אַ איינשלעפערנדיק געטראַנק. דער צאָרן האָט זיך גענומען אויסוועפּן מיט די קנוילכלעך רויך. ער איז געוואָרן אָפּגעקילט. ער האָט אָנגע־שטעלט ביידע האַנט־פלאַכן ווי וואָג־שאָלן און ארויפגעלייגט אויף איי־נע — ראַזאַליען, אויף דער צווייטער דעם געלט־חוב. וואָס איז בילכער?

פאַר ישמע אליופן איז געווען בילכער ראַזאַליע. דער דורכגע־טריבענער וואוכער אין אים האָט אונטערגעזאָגט אַז ישמח האָט אויס־געצויגן די קאַפּיטעס, ער איז אַ מת און מיט מתים פירט מען קיין מלחמה נישט. פאַרפאַלענע חובות ליגט מען אין די קברים. דער געדאַנק אַז זיין חוב איז פאַרפאַלן האָט וואָך געמאַכט אַלע תאוהס צום שדכנס אָנבאָט, האָט געפירט צו שטילער הסכמה. ישמע אליוף האָט געוואָלט אויסבאַהאַלטן פאַר בנבנישתן די גרייטקייט איינצוקלאַפּן. און פון די טונקעלע פאַרברענטע ליפּן האָט זיך געקאָלערט אַ פראַגע:

— אויף אַן אַנדערן וועג קענסטו פאַר מיר די בתולה נישט קריגן?

— פון ששת ימי בראשית אָן איז נאָך קיין צוואַנציק יעריקע

נישט געגאַנגען גערנווילּיק צו א זעכציק־יעריקן — האָט בנבנישתי זיך צעשאָקלט ווי א טערקישער מועדזין — אויב ליבעניש, אויב גלוסטע-ניש טראָגט זיך אין האַרץ פון א יידישער טאָכטער, פעלן דען יונגע שלעגערס, פעלן דען שטארקע מאנסבילן. און איך וויל נישט מינערן אייער כח, ר׳ ישמע אליוף, אויב אברהם אבינו האָט אין זיין טיפער עלטער באוויזן א נס — א ברית — קענט איר, א געזונטער גבר, היינט אויך אזא נס באוויזן! מען דאַרף נאָר אָנגורטן די לענדן. איצט לאָזט מיר הערן, ר׳ ישמע אליוף, ווילט איר ישמח הער בעל־חוב זאָל ווערן אייער שווער? מעג איך גיין אין זיין הויז?

— כדבריך, כדבריך, — האָט ישמע אליוף ברומענדיק זיך אויפ-געשטעלט. די ברעמען האָבן זיך ביי אים געשטייפט, ווי הערנער. דאָס פּעפּערל אויף דער נאָז האָט זיך געבלאָזן. ער האָט ארויפגעלייגט זיי-נע שווערע הענט אויף בנבנישתים אקסלען און אים ארויסבאגלייט פון זיין הויז.

* * *

בנבנישתי האָט געהויבן די פיס מיט אזא געאייל, גלייך חיילות וואָלטן אים נאָכגעיאָגט. אין געלויף האָט דער קאָלירטער כאלאט גע-פלאַטערט. די רויטע פּאָלע־הויזן האָבן נאָכגעבאָמבלט. דער פרענז אויף דער פעסקע האָט זיך געוויגט און אלץ אויף אים האָט דערמאָנט די הלבשה פון א מכשף. אין דער מחשבה האָט ער שוין געציילט דעם שכר־טרחה. דאָס שדכנות־ממון האָט געקיצלט די האַנט-פלאַך. ער איז פארביי דאָס טונקעלע שול-געסל און א צעטראָגענער נישט געענט-פערט די עלטערע פרוכת-שטיקער און טליתים-נייער, וואָס זענען גע-שטאַנען אויף די שוועלן פון זייערע ווערקשטעלן און אים באגריסט מיט דרך־ארץ און הכנעה. דער רעגן האָט אויפגעהערט. די זון האָט געפלאַמט און אויסגעטריקענט די שליוזן וואסער, די גריבלעך בלאָטע און די אָנגעפילטע ראָוון. ער איז ארויסגעקומען אויף א פרייער גראָז-פלאַך. הינטער די שאָטענס פון די עטלעכע צעשטעלטע ביימער האָבן געבלאָזן ווינטלעך. און צעוויגט די יונגע פאַלמעס און עקאַליפּטוסן וואָס זענען געווען טונקל און ברוין־קאָרעדיק.

בנבנישתי אין שטיין געבליבן ווי אויף א שייד-וועג, פון גרויס צעטומלעניש פארגעסן, אז ס'זענען נישטאָ קיין צוויי דרכים. פאראן בלויז איין וועג, איין שליאך — צום הויז פון ישמח בעל־עגלה.

פון א געסל איז אקעגן געקומען א באָרוועסער אראבער, אין א צעפליקטער אבאיע, פירנדיק הינטער זיך א רייט־אייזעלע מיט א קאַ־לירטן זאָטל. דער אראבער האָט אָפּגעשטעלט דעם שדכן:

— באַרכאַבאָ יאַ עפענדי! פון אזא לויפן וועלן דיר די פיס גע-שוואָלן ווערן און ס'וועט דיר אָטעם אויספעלן. ווילסטו נישט צוריי-טן? פאר צוויי פיאסטער, יאַ עפענדי, פיר איך ביז צום יפוער טויער.

בנבנישתי האָט באטראכט דעם אָפּגעשליסענעם טרייבער, וואָס האָט זיך אוועקגעשטעלט ווי בלעמס אייזל, פארשטעלט אים דעם וועג און געענטפערט:

— נישט פאר מיין שליחות טויג דיין אייזל, חאביבי. ביז כ'וועל מיך צושלעפּן מיט אָט דער פוילער פּרדה 5) צום מחותנם שטוב, קען שוין דאָס פּאָר אָן מיר האלטן ביים ברית...

דער אראבער האָט אָפּגעטרעטן. בנבנישתי האָט געלאכט פון דעם פארקאָפּטשעטן ישמעאלי, וואָס האָט שכל פון אן ארמענער און חשק פון א טערק. ער, בנבנישתי, וואָס קען צוליב א דבר-מצוה, מיט זיינע פלינקע פיס, שפּרינגען איבער פלויטן, היפּן איבער גריבער — אים, באַט אָן אָט דער פּעלאכן־קאָפּ — א שלעפּ־אייזעלע? מיט רייד אויפן גומען, מיט ווינט אין די פּאָלע-ארבל און די הענט צעשפרייט, ווי א צעפליגלטע מיל — אזוי האָט בנבנישתי זיך געטראָגן איבער די שמאָלע סטעזשקעס. ס'איז אים געוואָרען הייס. די זון וואָס האָט נאָכן רעגן צעריסן די כמארעס, פונאנדערגעשארט זיי, האָט איצט גע-פלאַקערט, האָט אָנגעהייצט הימל און ערד. ער האָט זיך ארייגעלאָזט אינם קווארטאל גבעת-שאול. ס'איז געוואָרן שאָטנדיקער. די ווינט-לעך וואָס האָבן געבלאָזן איבער די בערגלעך, האָבן צעוויגט די צע־

5) פּרדה — מויל־אייזל.

שויבערטע פּאַלמע־קעפּ וואָס ארום די אָפּגעצוימטע גאָרטנס. בנבנישתי האָט געשפּרייזט מיטן טאָל, וואָס האָט זיך געקאָלערט צום אראבישן קוואַרטאַל. שטיינערנע פּלויטן האָבן ארומגעגאַרטלט מאכמעדאנישע הויפן און אָפּגעטיילט אראבישע שכנים פון יידישע. בנבנישתי האָט נישט געטראכט וואוהין ער גייט. די אויגן זענען ביי אים געווען פאַר־האַקט, ווי ביי א פרומען מאכמעדאנער, ווען ער טרעט אריבער דעם אבן־השתיה. דער אימפּעט האָט אים געטראָגן און נישט פארפירט אויף קיין אומוועגן.

ביי בנבנישתן אויף דער האַנט־פּלאַך איז אַלץ געווען אויסגע־פּלאָנט. נישט בחינם האָט ער אויסגעמיטן ישמחס הויז, אין בוכאַרי־שן קוואַרטאַל איצט, און נישט אָפּגעשטעלט זיך איינטענהען מיטן ווייב, די ערשטע דבורים דאַרפן זיין מיט אים, מיט ישמחן אַליין, ווי עס פירט זיך ביי ספרדים, פון קדמונים. און ישמחן קען ער טרעפן ביי זיינע פערד. און ווען בנבנישתי איז ארויס אויפן ברייטן שאָסיי וואָס האָט זיך געצויגן פארביי דעם „טאָל פון גהינום", האָט פון דער־ווייטנס זיך ארויסגעזען דאָס יפוער טויער, וואו ארום, אין אריינפאָר, זענען געווען צעשטעלט פערד און וועגענער פון יידישע און אראבישע בעלי־עגלות.

בנבנישתי האָט זיך געפּלאָנטערט צווישן די שורות וועגענער און זיך געוואונדערט, וואָס די אראבישע און יידישע בעלי־עגלות שטייען צוזאמען, גלייך ס'וואָלט איצט נישט געווען שעת־חירום, וואו ייד און אראבער האַלטן שוין אריבער צוויי יאָר מלחמה, גלייך פון יענער זייט יפוער טויער, וואו ס'קאָלערט זיך די אַלטשטאָט, וואָלט זיך נישט גע־הערט יעדע שעה, ס'קנאַלעריי פון אויפגעריסענע באָמבעס, פון שיסע־רייען.

בנבנישתי האָט זיך דערמאָנט אָן דעם היתר וואָס די מוסולמענער האָבן געקראָגן, פון דער „כאַדיסע", אז דער נביא האָט באפוילן צו זיין גוט צום שכן, אפילו ווען ער איז א כופר און באטריגער. פונדעסטוועגן האָט ער מורא געהאַט פאַר די אראבישע פורמאנעס שרעקנדיק זיך, א בייטש זאָל אים נישט אָפּמעסטן. ער האָט זיך געשאַרט ביי דער

שטיינערנער וואנט און געזען, ער זאָל זיין אונטער די אויגן פון די געציילטע ענגלישע זעלנער וואָס האָבן באוואָפנטע דאָ און דאָרט זיך געדרייט ארום די ליקעס און געסלעך — ליקעס און געסלעך — די שטיינערנע טרעפּ צו דער אלטשטאָט.

ישמח, אַן אַנגעגאָסענער, אויסגעבעטער מאַנסביל, פליש און בלוט, אין א בוכארישע זשופיצע, איז געשטאַנען ביי א שטיינערנעם פּלויט איבער זיינע צוויי „ברויט-געבערס", — ברוינע, אויסגעמאָגערטע אָגערס. ער האָט זיי אויסגעטאָן ס'געשפאַן, ווי מען טוט אויס אונטער־בגדים, דערנאָך האָט ער געבליאַפּעט איבער זיי מיט עמערס קאלט וואסער און געבארשט די בייכער און די רוקנס מיט א הארטע דראָטענע בארשט, אז דרעשטשעס זענען דורכגעגאנגען איבער די פערדישע לייבער. ביים בארשטן איז די פעל ביי די פערד געוואָרן האַריג, אויסגעצוואָגן און דורכזיכטיק געציטערט אקעגן דער זון. און ישמחן האָט אזא הנאה געטאָן פון דעם „שפריץ", וואָס זיינע סוסים האָבן אריינגעכאַפּט, אז ער האָט איילנדיק גענומען פארוואַרפן אויף זייערע קעפּ די כאָמעטס. ער האָט זיך אויסגעדרייט, דערזען אַנקומען בנבנישתן און געעפנט א פּאָר רציחשע אויגן:

— ווי קומסטו דאָ אהער? וואָס פארא יום-טוב אינמיטן וואָך?

— דער יום־טוב וועט זיין ביי דיר ישמח, און איך, בנבנישתי, וועל זיך אויך משמח זיין.

ישמח האָט אראָפּגערוקט איבערן שטערן די אראבישע טשאלמע ווי א צעפאָרענע יארמעלקע. ער האָט אָנגעשטעלט אויף בנבנישתן דאָס רעכטע אויג. דאָס לינקע האָט ער האלב פארמאכט, אָפּן געלאָזט בלויז א שפּעלטל, אָפּן געלאָזט דאָס פארלאָפענע ווייסל וואָס האָט געצוקט, ווי א שטיק, פארוואָלקנטער הימל, איידער ס'ברעכט אויס אין א שטורם. בנבנישתים אַנקום האָט אָנגעיאָגט בייזע בשורות, האָט גערעדט א לשון, וואָס ער פארשטייט נישט. ער, ישמח איז אין קיין „מאַדראַסאַ" 6) נישט געגאנגען, האָט קיין פּסוקים נישט געלערנט.

---

6) מאַדראַסאַ — שול.

אָבער צונויפריידן זיך מיט אַ מענטשן, דאָס קען ער. די צונג ווייס נישט פון חניפה, ווייס נישט פון באַהעלטעניש. זי פרעגט:

— גאָט זאָל דיך אונטערלעגן, חכם בנבנישתי. דו ווייסט אַז צווישן עפענדים 7) און קאָפּ־מענטשן וועסטו מיין האנט און פוס נישט געפינען. יעדער דאַרף זיך האַלטן ביי זיין שטאַנד. דער חכם ביים ספר, איך ביי די לייצעס. מיין זייט איז שטענדיק דאָ אויף דער קעלניע. אָבער ס׳לשון פון לעבעדיקע באַשעפענישן פאַרשטיי איך אויך. צו מיינע שטומע פערד רעד איך מיט דער בייטש, צו מענטשן — מיט דער צונג. אָבער אַז מען מאַכט מיר מח־שווינדל, קען איך פאַרבייטן די יוצרות אויך... דעריבער זאָג חכם בנבנישתי, אָבער אויף איין פוס, וואָס האָט דיר געבראַכט אַהער יעצט צו מיר?

בנבנישתי האָט אַרויסגענומען די לויזע מעשענע קייט און זי גענומען וויקלען אויף די פינגער.

— גערעכט, ישמח, ביזט גערעכט, כאָטש קיין בר־ספּרא ביזטו נישט. אָבער שכל האָסטו מער פון אַ פערד־שמייסער און אַ געשאַנק האָט דיר גאָט געגעבן, אַ טאָכטער! ווי זאָגט זיך אין דער כאַדיסע? נישט קיין פּסולע פּרי, און אויב דו ווילסט דיר איצט קויפן אַ יחוס, אַ געלט, האָסטו אַן אָקאַזיאָן — אַן איידעם, כפתור ופרח! ר׳ ישמח, כ׳טראָג דיך אַ בשורה. ר׳ יצחק ישמע אליוף אליין גלוסט צו דיין טאָכטער ראַזאַליע.

ביי ישמחן האָט זיך צוריק געעפנט דאָס לינקע אויג, ברייטער, גרעסער. דאָס רעכטע, דאָס לינקע —ביידע אויגן זענען געוואָרן פלאַ־מען. די ראיה האָט זיך געצונדן און געוועזן אָנגעלאָדן מיט בליצן און דונערן. ער האָט אַרויפגעשאַרצט די אַראַבישע טשאַלמע, דערנאָך איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פון דער עגלה, האָט אָנגענומען בנבנישתן פאַרן רעכטן אָרעם און אַ שפּרייז געטאָן פאַראויס. ער האָט פאַרריסן דעם קאָפּ אין דער הויך, אַ קוק געטאָן איבערן קאַרניז פון „יפוער

---

7) עפענדיס — פּריצים.

טויער״ ווו פון גראניט איז געווען אויסגעהאקט א אויפגעהויבענע האנט, אָפּגעבראָכןביים געלענק.

מיט רציחה האָט ישמח אויסגעשטרעקט זיין האַריקע, אויסגעבאַקענע האַנט-פלאַך:

— זעסט אָט די אָפּגעהאַקטע האַנט? ווייסט ווער דאָס האָט געטאָן? דאָס האָט נאַפּאָלעאָן קיסר אַמאָל אָפּגעהאַקט, ווען ער האָט אַריינגעריטן נאָך ירושלים און נישט פּאַרטראַגן, וואָס קעגן אים שטייט א פּויסט. בחיי, 8) ווי כ׳בין א יהודי! אַזוי וועל איך אָפּהאַקן דיין קאָפּ, דיין למדנישן קאָפּ, אויב ער וועט שטיין קעגן מיר, אויב דו וועסט אָנרירן מיין קינד.

בנבנישתי וואָס האָט געציטערט פאַר זיין קאָפּ, נישט ווייניקער ווי ישמח פאַר זיין קינד, האָט זיך געטאָן א צי אויף צוריק. באַלד האָט ער זיך מישב געווען, איינגעזען אַז ווער ס׳זוכט מלחמה-פּרנסה, מוז קענען זען די שאַרף פון א פייל. און ער האָט זיך געררוקט פאָרויס.

— אַז דו וועסט זיך צוהערן צו מיר ישמח, וועסטו פּטור ווערן פון דיין חוב. און אויב נישט — וועסטו פּטור ווערן פון די לייצעס.

— וואָס מיינסטו?

— דאָס וואָס דו הערסט, ישמח. ער וועט דיר פאַרקויפן די סוסים!

ישמח איז בלייך געוואָרען. ער האָט געוואָלט א הויב טאָן די בייטש און זי אָפּציען איבער בנבנישתס קאָפּ, אַזוי אַז דעם מנוול זאָלן בלייבן פּאַסן און קאַרבן אויפן גנבהשן פּנים. וואָס פאַרא בייזער שליח? באַלד האָט ער זיך צוריקגעצויגן. ער האָט אָנגעכאַפּט בנבנישתן פאַרן קאַרק, האָט געקנעטן מיט די קנאַכיקע פינגער זיינע אַקסלען און געשריגן.

— ווי כ׳בין א יהודי, בנבנישתי! כ׳וועל אים אָפּשינדן ווי א פיש. אַז כ׳קען צוממיתן אַן אַראַבער וואָס שטייט מיר אין וועג, אַז כ׳קען אָפּרוימען א באַזויפּעגעם מוסולמענער, וועל איך מיר מיט אָט

8) בחיי — ביי מיין לעבן!

דעם מתושלח אויך אַן עצה געבן. אַ באַלעבאָס איבער מיינע סוסים?
— יאָ, דאָס איז ער, אָבער איבער מיינע בני־בית — מכות בכורות!

ישמח האָט אַ פּאָכע געטאָן מיט דער בייטש אין דער לופט, האָט אַרויסגעלאָזט אַ קנאַל, צו פאַר׳כפּל׳ן דאָס געוויכט פון זיינע וואָרנונגען, בנבנישתי וואָס האָט זיך דערשראָקן פאַר די דבורים פון פערד־שמיי-סער, האָט איינגעזען אַז ס׳איז אַ סכנה ווייטער צו פירן דעם שמועס. ס׳גלייכסטע איז איצט צו הויבן די פיס, אָפּציען... ער האָט פאַרבאַהאַל-טן די מעשענע קייט. ער האָט אונטערגעהויבן די פאָלעס פונם שטרייף־כאַלאַט און געערעדט צום בעל-עגלה:

— נאָר אָן רציחה, ישמח, אַז אַ יפועד יהודי איז אין כעס הייסט מען אים טרינקען ים־וואַסער, אָבער אַ ירושלימער, מוז טאַקע אָפּקומען מיט אַ טרוקענעם גומען, מיט עגמת-נפש. דעריבער ישמח, אַז די היץ אין קאָפּ וועט פון דיר אַוועק, זאָלסטו זיך פאַרטראַכטן איבער מיינע רייד, זאָלסטו איבערקלערן. ס׳ברענט נישט. נאָר אָן איילעניש. מיי־נע שיפן שטייען נאָך פאַראַנקערט. כ׳האָב צייט. כ׳וועלריידן מיט דיר מאָרגן!

* * *

ישמח האָט געהויבן די בייטש און בנבנישתי — די פיס. וואוהין איצט זיך צו איילן, האָט בנבנישתי אפילו קיין איין רגע זיך נישט פאַרטראַכט. אַלע חושים אין אים האָבן אונטערגעזאָגט, אַז צום ווייב, צו ישמחס ווייב, צו דער סאַביכע. ביי ישמחן האָט ער אָנגעצונדן אַ פּלעמל, פון פלעמל איז געוואָרן אַ געפלאַקער, אַ שרפה. און זי, די סאַביכע וועט מיט איר מויל, ווי מיט האָגל און רעגן די שרפה לעשן. דער וועג איז געווען אויסגעפּלאַסטערט. פון קוואַרטאַל אוהל-משה ביז שכונת-אהרון, פון דאָרט ווידער צוריק צו גבעת־שאול.

דער וועג האָט זיך געוויקלט צווישן באַרג־סטעזשקעס און איינ-געבראָכענע גריבער. דאָס שפּריייזן איז געוואָרן שווערער, די פיס — מידער. בנבנישתי האָט חשק געהאַט אַריבערצוקומען אַזאַ וועג מיט קפיצת־הדרך. ער האָט זיך אַ קערעווע געטאָן רעכטס. אויף אַ שטיין, מיט די פיס הינטער זיך, ווי אַ פוילער טערק איז געזעסן אַ הויכער

באָרוועסער ספרדי מיט א פּנים פון א סרים. דער ספרדי האָט געהאַל־טן אויף די קניען א שטרוי־געפלאָכטענעם טעלער, באַלייגט מיט כל מיני פרעסערייען: רויטע פּעפּערלעך, איילבירטן, געבראָטענע אַרבעס, טייג־פּיטעס.

בנבנישתי האָט דערשפּירט א נאָגעניש ביים האַרץ. די געריכן פון די מאכלים האָבן געקיצלט די נאָז־פליגל. ס'שפּייעכץ האָט געטריפט איבער די ליפּן. נישט טראַכטנדיק לאַנג האָט בנבנישתי אַרויסגע־קראַצט פון א הויזן־פּאָלע א געלעכערטע טאַריפּע 9) און עס א וואָרף געטאָן אויפן געפלאָכטענעם טעלער. פאר דער מטבע האָט ער זיך אַראָפּגענומען א פעפערל און צוויי גרינע איילבירטן. ער האָט גע־שפּרייזט און געגריזשעט ס'מאכל מיט אזא הנאה, ווי נאָך א שווערן תענית. ס'קומט אים א בעסערע סעודה — האָט ער געטראַכט — ס'קומען אים מעדני־מלך. בנבנישתי האָט אָבער קיינמאָל נישט פאַר־לאַנגט קיין שכר, איידער די אַרבעט איז געווען אָפּגעטאָן. נישט בחינם האָבן די בוכאַרער שכנים געקוקט אויף אים, נישט בלויז ווי אויף א שדכן, נאָר געקוקט אויף אים ווי אויף א חכם, א תנא. דער־צו האָט אים אַרויסגעהאָלפן זיין הלבשה, דאָס לומדישע פּנים. מען ווייס זיין ווערט. א שונא־בצע, איז קיינעם נישט נושא־פּנים, לאָזט זיך איבער מרחקים און איז מזוג זווגים.

אַז בנבנישתי איז צוגעקומען צום נידעריקן פּאַרקאַן פון ישמחם הויף, האָט אים א שלאָג געטאָן אין פּנים וואָלקנס מיט וואַרעמע פּאַרע. אויף יענער זייט פּאַרקאַן איז געשטאַנען ישמחם ווייב, בוסא אַלפּא־ראַדזשאַ איבער צוויי גרויסע באַליעס מיט וועש. קנוילן פּאַרע, ווי לאָקאָמאָטיוו־רויך האָבן זיך געוויקלט אין דער לופט. בוסא אַלפּאַ־ראַדזשאַ אַליין האָט זיך געדרייט איבערן הויף, א הויכע, אַן אויסגע־זעגטע, אין א שווערע, צעפּאַלדעווועטע ספּודניצע. און דאָ וואו די ספּודניצע האָט זיך געענדיקט, האָבן זיך אַרויסגעזען די נאָגאָוויצעס פון א פּאָר לאַנגע רויטע הויזן, פאַרקנעפּלט ביי די קנעכלעך. אויף די

---

9) טאַריפּע — ארץ־ישראלדיקע מטבע.

פּים מענערישע שטעק־שיך. דער צעקנאָדערטער קאָפּ שוואַרצע האָר, באַדעקט מיט גרינע טאַשמעס האָט איינגעטונקען דאָס טונקעלע פּנים, דעם שטערן און אפילו די אויערן, פונוואַנען ס'האָבן זיך אַראָפּגעוויגט שווערע רייפן־אויערינגען.

בוסא האָט געדרייכערט טערקישע פּאַפּיראָסן, האָט געשפּיגן דורך די ציין און געליאַרעמט אויף אַן אַלטע, איינגעשרומפּענע אַראַבקע, וואָס האָט געהאַלטן צווישן די פּאַרלייגטע פּיס אַן אָנגעשטאָפּטע באַליע און געריבן אויף א וואַש־ברעט די גרעט.

— באַרכאַבאַ 10) שוועסטער בוסא אַלפאַראַדזשאַ! — האָט בנבנישתי אַריבערגעשריגן אויף יענער זייט הויף.

בוסא האָט א פאַרוואונדערטע זיך אויסגעדרייט אין דער ריכטונג פונוואַנען ס'קול איז געקומען:

— באַרכאַבאַ, חכם בנבנישתי! מען דאַרף פּויקן אויף דער טאַראַבוקאַ. 11) וואָס עפּעס אינמיטן דרינען? ווייזט אויס אז בייזע הינט לויפן אַרום אין די היצן און „מנשאים" 12) — אין די רעגנס און קעלטן. וועלכע גוטע בשורה האָט דיך געבראַכט אהער? כ'שטוים זיך אָן אז דו ביזט געקומען ריידן מיט מיר וועגן מיין שוועסטערן־טאָכטער, די פאַרזעסענע לונא. כ'וויים זי איז רייף פאַר א מאַן. פריער, מיט צוויי יאָר אהינטער, האָבן די מנשאים אָפּגעריסן די טירן. און ס'איז געווען איבער וואָס זיך צו רייסן. זי איז געווען שיין — א רויז פון סטאַמבול! — און היים ווי א האַרעם־ווייב. היינט איז זי גע־וואָרן אָפּגעוועלקט. דערצו איז זי אַן אָרעמע. זי האָט נישט קיין איין באַשליק „קאָנטענט" 13). אָבער אפשר האָט אויף איר געוואָרפן אַן אויג אַן אשכנזי, א ציוני, אַלאַ פראַנקאַ. מען זאָגט זיי יאָגן זיך

10) באַרכאַבאָ — ברוך הבאָ!

11 טאַראַבוקאַ — אָריענטאַלישער אינסטרומענט, ענלעך צו א פּויק.

12) מנשאים — שדכנים.

13) קאָנטעט — נדן.

מער נישט נאָך די שפּאַניאָלישע סעניאָרינעס... זיי האָבן ליב אונזע־רע הייסבלוטיקע טעכטער, כאַ-כאַ־כאַ-כאַ!

בנבנישתי וואָס האָט געזוכט אָפּצושטעלן דעם שטראָם רייד פון בוסא אַלפּאַראַדזשאַ, האָט איצט אויסגענוצט די רגע, ווען זי האָט זיך ברייט צעלאַכט און געענטפערט:

— האָסט נישט געטראָפן שוועסטער בוסא אַלפּאַראַדזשאַ, כ׳בין נישט געקומעןריידן וועגן דיין שוועסטערן־טאָכטער לונא. זי האָט אויך א הויף, און אויב מען וועט דארפן — דער אל רחום וועט עפּעס אונטערשיקן — וויים איך וואו צו טרעפן. צו וואָס טראָג איך אין בוזים א פּנקס געבונדן אין פּארמעט, צו וואָס, שוועסטער בוסא? און אין פּנקס זענען אלע נעמען און וואוין-ערטער פון די ירושלימער בתולות פארשריבן. פארשריבן זענען זיי? אויסגעברענט מיט קוילן ווי די עשרת-הדברות! וועגן וואָס כ׳בין געקומען — איז צו דיין אייגענע טאָכטער, צו ראָזאַליען, און דער חתן איז א בוכארלער נגיד. קענסט אים, בוסא, ר׳ יצחק ישמע אליופ.

— נישט נאָר ביזטו חסר דעה, חכם בנבנישתי, נאָר טרייבסט אויך ליצנות פון מיר, אן אָרימע פרוי — האָט בוסא שוין צוגע־שפּרייזט צו דער זייט פּארקאָן — ווייסטו דען נישט אז ראָזאַליע האָט שוין א יונג, א באַשערטן? און ווען זי האָט נישט, וואָלט זי דען אָנ־געקוקט א בוכארלי, דערצו א זקן? איך בין נאָר אזוי משוגע געוועזן און זיך אָנגעהאָנגען א בוכארלי, א פערד-שמייסער פאר א מאן. און די בוכארלער שמייסער באגייען זיך דאָך מיט די ווייבער פונקט ווי מיט די פערד. און דערפאר פינסטער איך אזוי אָפּ מיין לעבן... ווען כ׳בין יונג געוועזן, האָט א טערקישער וועזיר 14) נאָך מיר זיך געיאָגט. פּערל האָט ער מיר צוגעזאָגט, בראַסלעטן, האלדז-בענדער און א ווייס הויז ארום באַספּאָר... און איך? נאָר ליבעניש, נאָר גלוסטעניש האָב איך געזוכט. אָבער וואָס וועל איך פאר דיר אויסוויינען מיין הארץ? ווער דו זאָלסט נישט זיין, חכם און מיט וואָס דו זאָלסט נישט קומען, ביזטו

14) וועזיר — מיניסטער אָדער מלוכה-באאמטער.

מיין גאסט. נעגטער, חכם בנבנישתי, טרעט איבער די שוועל. וועסט טועם זיין פון די שפּאַניאַלישע מאכלים, וואָס איך די טערקין קאָך און מיין מאַן האָט ליב. כ׳גיי קאָכן „קאסקוסא״.

אריינגייענדיק אין הויף האָט בנבנישתי געקלערט, אַז ווען ישמחס ווייב, אָט די אַלטע פּוטיפרע בעט אים אריין, וועט זי זיך לאָזן ריידן. און פון ריידן ביז איבעררײדן — דערצו דאַרף מען בלויז נישט זיין קיין כבד-פּה, מען דאַרף האָבן חתוך־הדבור — און דאָס האָט ער, בנבנישתי.

אין קיך האָט בוסא אראָפּגענומען פון וואַנט א רונדיק לאָקשן־ברעט. זי האָט געפּענט א סאמעט-זעקל, ווי א טלית-בייטל, מיט מעל. זי האָט אָנגעשאָטן איבערן ברעט א בערגל, האָט צעשלאָגן א פּאָר אייער, אָנגעמאָסטן א קריגל בוימאייל און אײדער בנבנישתי האָט זיך צוגעזעצט אויף דער ערד, אויף א שטרויענעם טעפּיך און פון באַקוועמלעכקייט זיך לויז געבונדן דעם כאַלאַט, אויסגעטאָן די שיך — האָט בוסא מיט אירע געשיקטע ווייבערישע הענט שוין געהאט פאַר־פּאַטשט א טייגל, הארט ווי א קיזלשטיין. זי האָט אויסגעצויגן פונם טייגל א לאַנגן פּלעכט און עס אויסגעוויקלט איבערן ברעט, ווי א שלאַנג. דערנאָך האָט זי מיט א האַק-מעסער גענומען אויסהאַקן פּירעקיקע קלעצלעך.

בנבנישתי האָט נישט געהאט קיין זיץ־פלייש. ווי נאָר ער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, האָט ער געוואָלט מיט בוסאן אָנהויבן דעם משא ומתן. ער האָט זיך געשראָקן, אַז ווען ישמח זאָל באַלד אין הויז אריינפאַלן, איז אַלץ פאַרשפּילט, איז אוים מיט זיינע ביינער. פון קיך האָט זיך געטראָגן דער גערוך פון געפּרעגלטן בוימאייל. בוסא האָט שווייגנדיק געשליידערט די טייגלעך אין א טאָפּ זודיק וואסער, דער־נאָך מיט א הילצערנעם קאָך-לעפל זיי ארויסגעלייגט אויף א שיטערע זיפּ און אַז ס׳וואסער האָט אָפּגעטריפט, האָט זי זיי איינציקווייז גע-שליידערט אויף דער פאַן מיט בוימאייל. די ריחות האָבן ביי בנ־בנישתין געקיצלט סיי דעם גומען, סיי די נאָז-לעכער און פאַריאָגט אויף א רגע די שרעק פאַר ישמחן.

און ווי בוסא אַלפּאַראַדזשאַ איז פּאַרטיק געוואָרן מיט דער קיך־אַרבעט. און דאָס בראַטנדיקע בוימאייל האָט געקנאַקט און געשפּריצט פאַרשפּרייטנדיק אַ גערעמפּטקייט ביז צו דער סטעליע, האָט בוסא צע־וואַשן אירע פולע הענט ביז צו די אָרעמס. זי האָט קונציק לויז גע־מאַכט די אויבערשטע טייל בלוזע, האָט אָפּגעדעקט אַ ברוינעם האַלדז, און האָט געוויזן שפורן פון שיינקייט.

זי האָט פאַמעלעך און מיט חשיבות פאַרלייגט די האָר אין אַ קריינדל, ווי אַ בוכארישן קאָקס. דאָס טונקעלע איילבירט-פּנים האָט אויפגעשיינט. זי האָט זיך צוגעזעצט נעבן בנבנישתן און אים גע־וואָרפן שמייכלען, ווי געפעלשטע מטבעות.

בנבנישתי האָט זיך אַ שטעל געטאָן אויף די פיס. אַ ווײַלע האָט ער געקוקט אויף דער הויכער, געזונטער נקבה, ווידער אַמאָל באַשטע־טיקט אַז זי איז אַ שטיק פּוטיפרע. וואָס רוקט זי זיך אויף אים? ער האָט געמאַכט אַ פּאָר שפּרייז פאָרויס. בוסא איז נאָכגעגאַנגען און ווי אַ כשופמאַכערין געהיימניספול געפרעגט:

— און מיט ישמחן האָסטו אָנגעהויבן ריידן?

— מיט ישמחן בין איך אָפּגעפאַרטיקט.

— אויף ניין?

— פרעג מיך נישט, ווייב בוסא. איך קום ריידן מיט דיר!

— כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז ער וועט דיך אָפּטרייבן. וואָס אַרט עס אים אַז זיין איינאונאיינציקע וועט אָפּפינסטערן איר לעבן מיט אַן אביון? אבי ס'זאָל זיין אַ „בוכארלי". כ'האָב דיר דאָך דערציילט בנבנישתי, אַז ראָזאַליע האָט שוין אַ באַשערטן. נאָר פרעג מיך, צו דער יונג וועט איר קענען געבן נאָך דער חתונה מזונות? פרעג מיך, צי זי וועט ביי אים קענען זיך אָנטרינקען גענוג מילך אין אירע בריס־טן, אָנצוזייגן שפּעטער די עופהלעך? פרעג מיך, צי דער יונג וועט איר קענען אפילו בלויז צוזאָגן אַ ווייס הויז ביים באָספאָר, ווי ס'האָט אַמאָל מיר אַ טערקישער וועזיר צוגעזאָגט? און ישמח האַלט פון דעם יונג, ווי פון אַ גאָלדענע קמיע! אַ פישער־יונג, אַ שינדער און מער דאַרף ער נישט! און די אָרעמע ראָזאַליע! זי ציטערט פאַר אים. זי

וואָלט אפילו מיט א קאַראַאימער לאָם זיך געבינדן, ווען דער טאַטע זאָל הייסן! אַט די בוכאַלער! א געשטרייפטן כאַלאַט, א פּיס-בענקל הינטערן געזעס, א נאַרגילע-שלויד צווישן די ליפּן, אַט וואָס א בוכארלי דאַרף!

בנבנישתי האָט אונטערגעשפּריזט צו בוסאַן.

— זאָגסטו בוסאַ, אז דער יונג איז אויך א בוכארלי? טאָ אויב שוין יאָ אויסקלייבן צווישן די בוכארלער — פאַרוואָס נישט טאַקע אַן עלטערן מאַן, א בעל בעמיו, וואָס האָט אי יאָרן, אי ממון?

— ווען דו פרעגסט מיך, בנבנישתי, שלאָג איך זיי ביידע פאַר כּפּרות, אפילו, ווען דו זאָלסט דאַרפן ווערן אוים חכם און אוים „מנשא". ווי כ'בין א ישראַלישע טאָכטער! — האָט בוסאַ שרייענדיק געוויגט מיט די רייפן־אויערינגען — נאָר פאַרוואָס דען לאָז איך דיר דאָ בלאָזן אין מיינע אויערן? פאַרוואָס בנבנישתי? ווייל כ'וויל, מיין קינד, מיין בלוט און פליש זאָל זיך נישט פּייניקן. איך בין שוין אָפּ־געקומען פאַר איר אין מיינע יונגע יאָרן. קיין נדן, קיין אויסשטייער איז נישט צוגעגרייט און דאָס שפּאָר־שיסעלע איז שוין פון לאַנג אויס־געליידיקט. ישמח, דער אַלטער קעמל דאַרף דאָס פאַרשטיין! אָט קומט די שכנה, די פרומע אביגיל וועלן מיר הערן, וואָס זי האָט אונז צו זאָגן?

פון יענער זייט קיך-פענסטער האָט זיך באוויזן א צעשויבערטער קאָפּ. באַלד איז דער קאָפּ פאַרשוווּנדן. די טיר האָט זיך געעפנט און ס'האָט זיך אריינגעוויגט אן איינגעשרומפּענע זקנה, דאָס פּנים פינסטער און געקאַרבט ווי ביי א וואַרזאָגערין. די זקנה האָט געהאַלטן א פאַר־קאָפּטשעטע בראָט־פאַן אין אירע צעאָדערטע הענט, זי האָט געשמייכלט צו בוסאַן, באַלד האָט זי שטומערהייט דערשנאַפּט, אז א פרעמדער גע־פינט זיך אין הויז. נישט אזוי פון נייגעריקייט, ווי פון צערייצטקייט האָט זי געפירט אירע רויטע, קורצזיכטיקע אויגן איבער די פיר ווענט, מיט דער ראיה דערטאַפּט בנבנישתן און ארויסלייגנדיק די בראָט־פאַן אויף דער קיך, האָט זי זיך געפּאַטשט אין די הענט אריין.

— וועמען זע איך דאָ? בנבנישתי? בנבנישתי דער מנשא? מיט

פֿרידן און מיט ברכה! דו האָסט דאָסמאָל נישט געטראָפֿן בנבנישתי! ראַזאַליע האָט שוין א פֿאַרליבעניש. כאָטש איך גלויב נישט די פֿאַר־ליבטע לעמער. ליבע — דאָס איז א „קונץ” פֿון די אשכנזים — האָט אביגיל זיך געקלאַפּט מיט א פֿינגער איבערן שטערן — וואָס טוען די אשכנזים? וואָס טוען זיי? זאָג מנשא! א בחור וואַרפֿט צו אַן אויג צו א מויד. די מויד וואַרפֿט צוריק די אויגן, די אויערן מיט די ציין. א נאַכט שפּעטער קוועטשט זי דעם בחור אין די אָרעמס: כ'האָב דיך ליב! און די בתולה יאָמערט: כ'וועל דיך קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן. נאָך פֿיר וואָכן שטייען זיי פֿאַרן רב. די כלה טוט אָן דעם חופּה-שלייער. דער בחור ברומט אָפּ פֿרום דעם הרי את”. די מויד נעמט צו דעם קדושין-רינג און דער חתן קריגט דערפֿאַר איר בתולהשאַפֿט, כע־כע-כע־כע! אין האַלבן חודש, צו דער פֿולער לבנה שטייען זיי ווידער פֿאַרן רב: מיר ווילן זיך צוגיין. און די כתובה? — שרייט דער רב — דאָס פֿאַרשפּרעכעניש אָפּצוהיטן אַלץ כדת משה וישראל? די כתובה? — זאָגן זיי — דאָס איז פֿאַר ספּרדישע פֿרומע לייט... איר הערט, קינ־דער? — האָט די זקנה ליאַרמענדיק געוויזן אירע נאַקעטע יאַסלעס — די כתובה איז פֿאַר די ספּרדישע לייט. גטן, באַטרוג און בזיונות פֿאַר די אשכנזישע געצענדינער! אַזוינע ווילדע יידן! ווי ביים סולטאַנס ווירטשאַפֿט!

— טרייבסט איבער אביגיל, טרייבסט איבער. נישט אַלע אשכנזים טרייבן דורך די ווייבער און נישט אַלע לעסטערן גאָט. דאָס טוען בלויז די ציונים — האָט בוסא גענומען איינשטילן די שכנה — פֿאַרגיב מיר אביגיל, אָבער כ'מוז דיר זאָגן. פֿרעגט מען דיך א וואָרט — ענטפֿערסטו מיט א מגילה... אָבער וואָס קיצלט אַזוי אין נאָז? — האָט בוסא א ווײַלע איינגעהאַלטן דעם אָטעם און באַלד גענו־מען אַריינציען די ריחות, וואָס האָבן זיך געטראָגן פֿון דער קיך־פּאַן — די קאַסקוסאָ! די קאַסקוסאָ! זײַ ליבער גאַסט בנבנישתי, כ'וועל דיך בעסער מכבד זיין מיט דעם בוכאַרלער מאכל. אויך דו אביגיל וועסט פֿאַרזוכן, איידער דו וועסט מיר פֿאַרטויבן דעם גאַסט און פֿאַרשיטן די

קיך מיט רייד, וועל איך דיר בעסער פאַרשטאָפּן דאָס מויל מיט אַ פּאָר טייגלעך.

בנבנישתי מיט אביגילן האָבן זיך צוגעזעצט אויף דער ערד אַרום אַ פּיר־עקיקן טעפּיך, וואָס איז געווען אויסגעשפּרייט ווי אַ טישטוך. באַלד האָבן זיך באַוויזן צוויי טעלער מיט אויסגעפּעטסטע, קאָכעדיקע טייגלעך. פון די טייגלעך האָט געשלאָגן מיט קנאָבל־ריח און מיט פּאַפּריקע. בוסאַ האָט דערלאַנגט איינציקע גאָפּלען, ווי שפּיזלעך און ווען די פּאַרע האָט זיך געהויבן וואָלקנדיק, פאַרהילנדיק די פּנימער פון די עסערס, האָט בוסאַ אָנגעהויבן:

— פון מיין זייט, בנבנישתי, האָסטו קיין צוזאָג נישט. איך בוסאַ אַלפּאַראַדזשאָ דאַרף אוודאי נישט איבעררײדן מיין קינד זאָל נעמען פאַר אַ מאַן אַזאַ מתושלח. ישמע אליופן ברענגסטו מיר? ישמע אליופן דעם רביתניק? זאָג אַליין, ווי קומט אַ טאָכטער פון לייבן צו אַן אָפּשטאַם פון הינט? און אַ מלחמה וועט מען אויף מיר אָנהויבן! און ווער וועט ליגן אין די פינסטערע מיילער פון די שכנים? ישמח וועט זיך נישט לייגן שלאָפן אָן דער בייטש. דער יונג וועט מיך פיינט האָבן ווי אַ בייזע שוויגער, און ראַזאַליע אַליין? כ׳בין אָבער אַ מאַמע און כ׳ווייס מיין אָרעמקייט. ווי זאָגן לייט: אַז שערן וואָל, זאָל זיין פון אַ באַוואַקסענער שאָף... ווי שמעקט דיר די קאַסקוסאַ, גאַסט מיינער? מיט פאַרגינערײ, בנבנישתי מיט פאַרגינערײ. כ׳וועל ריידן מיט ראָזאַליען, כ׳וועל נאָך היינט ריידן.

בשעת בוסאַ האָט אַרייַנגעשמועסט אין בנבנישתין, האָט די אַלטע אביגיל פון גרויס חידוש אַ שפּרייז געטאָן אויף צוריק. זי האָט זיך אַ פּלאַסקע געטאָן אין די הענט אַריין, אַ צערודערטע אַראָפּגעכאַפּט איר בראָט־פּאַן פון דער קיך, זיך געלאָזט לויפן צו דער טיר און מיט די איינגעטריקנטע ליפּן, וואָס זענען איצט געווען אויסגעפּעטסטע פון בוימאייל און סלינע, האָט זי געפּילדערט:

— לאָזט מיך! כ׳מוז לויפן אָנזאָגן צאַדיקאַ די טיקערין. משוגעים זייט איר! משוגעים? ניין, טייוואָלים זייט איר! וואָס, טייוואָלים האָב איך געזאָגט? ערגער! כשופמאַכערס! יאָ, כשופמאַכערס. איר

נייט אוועקגעבן ראַזאַליען פאַר אַן אַלטן רביתניק... דאַזאַליע, אזא ליכטיק לייב, וועט דאַרפן ווערן א קעבס־ווייב פאַר דעם פּראַצענט־צײ־לער!... און דו, בוסאַ אַלפאַראַדזשאַ ביזט אָן בושה? שוויג, בוסאַ! שלאָג מיר נישט איבער! קיין איין וואָרט! כ׳וויל נישט הערן! כ׳ווייס וועסט מיר ווידעראַמאָל דערציילן די מעשה־נורא פון דעם טערקישן וועזיר, וואָס האָט דיר אין די שיינע יאָרן געוואָלט א הויז אויסבויען ביים באָספאָר... כ׳גלויב דיר נישט, בוסאַ! ווי ס׳איז אמת, אז דו ביזט אַמאָל שיין געווען, אַזוי איז אמת, אז א וועזיר איז דיר נאָכגעלאָפן... טערקישע מאַמעס אין סטאַמבול, אפילו מוסולמענערינס, טרייבן נישט אַן אייגענע טאָכטער צו טיילן ס׳געלעגער מיט אַן אַלטן ממון־זאַק, מיט א רביתניק... אָבער וואָס רעד איך? ראַזאַליע אַליין וועט זיך אירע צעפּלעך פאַרפלעכטן?... ראַזאַליע קען טאַנצן מיט קני־בענדער — האָט אַביגיל, א באַפּאַלענע פון משוגעת, פון ספּאַזמען זיך גענומען דרייען אין א ראָד — ראַזאַליע קען שפּאַנען איבער דראָטן. דאַזאַליע איז א פלאַקער, א פייער! און זי וועט אי דיך בוסאַ, אי דעם מנשה, אי דעם ממון־זאַק, זי וועט אייך אַלעמען מיט איר פייער פאַרברענען....

די זקנה איז מיט אַמאָל שטום געוואָרן, האָט אָפּגעהאַקט דעם אָטעם און פאַר א רגע געבליבן אומבאַוועגלעך. באַלד האָט זי זיך אויפגעריי־סן, ווי פון א טיפן שלאָף און קלאַפּנדיק מיט די קנאָכיקע הענט איבער דער טיר, געפּילדערט:

— האַלט מיך נישט איין! לאָזט מיך! כ׳מוז לויפן דערציילן צאַדיקאַ די טיקערין!

איידער דאָס געפּילדער אויף יענער זייט טיר, וואָס איז געקומען פון אַביגילס מויל, האָט זיך איינגעשטילט און בנבנישתי מיט בוסאַן האָבן צערודערטע זיך אויפגעהויבן פון די ערטער און זיך איבערגע־קוקט — האָט אין קיך זיך באַוויזן ראַזאַליע. מיטן ערשטן שפּרייז האָט זי אָנגעיאָגט אומרו. זי איז געווען הויך און פאַררייסן ווי די מאַ־מע, דאָס טונקעלע לייב געפורעמט און געקנאָטן. דער שוואַרצער קאָפּ האָר — א באַרג צעפּאַטלטע צעפּלעך — האָט איר צוגעגעבן ווילד־קייט. פונם אָוואַלן פּנים האָבן אַרויסגעפּלאַמט א פּאָר שמאָלע קוילן־

אויגן, אויף די אויערן — דינע ריפּלעך. און די צוגעשניטענע ליפּן, פולע, אָנגעטרונקענע, ווי ביי א שיינער מולאַטין.

דאַזאַליע האָט אויפגעהויבן די רעכטע האַנט, וואו ארום געלענק איז געווען א דיקער אָנגעשלאָסענער בראַסלעט, א ווײַלע האָט זי זיך אונטערגעהאַלטן די צעפלעך האָר, וואָס זענען געווען צעוואָרפן איבערן האַלדז, האָט אָפגעמאָסטן בנבנישתן, דערנאָך זיך האסטיק אויסגע־דרייט צו בוסאַן:

— מאַמע, ווייסט וואָס כ'וועל דיר זאָגן?

— וואָס, ראַזאַליע?

— די אראַבער גרייטן זיך איבערפאַלן דעם בוכארישן קוואַרטאַל. גבריאל מיט דער חברה וועלן בײַנאַכט דאָ האַלטן וואַך.

בוסא איז אויפגעשפּרינגען:

— אונדז ווילן די מוסולמענער איבערפאַלן? וואָס זאָגסטו בנבנישתי? זיי ווייסן דאָך אז מיר זענען נישט קיין ציונים און מיט די „חלוצים" האָבן מיר אויך נישט וואָס צו טאָן. מיר, שפּאַניאָלישע מישן זיך קיינמאָל נישט אין „פּאָליטיקע". וויי! וויי! א גאַנץ יאָר האָבן זיי אונזער שכונה נישט איבערגעטרעטן. און ווער פירט אָן מיט די רוצחים? מוסטאַפא, וועמען כ'האָב געלערנט שרייבן בריוו נאָך באַגדאַד, אָדער יונוס אל ראזיק, דער לאָגל־טרעגער! אזא מע־סער־שטעכער! דאָס האָט אן אייגענעם ברודער געשטאָכן ביים קאָרטן שפּילן. ביים סולטאַן האָבן די מוסלעמס קיינעם נישט געהרגעט. זיי האָבן געציטערט פאר א יהודי. אלץ די „פּאָליטיקע". פון אלע עקן וועלט לויפן זיך אָן די מאָסקאָבן, די ציונים און ברענגען אומגליק אויף אונדז!

— וואָס פילדערסטו אזוי בוסא? — האָט בנבנישתי שפּרייזנדיק געמאַכט קרייזן ארום דעם אויסגעשפּרייטן טעפּיך — מוסלעמס האָבן טאַקע פיינט די יהודים, און זיי מאַכן קיין אונטערשייד צווישן ספרדים און ציונים. און ווען זיי ווילן אונדז כאַפּאַלן, מוז מען זיי

15) מאָסקאָבן — רוסישע יידן.

טאַקע אקעגן גיין. און מיט שטארקע יונגען! נאָר דאָס וואָס כ'וויל זאָגן — נישט גבריאל דאַרף זיין דער אָנפירער.

— ער געפעלט דיר נישט? האָט ראַזאַליע האסטיק אים צוגעוואָרפן א פּאָר פארשרפהטע אויגן.

— ער געפעלט מיר טאַקע נישט. וואָס איז ער א דזשעדאַ 16)? א מלחמה־מענטש, גבריאל? — האָט בנבנישתי העכער גענומען שרייען — פאר אן אָנפירער דאַרף מען א שטארקן יונג, א גבר, נישט אזא יונגע לאַם.

— היט זיך מנשא, היט זיך פאר מיר! — האָט ראַזאַליע אויפגעהויבן צוויי פויסטן, וועלנדיק זיך א לאָז טאָן צו בנבנישתן.

— פאר דיר זאָל איך זיך היטן? ווי רעדסטו צו מיר, ראַזאַליאַ? ווייסטו ווער איך בין? נישט בלויז געדענק איך, ווען מען האָט דיר פון דער ברוסט אנטוויינט, נאָר כ'בין אויך געשטאַנען אין דעם הויז, ווען די הייבאַם האָט דיך אָפּגענומען. און וויפל יסורים דיין מאַמע האָט זיך אויסגעשטאַנען, ווייס איך אויך! איצט דאַרף מען דיר אָבער צירן אין קרעלן, אין שמאראַגדן און טאָפּאַזן. מען דאַרף דיר אָנטאָן האלדז־בענדער און נאָז־רינגען. זאָג איך א ליגן, בוסא אלפּאַראַדזשאַ? — האָט בנבנישתי א קער געטאָן דעם קאָפּ צו בוסאָן — און נישט נאָר געפעלט מיר נישט גבריאל, אלס גבור, נאָר ער געפעלט מיר נישט, וואָס דו טראָגסט זיך מיט אים אין באהעלטעניש און שפּייזט אים מיט ליבעניש. און ער געפעלט מיר נישט דערפאר ראַזאַליאַ, ווייל כ'האָב בעסערע מאַנען פאר דיר...

ראַזאַליאַ האָט אויפגעשווידערט. איר קערפּער — א קלעמב בלוט און פייער האָט זיך אויסגערייפט. די אויגן האָבן געשפּריצט מיט אזא פלאַקער, גלייך זיי וואָלטן גרייט געווען אלץ ארום אָנצוציינדן, פאַרברענען. זי האָט אויסגעשטרעקט דעם טונקעלן האלדז. זי האָט געמאכט איין שפּרייז פאָרויס, בעת דער אָנגעגליטער גוף איז געבליבן שטיין אין א פּאָזע פון אן אלעקסאנדריער צוימען־שפּרינגערין, וואָס

16) דזשעדאַ — גבור.

סליבט זיך צו ווארפן מיט האלדז-בענדער, צו טאנצן מיט קני-גלאָקן.
זי האָט אויסגעבראָכן:

— איך זע צוליב וואָס דער מנשא איז אהער געקומען. כ׳ווייס צוליב וואָס דו האָסט פאר אים געגרייט קאסקוסא... מיך מיינט ער, דער ווילדער חכם? מיך מיינט ער, דער טלית-ייד? אָבער לאָז אים זאָגן, מאמא, אז איך בין ראָזאַליע אלפאראדזשאַ. איך האָב גבריאלן און אים וויל איך! און אויב דו מאמע ווילסט עפּעס אויסשפּינען קעגן מיר, וועל איך דיר די פלעכטן האר אויסרייסן און מיר וועל איך בלויע צייכנס אויפן לייב אויסקנייפּן... איך וויל נישט ווי דו מאמע באוויינען זיך ס׳גאנצע לעבן און ס׳גאנצע לעבן בענקן נאָך אנדערע מאנען. זאָל ער ארוים פון דאנען, דער ווילדער חכם, זאָל ער ארוים איידער כ׳וועל אים אויסקלאפּן ווי א „טאראַבוקאַ”...

ערשט איצט האָט בוסא זיך ארומגעזען, אז בנבנישתי האָט צופיל אָנגעטומלט. זי האָט צוגעלייגט א פינגער צו די ליפּן און מיט שטומע תנועות האָט זי אים געטריבן צו דער טיר:

— גיי מנשא. דו האָסט געמאכט אלץ צו פארשפּילן... גיי בנ־בנישתי! א חכם און א למדן און דער שכל הענגט דיר נאָך ביים נאקן...

בנבנישתי איז שוין געשטאנען אויף יענער זייט שוועל. ער האָט זיך נישט אויסגעדרייט און געשאָטן ווערטער פאר זיך:

— כ׳האָב געמוזט זי איבערשרעקן, בוסא. פאר ישמחן האָב איך מורא. פאר ישמע אליופן האָב איך מורא, און פאר אָט פאר דעם יונגן הירש, וועל איך אויך מורא האָבן? הער מיך אוים בוסא, וואָס כ׳זאָג דיר, אויב כ׳וועל דאָסמאָל נישט אויספירן, ווער איך אוים מנשא, הערסט, ווער איך אוים מנשא!

בוסא אלפאראדזשאַ האָט נאָכגייענדיק געשעפּטשעט:

— לאָז נאָר איבערקומען דעם שטורם, לאָז איבערקומען... איצט גיי. כ׳וועל דיך לאָזן רופן. ווי כ׳בין א ישראלישע טאָכטער, כ׳וועל דיך לאָזן רופן...

* * *

נאָך האַלבע נאַכט האָט ביי ישמחן אין הויף אַזוי זיך געטומלט, ווי אויף אַן אַראַבישן יאַריד. קיינער פון די שכנים אין געסל איז ניט געשלאָפן. אינמיטן הויף, אויף אַ סלופּ האָט געברענט אַ טונקעלע לאַמטערנע. אַרום סלופּ איז געשטאַנען ישמחס וואָגן, די פערד אויס־געשפּאַנט. גבריאל, אַ דינער, ביינערדיקער יונג אין אַ פּאָר געלע שטיוול איז געשטאַנען מיט אַ צוואַנציק פאַרשוין, וואָס האָבן זיך גע-דרייט צערודערטע, אומרואיקע, אָבער אַנטשלאָסענע, גרייט אַנטקעגן צו גיין יעדע סכנה.

פון הייזל איז אַרויסגעקומען ראַזאַליע, איינגעהילט אין אַ רעגן-מאַנטל, און אירע אויגן אָנגעלאָדן מיט שלאָף. עטלעכע שכנים — טונקעלע בוכאַרער, האָבן זיך געשטופּט פון יענער זייט פּאַרקאַן און איבערגעשראָקענע זיך צוגעקוקט ווי ישמח, ווילד פון רציחה, מיט דער בייטש אין דער האַנט, לויפט אַרום די פערד און צוילט אַריין אין גבריאלן ווערטער, ווי שמיץ:

— זאָלסט אים אויסרוימען אַלע סוסים, ביי ישמע אליופן, זאָלסט אויסרוימען ביז איינעם. מען דאַרף די סוסים צו פאַרטרייבן די מו-סולמענער. ער, דער אַלטער נואָף דאַרף די פערד צו ציען הבית... מיר דאַרפן די פערד צו פאַרהיטן אונדזערע הייזער, אונדזערע קינדער... זאָלסט אים אויסרוימען ביז איינעם... און ביי זיין הויז זאָלסטו קיין שומרים נישט אוועקשטעלן. מיין ווייב, די טערקין וועט אהין גיין אים היטן...

— פאַרמאַך דיין שמייסער-מויל! — האָט בוסאַ אַלפאַראַדזשאַ, איינגעוויקלט אין אַ בוכאַרישן אקסל־טוך מיט פראַנזן פון ערגעץ זיך אַרויסגעהויבן — איצט, ווען די מוסולמענער ווילן אונדז אָנפאַלן, ווילסטו מיך אויך דערהרגענען? געוואַלד יהודים! — האָט זי זיך צע־שריגן — נעמט מיך אַרויס פון דאַנען! כ'וועל נאָך די נאַכט פון אים אַנטלויפן! אַז כ'האָב פיינט דיך, אַן איינענעם בוכאַרלי, שיקסטו מיך צו נאָך אַן אַנדערן בוכאַרלי?

— אָבער אונטערטראָגן אָט דעם בוכאַרלי, פאַר אַ ביסן אַן איינגן קינד, דאָס ביזטו יאָ גרייט? — איז ישמח צו איר צוגעגאַנגען נענטער

און איר גענומען איינרוימען אויפן קול — און דו וואָלסט אזא פּאָר געפּירט איבערן „מאַסקי”? מען זאָל פּאר זייערע פּיס גיסן לאַגלם מיט ויין? מען זאָל זיי באוואַרפן מיט זיסוואַרג? און דו אליין וואָלסט אריינגעזונגען אין דער כלהס אויערן כאַדזשאַזער און אספּא-כאַנער זמרות 17) ענטפער מיר טערקישע הארעם-ווייב?

איידער בוסא האָט ווידעראַמאָל געעפנט ס'מויל, עס זאָל אַנהויבן צו רעגענען און צו האַגלען אויף ישמחן, האָט פון יענער זייט פּאַרקאַן זיך אריינגערוקט בנבנישתי אין א בוכארישער זשופּיצע, די רויטע פּעסקע פאַרדעקט מיט א גראָבע פאַטשיילע, אז מען האָט קוים די אויגן ארויסגעזען, ווי ביי א מדבר-רייטער. ער האָט זיך געשטעלט צווישן ישמחן און בוסאן און געמאַכט מיט די הענט אויסטערלישע תנועות:

— לאָזט אָפּ! צווישן מאַן און ווייב דאַרף זיין א משכן — שלום, נישט קיין מלחמה־פעלד.. איצט דאַרף מען טראַכטן ווי אזוי בשלום דורכצוקומען די נאכט. דער אל רחום וחנון זאָל זיך דערבאַרעמען... און יצחק ישמע אליופ איז אויך א יהודי. פון דיין עדה, ישמח... ער וואוינט אין עק קוואַרטאַל... זיין פאַרמעגן שטייט הפקר ...

ביי די ווערטער איז ישמח אויפגעשפּרינגען. ער האָט צוזאַמענ־גענומען צוויי פּאָלעס פון דער אייגענער זשופּיצע, האָט זיי אריינגע-שטופּט צווישן די קניען, ווי ער וואָלט זיך געקליבן אויפזעצן אויף א פערד און געמאַכט קולות:

— א ביקס! גיט דעם חכם בנבנישתי א ביקס! און זעצט אים אויף א פערד! און טוט אים אָן א גאָלדענעם בויך-באַנד און א סאַ-מעטענעם טאַרבוש, ווי ס'האָט געטראָגן דזשעמאַל פּאשא. גיט אים! דעם חכם בנבנישתי! ער וועט רייטן און היטן ס'פאַרמעגן פון דעם רביתניק ישמע אליופ!

גבריאל איז צוגעגאַנגען צו בנבנישתן און גערעדט צו אים קילע רייד:

— וואָס מיר דאַרפן איצט, בנבנישתי, איז פערד. וואָס מער

זמרות — געזאַנגען.

פערד! פאַר די שומרים, פאַר דער שוץ! וועט מען ארומצוימען די שכונה און נישט אריינלאָזן די אראבער ביים ערשטן איבערפאַל... אַט וואָס מיר דארפן!. מיר גייען צו ישמע אליופס הויף, ארויספירן די פערד...

— פערד? ביי ישמע אליופן גייסטו נעמען פערד? — האָט בנ־בנישתי זיך צוריקגערוקט אויף א טריט און געקוקט אויף גבריאלן ווי אויף א חסר־דעה — וועסט דאנקען דעם בורא עולם, אז ער וועט ישמחס פערד נישט צונעמען.

פון דער טונקלקייט האָט זיך ארויסגערוקט א געשטאַלט. דאָס געשטאַלט איז געוואָרן וויינדיקער, בויגעוודיקער, געוואָרן נענטער. ס׳איז צוגעקומען ראָזאליע מיט פייער אין די אויגן, מיט פייער אויף די ליפּן:

— דאנקען דעם בורא־עולם זאָגסטו? און פארוואָס זאָל ישמע אליוף צונעמען אונדזערע פערד?

— א בעל־חוב! ווייסט דען נישט אז דיין טאטע איז א בעל־חוב? — האָט בנבנישתי צו איר זיך אויסגעדרייט — און ישמע אליוף שענקט נישט קיינעם. ער איז רביתניק, א הארטער מאַנער... מיינע ביינער ציילן שוין לענגערע יאָרן פאַר אייערע, יונגוואַרג. דעריבער זאָג איך: „צאָל אָדער בעט!” אפשר — האָט בנבנישתי זיך איינגעגע־סן אין ראָזאליעס אויגן — אז דו ראָזאליע וועסט רײדן צו אים ווייכע רייד... דו, ראָזאליע קענסט אלץ אויספירן!

— רײדן צו אים, ווי ס׳רעדט א כלה צו א חתן? — האָט ראָזאליע זיך האסטיק א רוק געטאָן צו בנבנישתן — איך וועל נישט גיין. אָבער גבריאל וועט גיין און ער וועט מיט אים רײדן! און די פערד וועט ער געבן, ווען דו בנבנישתי וועסט דעם זיווג נישט דורכפירן.

— איך וועל אים שוין ווייזן א זיווג! — האָט גבריאל אָנגעקוקט בנבנישתן מיט דראַאונג און חשד.

— פירט נישט קיין שמועסן! — איז ישמח אונטערגעקומען מיט דער בייטש — די נאכט רוקט זיך. בחורים, הויבט די פיס!

— און די ענגלענדער באוואכן נישט די שכונה אונדזערע? —

איז א שכן, א גרויער זקן, אַנגעשפּאַרט אויף א הויכן שטעקן צוגעקור־
מען.

— ווען ריכט מען זיך אויפן איבערפאַל? — האָט א צווייטער
שכן אַריבערגערעדט פון יענער זייט פּאַרקאַן.

— מען רעדט, אז פּאַרטאָג — האָט ראָזאַליע א זאָג געטאָן.

ישמח האָט זיך צעשריגן:

— שא שכנים, צעגייט זיך! אריין אין די הויפן. ווייבער
גייען שלאָפן. מענער בלייבן וואך. מען ווייסט נישט צי פּאַרטאָג, צי
פריער... אָבער מען מוז זיין גרייט. אויף די ענגלענדער קען מען זיך
נישט פארלאָזן. מיר מוזן האָבן אייגענע פערד. שלעפּ־פערד וועלן די
מוסולמאַנער צעטרעטן, אז זיי וועלן פארזאָגן דעם נביא מער נישט צו
קריכן... בחורים, הויבט די פיס! גענאַנגען צו ישמע אַליופּס הויף!

ווי אויף א קאָמאַנדע האָבן צוואַנציק יונגען, שטאַרקע, אויסגע־
קנאָטענע, זיך צעשטעלט. זיי האָבן זיך אויסמושטירט פּאָרוויז אין א
שערענגע הינטער גבריאלן.

ישמח איז צוגעלאָפן:

— נישט ווי קיין זעלנער! מען דאַרף גיין צעשאָטענערהייט...
מיט שטילע טריט זיך גנבענען דורכן קוואַרטאַל... די ענגלישע וואך
זאָל נישט אָפּשטעלן...

פון יענער זייט פּאַרקאַן האָט מען זיך געלאָזט צו צוויי. צוערשט
די פארשויגען, הינטער זיי ישמח, וואָס האָט געפירט פאַרן צוים זיינע
צוויי פערד, געפירט ערנסט, אָנגעכמורעט, ווי אין שלאַכט אריין.
גבריאל איז נאָכגעגאַנגען מיט גיכע טריט, האָט געוואָלט דעריאָגן די
יונגען און הינטערווײלעכץ געוואָרפן בליקן צו ראָזאַליען, וואָס איז
געשטאַנען אין הויף־טויער און בקולי־קולות זיך אויסגעטענהט מיט
בוסאַן. פון קיינעם נישט באמערקט האָט נאָכגעצויגן דער פארשפּע־
טיקטער בנבנישתי.

די יונגען האָבן געשלייכט אַרום די נידעריקע, אָפּגעשונדענע היי־
זער. זיי האָבן געהיפּעט איבער די אָפענע ראָוון, ווי איבער שוץ־
גראָבנס, שטומע, אָן ווערטער אַריבערגעקלעטערט די בערגלעך און

ליים־גריבלעך. און ווען זיי זענען צוגעקומען צום אָפענעם הויף פון ישמע אליופן, האָט גבריאל מיט א האַנט-פאַך זיי אָפּגעשטעלט.

ישמח מיט גבריאלן זענען אריבערגעשפּרונגען דעם גידעריקן פּלויט. באַלד איז דאָס טויער געוואָרן אויפגעריגלט, צעפּראַלט, און די יונגען האָבן מיט א לייכטן טומל זיך אריינגעשאָטן אין הויף.

אָן אויסצורײדן א וואָרט, האָט ישמח אָנגעטאַפּט א פּאָר פערד ביי די צוימען. גבריאל האָט אים נאָכגעטאָן. ער האָט נישט געוואָלט קיינעם אין הויף איבערוועקן. ער איז זיכער געווען, אז ישמח וויל אָנמאכן א טומל, וויל ארויסשלעפּן דעם אלטן ישמע אליוף אין די נאכט־קליידער, זיך מיט אים אויסטענהען בקולי־קולות, פאר אלע צייטן. גבריאל האָט געוואָלט וואָס גיכער דאָס איבערקומען. ער איז געגאַנגען אויף די שפּיץ-פינגער און מיט די הענט געמאכט צייכנס, די יונגען זאָלן פּאַרזיכטיק אים נאָכטאָן.

א פערד האָט זיך צעהירזשעט. א צווייטס האָט אָפּגעענטפערט. פונם געמויערטן הייזל האָט זיך פּאַרטראָגן א לייכט גערויש.

עובדיה, דער שומר מיט בהלה אין די אויגן, האַלב-אויסגעטאָן, מיט א דעק־טוך פאַרוואָרפן איבער די אקסלען, איז אָנגעלאָפן:

— וואָס טוט זיך דאָ?

— לאָזט שטיין די פערד!

— דיך שמש, פרעגט מען נישט! — איז ישמח אים אקעגן געגאַנגען מיט אזא חוצפה, גלייך ס׳ווירטשאַפט איבערן הויף וואָלט שוין אי־בערגעגאַנגען אין זיינע הענט.

— כ׳וועל אויפוועקן ישמע אליופן, משוגעים! ער וועט רופן פּאָליציי! — איז עובדיה אריין אין ערשטן שטאַל און גענומען א אָנגעצונדענע לאַמטערנע.

— דאָס ווילן מיר זען — האָט גבריאל זיך אָנגערופן — זאָלסט רופן צו אונדז פּאָליציי, ווען מיר גייען אָפּשטויסן אן איבערפאַל אויף דער שכונה.

— ווער גייט איבערפאַלן די שכונה? — האָט עובדיה פון פחד טיפער זיך איינגעוויקלט אינם דעק-טוך.

— די ישמעאלים!

עובדיה מיט דער לאַמטערנע אין האַנט האָט זיך געלאָזט לויפן צום הייזל, לויפנדיק מורא געהאַט ניט צו כאַפּן הינטערווייל-עכץ א כמאַל פון ישמחן. ביים פּלומפּ איז ער געבליבן שטיין. יאָ אויפוועקן? נישט אויפוועקן ישמע אליופן? ער האָט געזען דעם חורבן אין די שטאַלן, געזען ווי די פערד אין א שערענגע, געפירט ביי די צוימען שפּרייזן צום טויער. און איידער ער וועט זיך אַרומקוקן, בלייבט דער הויף פּוסט.

ער איז אַרויף אויף די טרעפּ, האַסטיק גענומען קלאַפּן מיטן איי-זערנעם הענטל איבער דער טיר, ווי מיטאַמאָל האָט אויף הער שוועל זיך באַוויזן דער אַלטער ישמע אליוף. ער איז געווען אָנגעטאָן אין קאַ-לירטע אונטער-בגדים, אַרומגעהילט מיט א לאַנגן, ווייסן כאַלאַט, ווי א קיטל און אויפן קאָפּ א דרייקאַנטיקער פאַרשפּיצטער שלאָף-מיץ.

ער האָט זיך א רייב געטאָן די פאַרשלאָפענע אויגן, האָט געזען וואָס אַרום טוט זיך און גענומען ליאַרעמען:

— אהער מיינע פערד! ווער שלעפּט אַרויס די פערד?

קיינער האָט נישט געענטפערט. ס'האָט זיך בלויז געהערט די לייכטע פּאַדקאָווע-שפּרייזן פון די אָפּציענדיקע פערד. עובדיה וואָס איז אויף ישמע אליופס אָנבליק צוריקגעפאַלן א פּאָר שפּרייז הינטער זיך, האָט איצט, א געבוויגענער זיך גענומען רוקן פאָרויס צום באַלע-באָס. ער האָט אָנגעהויבן:

— די פערד נעמען זיי פאַר דער שוץ. מען גייט פאַרהיטן אַן איבערפאַל פון די מוסולמענער.

ישמע אליוף איז אַראָפּ צוויי טרעפּ נידעריקער און געשריגן:

— דערציייל מיר נישט קיין מעשיות! מיין הויף איז נאָך קיין מוסולמענער נישט איבערגעפאַלן. כ'דאַרף נישט, איר זאָלט מיך היטן.

— די שכונה מיט יהודים דאַרף אָבער, מען זאָל זיי היטן — האָט גבריאל אויסגעשריגן.

— די גאַנצע שכונה דאַרף מען היטן? אַלע אביונים דאַרף מען היטן מיט מיינע פערד? — איז ישמע אליוף געוואָרן ווילד — און ווער פון די אביונים קען גוט זאָגן פאַר די פערד?

— ווער רעדט דען מיט אים? — האָט ישמח א ריס געטאָן דאָס לעצטע פערד אריבער דעם פלויט-טויער — די שכונה איז אין סכנה, און ער הייסט זיך גוט זאָגן פאַר די פערד. אזא רביתניק, אזא פעל־פליקער, אזא מוסלעם!

פון הינטער ישמחס פלייצעס האָט זיך אַרויסגעהויבן בנבנישתי. ער האָט מיטן טייטל־פינגער געגומען בויערן אין דער לופטן.

— אזוי רעדט מען נישט, ווען מען בעט א טובה. האָסט פאַרגעסן, ביזט א בעל-חוב? די נאַכט וועט איבערגיין, דער איבערפאַל וועט איבערגיין און דיין חוב, ישמח, וועט בלייבן... ביי ישמע אליופן קען מען אַלץ אויספירן... אין דער לעצטער רגע זאָג איך דיר, ישמח, ס'איז דאָ איין אויסוועג אַלץ אויסצופירן...

ישמח איז געוועזן אויף יענער זייט פלויט. ישמע אליוף האָט א כאַפּ געטאָן ביי עובדיהן די לאַמטערנע, ער האָט זי הויב געטאָן איבער זיין קאָפּ און דערזעענדיק בנבנישתן אין יענעם עק הויף, גענומען אים אַקעגן שפּרייזן מיט קולות.

— אזוינס האָסטו מיר אָפּגעטאָן, מנשא! א גאַנצן פרימאָרגן ביזטו מיר נעגאַנגען געבן ישמחן פאַר א שוועך! איצט האָט ער אָנגערייצט אויף מיר דאָס גאַנצע געבינטל, זיי זאָלן אַרויסרויבן מיינע פערד. ווער וועט גוט זאָגן פאַר מיינע פערד?

ס'האָט זיך געהערט א שאָס. באַלד האָט מען אָפּגעענטפערט מיט א קנאַלעריי. דאָס שיסעריי איז געקומען פון דער טיף, מיט ווידער־קולות, גלייך ס'וואָלט געהאַגלט מיט צעשפּאָלטענעם שרויט.

פאַר פחד האָט דער אַלטער ישמע אליוף גענומען פאַלן הינטער זיך. פאַר דער רעכטער האַנט האָט אים א כאַפּ געטאָן בנבנישתי. עובדיה האָט אים אונטערגעהאַלטן פון דער לינקער זייט. דאָס שי־סעריי האָט נישט אויפגעהערט, אָן אָנזאָג און וואָרנונג אז די שכונה וועט באַפאַלן.

פון יענער זייט פלויט האָבן די רייטער געיאָגט פאָרויס. זיי האָבן געצויגן וואפן פון די שטיוול. אויפן לעצטן פערד האָט געריטן ישמח, מיט אימפעט, אָן מורא, און ס'איז נישט קלאָר געווען צי די זיכערקייט ביי אים קומט דערפון, וואָס ער האָט ארויסגערוימט די פערד פון ישמע אליופס הויף, צי דערפון, וואָס ער איילט צו פארטרייבן די אָנ־פאלער פונם בוכארישן קווארטאל.

דער דאָקטאָר פון בית־שאָן

שפּעט ביינאַכט האָבן דריי אַראַבער אָנגע־
קלאַפּט אין הויז פונים שטאָט־דאָקטאָר — דער
איינציקער יידישער תושב אין בית־שאָן. און
אַז ער איז געגאַנגען עפענען, האָבן זיי אויף
אים געשאָסן און אים דערהרגעט — — —

(פון דער כראָניק.)

אויפן פערצנטן טאָג פון די אומרוען, איז דאקטאָר שפּערל מיט זיין פרוי אַנטלאָפן פון בית־שאָן. ביינאַכט איז ער אָנגעקומען אין טבריה. דער איינציקער יידישער תושב, איז ער זיכער געווען אַז נאָך אַ טאָג, צוויי טעג און די אַראַבישע איבערפאַלן וועלן זיך אָפּשטעלן. ער וועט קענען צוריקפאָרן היילן זיינע קראַנקע. ס'איז דורך אַ וואָך און אַז ס'האָבן זיך פאַרטראָגן ידיעות וועגן איבערפאַלן אין צפת, אין חיפה און אין ירושלים, האָט דאָקטאָר שפּערל נישט געקענט צו זיך קומען.

פונקט צום חודש האָט ער אויסגעפּאַקט זיין שווערן טאָג־בוך, געבונדן אין לעדער, וואָס ער האָט נאָך מיטגעבראַכט פון פראַנקפורט אם מיין. ער האָט אויפגעמישט אַ פרישן בלאַט. ער האָט אַרויסגענומען די גאָלדענע פּול־פעדער מיטן מאָנאָגראַם און אַריינגעשריבן:

„ברידער מיינע, פאַרלוירענע און ריינע! דאָס פאָלק באַגלייט אייך צו די קברים, מיטן באַוואוסטזיין, אַז איר זייט קרבנות פון דעם פאָלקס שוואַכקייט און הילפלאָזיקייט. אייערע מערדער וועלן אונדז נישט אָפּשרעקן, פונקט ווי זיי וועלן נישט אָפּשרעקן דאָס פאָלק, די מיליאָנען, וואָס שטייען הינטער אונדז אין דער דיאַספּאָראַ".

דאָקטאָר שפּערל האָט אָפּגעלאָשן די שריפט, מיטן געפיל דאָס

ער האָט אָפּגעטון אַ תפילה. ער האָט פאַרמאַכט דאָס טאָג־בוך און גענומען שפּרייזן איבערן צימער.

דאָקטאָר שפּערל איז געקומען אין ארץ-ישראל מיט צוויי יאָר צוריק. ער האָט זיך נישט געקלאָגט אויפן איבערדריים מיט פראַנקפורט אַם מיין, אויפן איבערדריים מיטן באַקוועמען לעבן. ער האָט באַ-רעכטיגט די נגישות אויף יידן אין דייטשלאַנד מיטן שטויס צוריק צו גיין נאָך ארץ־ישראל און זיך אומצוקערן צום אור-שטייגער, מעג זיין דער שטח ווי קליין — פיר שפּאַן אויף פיר — וויפיל באַדאַרף דען דער מענטש?.

ווי נאָר ער האָט אַראָפּגעשטעלט אַ פוס, האָט ער זיך איינגערעדט, דאָס ער אָטעמט מיט מדבר-לופט. ער האָט נישט אָפּגעקליבן קיין שטאָט, נישט חיפה, נישט ירושלים, נישט וועלענדיק זען דעם איירא-פּייער, דעם דעגענעראַט אין הארץ פון אזיע.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין בית־שאָן. דאָרט צווישן גאָט-פאָרכטיגע מאַכמעדאַנער, צווישן כאַדזשן, שייכן און פעלאַכן, ווייט פון דער וואַנגעליע, האָט ער געעפנט זיין קאַבינעט.

נאָך צוויי חדשים איז ער געווען באַקאַנט אין גאַנץ בית-שאָן. מען איז צו אים געקומען פון די ארומיקע דערפער. פעלאַכן מיט פארשיידענע חולאת'ן. בלינדע טראַכאָמע־קראַנקע. דאָקטאָר שפּערל האָט זיי געהיילט בחינם. און ווען אַ משפּחה פעלאַכן, געשלאָגן מיט דזשומע, מיט טראַכאָמע צי מיט צרעת, איז גענעזט געוואָרן, האָט מען אים באַשאָנקן מיט מתנות: מיט אַלטן מאַכמעדאַנישן וואָפן. איינמאָל אין חודש פלעגט דאָקטאָר שפּערל אריינפאָרן אין מדבר צווישן די בעדואינער־שבטים. ער האָט דיזענפעקציאָנירט זייערע געצעלטן און געזאָרגט אַז קיין מגפה זאָל זיך נישט פארשפרייטן. אויס דאַנקבאַרקייט האָבן די בעדואינער געשאָכטן קעלבער און געבראַנגט קרבנות. פונם געבראָטענעם פלייש האָט מען אויף שפּיזן אין אַ מצה-טעלער, דערלאַנגט דעם דאָקטאָר. ס'האָט נישט געהאָלפן זיין פאַרענטפערן זיך, דאָס ער איז שוין יאָרן אַ וועגעטאַריער. ער האָט געמוזט מיטעסן.

אַזוי זענען אַוועק צוויי יאָר. דאָקטאָר שפּערל, ווייט פון פראַנק-פורט, ווייט פון פריינט, האָט זיך אַזוי איינגעלעבט אין דעם פאַרוואָרפענעםווינקל, דאָס ער האָט קיינמאָל נישט געטראַכט צו פאַרלאָזן בית-שאָן. די שטאָט איז ער דורכגעריטן אויף אַן אייזל, פאַרפּוצט אין אַ פאַרביקן זאָטל מיט פּאַטשערקעס. דעמאָלט האָבן די דורכגייער מיט חניפה און בענטש־ווערטער אויף די ליפּן זיך געבויגט פאַר אים. ער האָט ליב געקריגן דעם קעמל, די „מדבר-שיף". זיין ווייב מאַרטאַ, וואָס האָט זיך געלאַנגווייליקט נעבן דעם „משוגענעם" מאַן, איז געפאָרן איינמאָל אין צוויי וואָכן קיין חיפה, דאָרט צו פאַרברענגען.

דאָס הייזל וואָס דער דאָקטאָר האָט באַוואוינט, האָט זיך געטונקען אין אַ גאָרטן. פּאַלמעס, עקאַליפּטוס-ביימער, און הינטער זיי — האָבן, זיך געצויגן בייטן מיט פלאַנצן, שורות מיט גרינס. אין די פאַרנאַכטן, ווען די פּאַציענטן־שעה איז געווען געענדיקט, האָט מען דעם דאָקטאָר געזען שפּייזן איבערן גאָרטן. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ בייטל מיט קערנער, אין דער אַנדערער — אַ גערטנער־שער. דאָ האָט ער אויסגעשווירן אַ ווילד געוויקס, דאָרט האָט ער צוגעטון זריעה, באַמיסטיקט, און שטייענדיק אַזוי צווישן די פלאַנצן, אַ פאַרפאָרעטער מיט די באָרוועסע פיס פאַרגראָבן אין זאַמד, האָט ער אויסגעזען אַליין ווי אַ פלאַנץ, וואָס שפּאַרט אַרויס פון דער ערד.

שפּערל האָט נישט געזען קיין ווידערשפּרוך אין דעם, וואָס ער זיצט אין ארץ-ישראל און איז אויסגעמישט מיט מאַכמעדאַנער, מיט זייערע מנהגים און אפילו מיט די מאכלים. ער האָט געקענט אַזוי איינשטעלען זיין לעבן אין מעסאָפּאָטאַמיע, צי אין העדזשאַס, דער עיקר, וואָס ווייטער פון דער ציוויליזאַציע, וואָס ווייטער פון די ראַסן-טעאָרעטיקער, וואָס האָבן אים, שפּערלן, נישט געקענט פאַרדייען.

שפּערל האָט געטראַכט, אַז די שנאה, וואָס צעשיידט פעלקער, מענטשן און פלאַקערט איבער גרעניצן, די שנאה טראָגט זיך אפילו אַריבער אין אָריענט. דער מענטש קעמפט פאַר יעדן שפּאַן. ער הרג'עט

זיך פאַר מאַכט. און ווען ער שטייט פנים אל פנים מיטן טויט, קען נאָר דעם דאָקטאָרס אינסטרומענט אויסגלייכן די אונטערשיידן.

און ווי דער דאָקטאָר האָט אזוי ארייַנגעטראַכט וועגן דער מענטשלעכער גאולה, וועגן דער אויסלייזונג פונם יידישן פאָלק, זענען אויסגעבראָכן די אומרוען. ס'איז געווען אין אפריל, נייַנצן זעקס און דרייסיק. דאָס איז געווען פאַר שפּערל'ן א שווערער קלאַפּ. די נייעס אז אין יפו הרג'עט מען יידן, האָבן אים געשווינדערט. ער האָט אָבער געגלויבט, אז לענגער ווי געציילטע טעג וועט דער אויסברוך נישט אָנהאַלטן. ס'שטימט נישט, אז יידן — אראַבער — סעמיטן-פעלקער לויטן אָפּשטאַם, זאָלן זיך איינע די אַנדערע אויסמאָרדן. און אים, שפּערלן, וועט מען אין בית־שאָן נישט אָנרירן. צו נאָענט איז ער מיט זיינע אראַבישע שכנים, מיט זיינע פּאַציענטן. פּונקט דעמאָלט, האָבן אין זיין הויז זיך באוויזן פינף איידעלע נכבדים מיט צעקעמטע בערד, זייערע געפרעסטע טאַרבושן — געוויקלט אין ווייסע, זיידענע בענדער. די נכבדים, האָבן נויגנדיק זיך, געלאָזט פאַלן ווערטער:

— ביי אַללאַ און ביים נביא! אונדזער, ברודער ביזטו, ווי דו ווייסט. אָבער דאָס פאָלק איז אויפגעהעצט. ס'קען נישט אונטער-שיידן צווישן דיר, א גוטן יאַהוד אין די אַנדערע, די כופרים, וואָס ווילן אויפרייסן דעם מעטשעט אָמאַר. ס'וועט זיין גערעכטיקייט אין דעם, ווען דו דאָקטאָר, וועסט פאַרלאָזן בית-שאָן, אויף א פּאָר טעג.

נאָך דער וואָרנונג האָבן דער דאָקטאָר, צוזאַמען מיט דער פרוי, פאַרפּאַקט עטלעכע וואַליזעס. זיי האָבן פאַררינגלט ס'הויז אויף אַלע שלעסער, און ווען ס'איז געוואָרן נאַכט, זענען זיי, שטילערהייט אריבערגעפאָרן נאָך טבריה.

איצט אויפ'ן דרייסיקסטן טאָג, האָט שפּערל זיך גענערגערט, וואָס זיינע פּאַציענטן, קריגן נישט די טעגלעכע באהאַנדלונג, וואָס ער קען נישט באַזוכען די בעדואינער-געצעלטן. בלויז די דערוואַרטונג, אז היינט־מאָרגן וועט מען אים צוריקרופן נאָך בית-שאָן, האָט אים געהייטערט.

דער דאָקטאָר האָט געעפנט די טיר פון צווייטן צימער און א
דוף געטון:

— מאַרטאַ!

ס'איז אַדיינגעקומען זיין פרוי, אין א געבלומט זומער-קלייד.
זי איז געווען יונגער און וויניקער פאַרן דאָקטאָר מיט א צענדליק
יאָר. איר בלאָנדער קאָפּ — א קנויל צעפּאַליעטע פעדים איז געווען
געלאָקט און געראָלט.

— האָסט מיך גערופן, האַנס?

דער דאָקטאָר האָט אָנגענומען מאַרטאַ'ן פאַר דער שמאָלער
גאָמבע און זיך צו איר צוגעבויגען:

— כ'בין אומרואיק, מאַרטאַ. כ'וואָלט שוין וועלן צוריק זיצן
אין קאַבינעט, אויפנעמען פּאַציענטן.

— אזוי שטאַרק ציט דיך צו די בעדואינער? — האָט מאַרטאַ פון
אים זיך אָפּגערוקט — צו זייערע געשאָכטענע קעלבער? אַזיאַט דו!

שפּערל האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער סאָפע און צוגערוקט
די פרוי נעבן זיך.

— ווען איך קוק זיך צו מאַרטאַ, ארום מיר, ווען איך כאַפּ א
בליק הינטער זיך. נישט ווייט הינטער זיך, בלויז אויף די פאַרלאָפענע
צוויי יאָר. כ'זע פראַנקפורט אַם מיין, אירע גאַסן, די גוט-דערצויגענע
העפלעכע דייטשן, אין זייערע געפּרעסטע סמאָקינגס און צילינדערס.
כ'זע אָט די אַלע קולטור-סנאָבן, פאַרוואָס זאָל מיך נישט ציען
צוריק צו די בעדואינער, צו אָט די מדבר־געוויקסן? און כ'וועל דיר
זאָגן, כ'האָב ליב דאָס ווילדע פאָלק, כ'פאַרטויש דעם פראַק און דעם
שניפּס אויף דער צעריסענער אַבאַיע. אזוי שטעל איך מיר פאַר די
אור-יידן. ווייל די עוואַנגעליע, די יידישע געזעצן — זענען א האַרטע,
שטרענגע לערע אקעגן די איינפאַכע פּראָסטע מנהגים וואָס אָט די
מדבר-איינוווינער געברויכען אין זייער טעגלעכען לעבן.

— ס'איז אָבער א משוגעת איצט דאָרט אהין צו פאָרן, האַנס,
זיי וועלען דיך דער'הרג'ענען! — האָט מאַרטאַ א דערשראָקענע
אויסגעשריגן.

דער דאָקטאָר האָט זיך אויפגעשטעלט און גענומען שפּרייזן.

— אונז וועלן זיי נישט אָנרירן, מאַרטאַ...

מאַרטאַ האָט געלאָזט דעם דאָקטאָר אַליין. ס'האָט גענומען טונקעלען. דער פאַרנאַכט אין טבריה וואָס איז פּונקט אַזוי אָנגעהייצט און אָנגעדעמפּט ווי דער האַלב־טאָג, האָט איצט געיאָגט מיט טריקעניש און מיט בראַנד.

דער דאָקטאָר האָט געקוקט פון צווייטן גאָרן אַראָפּ, דורך דער געוועלבטער קאָלירטער שויב, ווי פון אַ שול-פענצטער, ער האָט געזען דעם שטאָטישן גאָרטן. ער האָט געזען ווי איבער די אַלטע שינדל-דעכער רייפן זיך אויס די פאַרגליווערטע כנרת-וואַסערן, אָן קאָליר, געדיכטע ווי אַ גלעזערנער טייך.

דער דאָקטאָר האָט אָנגעשפּאַרט דעם שטערן אָן דער שויב. אינמיטן געסל זענען געזעסן צוויי באָרוועסע אַראַבישע יונגלעך און געגריזשעט בשותפות אַ געבראָטענע פּאַפּשויע. אַ פאַר'חושכ'טער קעמל-טרייבער האָט לויפנדיק, אונטערגעיאָגט זיין „מדבר-שיף", בעת דער גלאָק איבערן קעמעל'ס האַלדז, האָט געקלימפּערט, ווי דער נודנער תפילה־רוף פון דעם מועדזין.

פון אַ טויער איז אַרויס אַ ספרדישער רב, אין לויזע, שוואַרצע קליידער, אויפן קאָפּ אַ געפּרעסטע פעסקע. דאָס האָט ער געאיילט צו מנחה-דאַוונען, צו אַ שכן אַן אָבל, און איילענדיק, האָט ער איינגעלאַדן יידן — דורכגייער, זיי מצרף צו זיין צום מנין. פון צווייטן עק געסל זענען אָנגעקומען צוויי אַשכנזישע לומדים, זייערע קעפּ איינגערעמט אין סאַמעטנע בערד, ווי ביי קאָרטן-מלכים, זיי האָבן אויסגעמיטן דעם וועג און אויף להכעיס געמאָסטן דעם מאַרק צום דערבייאיקן אַשכנזישן בית-מדרש.

איבערן שטילן פּאָסט-פּלאַץ זענען אַ פּאַרטיע אַראַבער, פּירות-הענדלער, אָנגעלאָפן מיט זייערע שטופּ־וועגעלעך. באַלד האָט די לופט אויפגעשווידערט מיט אומגעהאַרישע קולות, וואָס מען הערט נאָר צווישן פּיראַטן, אָדער אויף די מערק ביי שקלאַפן־סוחרים.

דער דאָקטאָר! האָט ברייטער געעפנט די אויגן אין דער טונקלקייט.

דרימלט ער? חלומט ער? וואָס פאַרא שטילקייט אַרום, גלייך ס׳וואָלט נישט געווען איצט דער דרייסיקסטער טאָג פון די אומרועַן. ביים ברעג פון כנרת, וויגן זיך צוויי קליינע זעגל־שיפלעך, ווי קינדער־לאָדקעס. פונם אַראַבישן אָנגעשטאָפּטן קוואַרטאַל הויבן זיך אַרויס קופּאָלן פון אַ מעטשעט, פונ׳ם יידישן — אַ פּאַרריסענער מגן־דוד פון אַ שול. און גאַנץ טבריה — אַזוי איינגעפאַלן, אַזוי נידריק, ווי די געסלעך, די ליקעס און די הייזער וואָלטן נישט אַרויסגעוואַקסן פון דער ערד, נאָר מען האָט זיי אַריינגעשאָטן דאָ אינ׳ם טאָל. אַרום טבריה קייטלען זיך אָפּענע בערג. פון די בערג, קען יעדע רגע אָנרייטן דער שונא, אַ באַוואָפנטער. אַראַבער אויף פערד, אַראַבער אויף קעמלען און חרוב מאַכן די טאָליקע שטאָט.

ס׳האָט זיך געהערט אַ קלאַפּ. שפּערל האָט זיך געשטעלט מיטן פּנים צו דער טיר. מאַרטאַ איז אַריין מיט אַ לאַנגען קאָנווערט. אין דער טונקלקייט האָט שפּערל נישט באַמערקט ווי זי האָט געציטערט, ווי אירע אויגן האָבן ספּאַזמאַטיש געקוקט דאָ אויפן קאָנווערט, דאָ אויף אים.

— אַ בריוו, האַנס.

— פון בית־שאַן?

— יאָ.

דער דאָקטאָר האָט גיך אויפגעריסן די קאָנווערט. באַלד האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז ס׳איז פינצטער. ער איז צו צום קליינעם קנויט־לעמפּל, וואָס איז געהאָנגען איבער דער וואַנט און עס אָנגעצונדן. אין שיין פונ׳ם אויפגעטיקטן פלעמל האָט ער אויפגעעפנט אַ באַשריבענעם בויגן, וואָס איז געווען געפּערטלט און געצאַכטעלט. אַ אומרואיקע האָט מאַרטאַ זיך צוגעשאַרט צו זיין אָרעם:

— לייען מיר דעם בריוו, האַנס, אָבער דעם אמת!

שפּערל האָט זיך געפילט נישט באַקוועם, וואָס מאַרטאַ איז איצט לעבן אים. ער האָט פאַרויס געוווסט, וואָס אין בריוו שטייט. די שייכן רופן אים. בית־שאַן קען אָן אים נישט אויסקומען. און כאָטש די אַראַבישע שריפט, איז אים נאָך אָנגעקומען שווערלעך, זענען

פונדעסטוועגן די אויגן, אויפגעלויכטענע פון פרייד, געלאָפן איבער דער לעצטער שורה:

...ביי אַללאַ און ביים נביא! דאָס קראַנקע בית-שאַן וואַרט אויף דיר, דאָקטאָר! אונזערע נכבדים זענען זיכער, אַז דאָס היגע אידעלע פאָלק, וועט נישט אָנרירן זייער היילער. דער קאַראַן הייסט אַמאָל אויסטיילן אַ גלויביקן צווישן הונדערטער כופרים, און אים שיצן אין זיינע געצעלטן — — — אַללאַ און דער נביא וועלן ערב זיין פאַר דיין לעבן....

שפּערל האָט צונויפגעלייגט דעם בריוו און אַ אויפגעהייטערטער גענומען שפּרייזן. אין זיינע אויגן האָט זיך געצונדן יענער פונק, וואָס מען זעט ביי אַ מאַכממעדאַנישן מועדזין, איידער ער לויטערט זיך פאַרן באַשאַפער. דער רוף פון די שייכן. די זיכערקייט דאָס די קראַנקע וואַרטן אויף אים, אויף זייער היילער — האָבן אים צערודערט. און טראָץ דער זיכערקייט, האָט אין מח זיך עפּעס געשרויפט. וועט ער צוריקפאָרן? און ווער איז פאַר זיין לעבן ערב? אַללאַ און דער נביא? איז עס גענוג? דער דאָקטאָר האָט קיינעם נישט באַדאַרפט אָפּגעבן דין וחשבון. ער איז גרייט געווען גלייך זיך צו פּאַקן. איז אים מאַרטאַ געשטאַנען אין וועג. וואָס טוט מען מיט מאַרטאַן?

— וואָס שטייט געשריבן אין בריוו, האַנס?

שפּערל האָט זיך אויסגעדרייט. מאַרטאַס איבערגעשראָקענע אויגן האָבן ביי אים געמאַנט. אויף איר אָנבליק איז ער געוואָרן נאָכגיביקער. ער האָט עטוואָס נאָכגעלאָזט און געזוכט צושטימונג אויף זיין באַשלוס.

— ווי מיינסטו מאַרטאַ, דאַרפן מיר צוריקפאָרן נאָך בית-שאַן?

— ביזט משוגע געוואָרן! — האָט מאַרטאַ אַ געשריי געטון.

שפּערל האָט זיך דערנעטערט צו מאַרטאַן און זי לייכט ארומגענומען פאַר דער דינער טאַליע.

— אויב דו ביזט דאגעגן, קען איך דערוויייל פאָרן אליין מאַרטאַ.

און אז זיי ווע׳לען מיך נישט פיין אויפנעמען, האָסטו מיך צומאָרגנס צוריק אין טבריה.

— ווע׳סט נישט פאָרן!

מאַרטאַס ווידערשטאַנד האָט ארויסגערופן ביים דאָקטאָר אי געפאַלנקייט, אי עקשנות. ער האָט זיך א ווייל׳ע געקווייקלט. יאָ נאָכגעבען? נישט נאָכגעבן? אלץ אין אים האָט זיך געווערט נישט נאָכצוגעבן. און ער האָט א געשריי געטון:

— כ׳וועל יאָ פאָרן!

מאַרטאַ האָט זיך געלאָזט מיט א געוויין צום ארויסגאַנג.

די נאכט איז שפּעט געשלאָפן אומרואיג. ער האָט זיך געוועקט, פּלאַנענדיק ווי נאָך איבערצובעטן מאַרטאַן. דער רוף פון בית-שאָן איז מער ווי א פליכט-רוף. ער, אלס ייד, דאַרף גיין, ער דאַרף טראָגן היילונג צום סעגנערישן לאַגער. נאָר אזוינע מעשים קענען דערנעטערן די פאַרברידערונג פוןביידע פעלקער. ער איז אראָפּ פון בעט, ער האָט אָנגעצונדן א ליכט און עפענענדיק ווידעראַמאָל דאָס שווערע טאָג-בוך, האָט שפּעטל ביים בלויזן ספק, אז ער גייט איצט שטעלן ס׳אייגענע לעבן אין קאָן, אריינגעשריבן:

— — — דער בונד פון לעבן און טויט, וואָס מיר יידן, האָבן מיט אָט דעם לאַנד געשלאָסן און וואָס עדות זענען די קדושים, די געפאַלענע — דער בונד איז נישט צום צעטיילן . . .

ווען דורכן פענצטער האָבן זיך געפּאַקט די ערשטע ליכט-פלעקן פון טאָג, איז דאָקטאָר שפּעטל, איינגעוואַשן, אָנגעטון, גע־שטאַנען איבער צוויי פאַרפּאַקטע וואַליזעס.

ער האָט זיך נישט געזעגנט מיט מאַרטאַן. א פאַרזיכטיקער האָט ער זיך ארויסגע׳גנב׳עט אין גאַס. ער האָט אָפּגעזוכט דעם ערשטן אראַבישן אויטאָמאָביל און זיך געהייסן פירן נאָך בית-שאָן.

נאָך האַלבן טאָג, האָט דער אויטאָמאָביל זיך אָפּגעשטעלט אין ארייַנפאָר פון שטאָט. פאַר א פּאָר שווערע, געוועלבטע טויערן, האָבן אים אָפּגעוואַרט צוויי הויכע קנאָכיקע בעדואינער מיט שוואַרצע, גלאַנציקע צעפּ און בערד, אין שוואַרצע אבאַיעס ווי תכריכים. דאָס

זענען געווען פאַרשטייער פון א מדבר-שבט. געבויגענע, די שוואַרצע הענט געפלאָכטן איבערן האַרצן, אזוי האָבן זיי זיך מיטן דאָקטאָר האַרציק באַגריסט.

— אזויפיל און אזויפיל קראַנקע בהמות, כאַדזש און דאָקטאָר! אזויפיל טראַכאָמע אויף די אויגן, אזויפיל געשלאָגענע אויף טיפוס. און די ענגלענדער שיקן נישט קיין היילער. זיי ליפערן אונז סאָלדאַטן מיט טאַנקען.

שפּערל האָט זיי באַרואיקט, צוגעזאָגט צו אונטערזוכן די קראַנקע. דעמאָלט האָבן די בעדואינער אויף שטום-לשון אים געגעבן צו פאַרשטיין, אז ס'איז גלייכער ארומצוקריכן די שטאָט און אויס-מיידן דעם המון, וואָס טשאַטעוועט אויף א ייד.

די בעדואינער האָבן זיך אריינגעזעצט לעבן דאָקטאָר, ווי איבער-געגעבענע באַגלייטערס, דער אויטאָמאָביל האָט פאַרקירעוועט צו די זייטיקע ליקעס און געסלעך.

ס'האָט זיך פאַרביינגעטראָגן אַן אַראַבישער בית-הקברות, ארום-גערינגלט מיט א שטיינערנעם פלויט. איבערן פלויט האָבן זיך גערדראַפּעט געדיכטע צווייגן מיט קאַקטוסן. צווייגן — איינגעגעסענע פאַרזעעכישן, צווייגן — ווי באַוואַקסענע זקנים מיט אויסגעדרייטע אברים.

איבער א זייער שמאָל, געוויקלט געסל, וואָס האָט זיך געקאַלערט, ווי א באַרג-סטשעזשקע, האָט זיך געשלעפּט א כנופיא באָרוועסע אַראַבער, באַוואָפנט מיט שטעקנס. פאָרויס איז געגאַנגען א יונגער בלינדער שייך, ער האָט געהאַלטן אין די צעשפּרייטע הענט, איבערן קאָפּ אַ טערקישע פאָן און אויסגעשריגן פאַר דער כנופיא פסוקים פון קאָראַן. פון אַ ליק הינטערן בית-הקברות, ארום א טומלדיקן קעמל-מאַרק, האָט מיט חשיבות זיך געשטופּט אין דריי גאַסן ארויס, א שווערער, ברוינער מעטשעט, באַלאַגערט מיט קופּאָלן און אָבעליסקן.

אין הויף פון מעטשעט, וואָס איז געווען פול מיט מתפללים, איז געשטאַנען אַ מטיף, אין א ווייסן בורנוס, ווי א יונגער כהן און געפרעדיקט פאַר א צעיושעטען המון. בשעתן רעדן האָט ער געפלאַמט.

ער האָט גערופן דעם הימל און דעם נביא פאַר עדות און געטריבן דעם המון, ער זאָל גיין אויסראָטן די כופרים.

פון די באַזאַר־געסלעך האָבן זיך ארויסגעשאָטן פאַרקויפערס פון קאַלטע געטראַנקען. זיי האָבן געטראָגן אויף די בייכער, שווערע, מעשענע קריגן, געקלימפּערט מיט גלעקעלעך און פאַר געלעכערטע מטבעות, האָבן זיי אָפּגעפרישט די גומענס פון מידע דורכגייער און מתפּללים, וואָס האָבן גענומען זיך שפּאַרן פון געבעט־הויז.

פון דאָקטאָר האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעטון די רואיקייט, וואָס ער האָט געפירט מיט זיך פון טבריה. וואָס טיפער ער איז אריין אין די ענגע, פאַרקנוילטע געסלעך, ווי אין גראָטן, אלץ ווייטער איז פון אים געוואָרן די זיכערקייט. ס'האָט אויף אים געדראָט דער צעפלאַמטער מטיף. ס'האָבן געדראָט די מתפּללים. ס'האָבן אויף אים אפילו געדראָט די צוויי באַגלייטערס, וואָס זענען געזעסן לעבן אים פון ביידע זייטן און אים געלייגט חניפה־רייד איבער די אויערן:

— ביים נביא! נישטאָ וואָס מורא צו האָבן. דער מועדזין, דער מולאַ און דער מטיף — אלע מיינען בלויז די כופרים, די שונאים פון אַללאַ. און דו כאַדזש און היילער אונזערער, קענסט זיכער זיין אין אונזערע געצעלטן, ווי א נביא אין זיין ווייַנגאָרטן.

דער אויטאָמאָביל האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר א ווייס, פאַרגעלט הייזל, איינגעטונקען אין געדיכטע קנוילן גרינס. פאַר'ן פאַרקאַן האָבן זיך געריסן צוויי אָפּגעשונדענע טייטל־ביימער, אָן פּירות, ווי עקרות.

דער דאָקטאָר איז ארויסגעשפּרונגען. הינטער אים — ביידע בעדואינער. זיי האָבן אים נאָכגעטראָגן די געפּעק ווי געהאָרכזאַמע שקלאַפן. דערנאָך האָבן זיי געבויגן זייערע גלאַנציקע בערד ביז צו די קניען, געשמייכלט מיט פולע מיילער פאַרשווימטע ציין און אויסגעציילט:

— אזויפיל און אזויפיל קראַנקע בהמות, כאַדזש, אזויפיל טראַכאָמע אין די אויגן, אזויפיל געשלאָגענע אויף טיפוס. מאָרגן מיטן באַגינען וועט דיר אקעגן רייטן אונזער שליח, דער שייך אַל אַראַב.

ער וועט דיך אויפנעמען אויף זיין פערד. פארזוים נישט צו אונז צו קומען כאדזש און דאקטאר.

שפערל האט ארויסגענומען א פאק מיט שליסלען. ער האט צוויי מאל א דריי געטון דעם שלאס. די מאסיווע טיר מיטן אייזערנעם הענטל האט זיך געעפנט. פון אינעווייניק האט אויף אים געבלאזן א שווערער ריח וואס קומט פון טיפע, טונקלע קעלערס.

דער דאקטאר האט נישט פארלוירן קיין איין רגע. ער האט גלייך אויסגעוילופטערט די דיוואנעס. ער האט אפגעשטויבט די וואנט-בילדער, דאס מעבל אין זיין קאבינעט. און ווען ס'איז צוגעפאלן די נאכט, האט ער זיך געפילט אין דעם איינזאמען הויז אזוי אייגן, גלייך ער וואלט נישט געווען פארלאזט בית-שאן.

א שארף מדבר-ווינטל, וואס האט זיך געריסן דורכ'ן אויפגעפראלטן פענצטער, האט דעם דאקטאר גערופן אין דרויסן צו דער נאכט. ער איז ארויס אויף דער שוועל. איבערן טיפן הימל האבן זיך געצונדן שטערן און געבוירן מזלות. און אונטן פאר די פיס האבן קנוילן גרינס זיך געפלאכטן און זיך געוויגט. א צווייג האט געארעמט א צווייג. א פלאנץ האט זיך געהאלזט מיט א פלאנץ, איבערגעבנדיק דעם תענוג פון לעבן.

ערשט איצט האט שפערל זיך ארומגעזען, דאס ער איז אליין. ער האט בארויערט, וואס ער האט אפגעטון. פארוואס האט ער נישט מיטגעכאפט מארטאן? די ברייטע הויף-ווירטשאפט, די אפגעלאזטע צימערן — אלץ ווארט אויף דער הויז-פרוי. און ווי לאנג איז ער דא נישט געווען? פופצן, דרייסיק טעג? אויבנאויפיק האט זיך קיין זאך נישט געענדערט. ווילדע קעמלען, פוילע מויל-אייזלען, רייט-פערד. בעדואינער אין אבאיעס, בעדואינער אין קאפ-טיכער און די שטילקייט וואס קומט פון די הינטער-מדבריות, דערציילט מעשיות פון טויזנט און איין נאכט.

אין דאקטארס אויערן האט א זשומע געטון א לייכטער גערויש. ער האט א קוק געטון אויפן בערגל אננטקעגן, ווי ס'איז געווען אנגעשלאגן א לאנגער קאנטיקער געצעלט. פון דער אפענער געצעלט-

פלאַכטע איז געפאַלן א טונקעלער שיין. דעם דאָקטאָר איז אויס־געקומען פרעמד, דאָס די בעדואינער וואָס ליגן זיך תמיד מיט די הינער — זענען איצט וואַך. זיי דרייען זיך אומרואיקע, זענען פול מיט פאַרדאַכט. און ווער ווייס? אפשר נעסטעט דאָרט א רויבער-באַנדע, וואָס טשאַטשעוועט איצט אויף אים, אויפן דאָקטאָר?

דער צוזאָג אז מיטן באַגינען וועט אים דער שייך אַל אַראַב אַרויפזעצן אויף זיין פערד און אים אוועקפירן אין מדבר אריין, האָט דעם דאָקטאָר צוריק אריינגעשטעלט אין גלייכגעוויכט.

ער איז אריין אין הויז.

ער האָט אָנגעטון די פידזשאַמעס און געגאַנגען מאַכן נאַכט. אָבער דער אומעט איז פון אים נישט אוועק. שפּערל האָט זיך געטרייסט אז מיט פיר און צוואַנציק שעה שפּעטער, וועט מאַרטאַ זיין מיט אים. זי וועט אָנטראָגן פון איר היימלעכקייט אין די שטילע צימערן.

מיט פינף מינוט שפּעטער איז ער שוין געשלאָפן. א לייכט קלאַפּן פון׳ם אייזערנעם טיר-הענטל האָט זיך פאַרטראָגן פון יענער זייט וואַנט.

שפּערל האָט זיך א ריס געטון. ער האָט געדאַנקט גאָט, וואָס ער גייט איצט אויפנעמען דעם ערשטן פאַציענט. ער איז גיך אריין אינ׳ם פעדערשטן צימער עפענען. ער האָט אָנגעריבן א שוועבעלע און א פרעג געטון:

— ווער איז דאָרט?

פון יענער זייט טיר האָט מען געענטפערט.

— ביים נביא! א קראַנקער! א מסוכנ׳דיגער קראַנקער. אַללאַם רחמים אויף אים! עפן דאָקטאָר!

דער דאָקטאָר האָט א שלעפּ געטון צו זיך די שווערע טיר און ער האָט זיך א וואַקל געטון אויף צוריק. פאַר אים זענען געשטאַנען דריי אַראַבער מיט פאַרדעקטע פּנימער, אין זייערע הענט אָנגעשטעלטע יעגער-ביקסן.

פאַר זיינע הייטל-פאַרצויגענע אויגן האָט עפּעס א לויכט געטון.

איז עס געווען פייער? איז עס געווען רויך? ס'האָט אויסגעקנאַלט. שפּערל האָט זיך פאַרקרימט. ער האָט זיך א צי געטון פאָרויס. ער האָט זיך א צי געטון הינטערווייַלעכץ, געזוכט אָנשפּאַר און מיטאַמאָל האָט אַ גאַס געטון פונ'ם מויל בלוט.

איבער דער ברייטער געטרעפלטער שוועל, איז דאָקטאָר שפּערל, א דורכגעשאָסענער, געזונקן אויף אלע פיר.

משפחה סאַפּורטאַ

דער ספרדישער קוואַרטאַל האָט זיך געצויגן אַרום די אויסגעהאַקטע פּרדסים, צווישן שליימיקע בערגלעך און מוטנע וואַסערגריבלעך. די געגנט — שמאָלע, אָפּגעלעגענע געסלעך. און הינטער די געסלעך — געדיכטע בלאָטעס מיט פּעטע, בריטע רינשטאָקן, ווי אַלטע אויסגעטריקנטע קאַנאַלן. פאַררויכערטע באַראַקן, צונויפגעשטעלט פון שוואַרץ געהילץ און צונויפגעקלאַפּט פון פאַרזשאַווערטע בלעכן, האָבן באַדעקט ביידע זייטן געסלעך.

משפחות געפלאָכטן און געבונדן פון דמשק, פון ביירוט און אַזש פון אַרם צובא האָבן דאָ פאַרכאַפּט דעם קוואַרטאַל כמעט פאַר איין יאָר צייט. די עלטערע ספרדים אין די פּעסקעס מיט די קאָלירטע, געשטרייפטע כאַלאַטן, האָבן נישט באַטראַכט דאָס אריבערקומען קיין ארץ־ישראל, ווי אַ ווייטע רייזע פון איין לאַנד צום צווייטן, נאָר ווי אַ צייטווייליק טוישן ס'וואוין־אָרט. זיי האָבן מיט זיך אַריבערגעטראָגן די היימישע מנהגים. מען האָט צעהאָנגען אויף די ביישטידלען נעבן די פאַרגעלטע אויסגעגעסענע מזוזות, פּאָדקאָוועס וואָס לויכטן ווי מזלות. מען האָט גערויכערט אין די אריינגענג בייכיקע נאַרגילעס, פּאַרטיעסווייז באַרעדט איין משפחה די צווייטע און דאָך זיך גוט פאַרטראָגן. אפילו דיזעלבע פּרנסות האָבן דאָ געהאַט אַ גאַנג. פון קופּער־שמידן, גאָלד־גראַווירערס, מאַרק־הענדלערס, פון זייד ביז שיך־פּוצערס. די אריבערגעקומענע ספרדים האָבן נאָך נישט באַוויזן רעכט זיך איינצופונדעווען, ווי דאָס יונגוואַרג איז געשטאַנען אין שידוכים, האָט געקינדלט און זיך געמערט. דערווייל איז דער פּלאַץ ענג געוואָרן פאַר די צוויי הונדערט משפּחות, האָבן טייל זיך גענומען רוקן אַרויס פון תחום, אַ פּאָר גאַסן ווייטער, צו די געמויערטע הייזער, וואָס זענען געווען געדיכט באַוואוינט פון אַשכנזים.

דאָ, צווישן די געמויערטע געביידעס, האָט דער טייל ספרדים זיך נישט געקענט פאַרטראָגן מיט די אַשכנזישע שכנים. נישט דאָס לשון, נישט ס'פירונג, אפילו נישט די מאכלים האָבן זיי געקענט פאַרייניקן. דער „פּוילישער", צי „רוסישער" האָט נישט פאַרנומען דעם ריח פון די געדעמפּטע „פּיטעס" און געזויערטע פעפערלעך און דער „פרענק" האָט זיך געכאַפּט פאַר דער נאָז ביים בלויזן קוק אויף די זיסע פיש און געפּרעגלטע קאָטלעטן, וואָס דער „מאָסקאָבישער*) שכן האָט צוגעגרייט.

די משפחה יום-טוב סאַפּורטאַ, געריבענע פרוכטן-הענדלער, וואָס האָבן געפירט דעם מסחר אין סיריע אויף אַ ברייטן שניט, צעפירנדיק וועגענער מיט פירות איבער די אַראַבישע דערפער, האָבן דאָ געטראָגן אַ טיפע שנאה אויף די אַשכנזים, האַלטנדיק אַז דער מצרי און דער סי-ריער דאַרפן מיט די מערב-יידן קיין מגע ומשא נישט האָבן. און ווען ס'האָבן אויסגעבראָכן די אומרועץ, אַראַבישע כנופיות האָבן באַשאָסן די יידישע פּונקטן — האָט דער אַלטער סאַפּורטאַ אויסגעטייטשט, אַז ס'אומגליק קומט פון די אַשכנזים, פון די אַנגלויפערס. פריער האָט דער אַראַבער נישט פאַרריסן דעם קאָפּ. מען האָט זיך מיט אים פאַרטראָגן. די טבע ביים מאַכמעדאַנער איז שלום, דורכקומען מיטן בייוואוינער.

דער אַלטער יום-טוב סאַפּורטאַ אליין, אַ צעפליישטער גבר, אַן אַלמן, וואָס האָט צו די שישים מער נישט צעפירט קיין פירות און גרינסן, שוין יאָרן גע'בטלנ'ט — האָט נישט געהאַלטן פאַר קיין חטא זיך צו מישן מיט די מוסולמענער. ער איז געזעסן אין די אַראַבישע טרינק-שטובן, האָט געזופּט טערקישע קאַווע, פויל געזויגן די נאַרגילע-שלויך און געשפּילט ווערפל. דערביי איז ער געווען אַ למדן. ער האָט געקענט אויסנעבונדן דעם קאָראַן און געזאָגט פון אויסנווייניק פסוקים פון דער סוראַ. ער האָט זיך אפילו געמאַכט אוועקקוקן, וואָס זיין טאָכטער מזל גייט אַרום מיט אַן אַראַבער. דערפאַר האָט דאָס פאַר-דראָסן דעם איינציקן זון סימן-טובן. דער פאָטער — איינגעטונקן

*) רוסישער.

אין דער מוסולמענישער וועלט, גלייך ער וואָלט נישט געזעסן אין יפו, נאָר אין דמשק. סימן-טוב האָט געהאַט אַ פאַרדאַכט, אַז דער אַלטער קאָן אַ לייַדע טאָג פאַרוואַרפן אויף זיך אַן אַבאַיע, אויפן קאָפּ — אַ קאַפיע און זיך אָנשליסן אָן דעם מופטי׳ס חברותא. דערפאַר האָט ער אים געסטראַשעט אַריינצוזעצן אין אַ מושב-זקנים, וואו ער וועט זיך מוזן באַגעגענען יעדן טאָג, פּנים אל פּנים, מיט אַשכנזים. מזל׳ס נאָכלויפער, דעם אַראַבער, וועט ער, סימן-טוב, אָפּרוימען. דעמאָלט האָט דער אַלטער יום־טוב, וואָס איז געווען משוגע פאַר זיין בת-יחידה, געמוזט נאָכגעבן. איינס האָט ער אָבער אויסגענומען ביים בן. ער זאָל מעגן זיצן אין די אַראַבישע טרינק-שטובן. און אַז די אומרוען האָבן אויסגעבראָכן, יאַהוד-מאַכמעדאַנער האָבן זיך נישט געטאָרט באַגעגענען, האָט יום־טוב סאַפּורטאַ זיך קיין אָרט נישט געפונען. גאַנצע טעג איז ער געזעסן פאַרשפאַרט. ער האָט געפּיפּקעט די נאַרגילע. ער האָט געשאָלטן דעם ענגלענדער, וואָס דרייט אָן אַ מלחמה צווישן ביידע פעלקער און אויסגעקוקט אויף דעם טאָג, ווען ער וועט קענען זיך צוריקקערן נאָך דמשק, וואו ס׳רעגירט דער פראַנצויז ביד חזקה.

דערווייל האָט סימן-טוב אַלץ נישט שלום געמאַכט מיטן אַראַבישן שטוב-איינגייער, מיט כאַליל׳ן. ער האָט געריסן די שוועסטער פאַר די געקרויזלטע צעפּ. נישט איינמאָל האָט די דערוואַקסענע מזל פון אים באַקומען אַ „פּאַלאַקאַ" — צען בייטש-שמיץ אויפן הינטער־חלק. די פאַרליבטע מזל האָט אַלץ צוגענומען שווייגנדיק. זי האָט זיך געשיצט קעגן דעם ברודער מיטן פאָטערס גרויסע רחמים-אויגן. באַהאַלטענערהייט זיך ווייטער געטראָפן מיט כאַלילן און צו דער שטוב־מלחמה האָט קיין סוף נישט גענומען.

* * *

אין אַ תמוז-פרימאָרגן האָט שוין דער טומל ביי די סאַפּורטאַס געוועקט דעם גאַנצן הויף. די קולות האָבן זיך געריסן פונעם אויבער-שטן גאָרן. שכנים, ס׳רוב אַשכנזישע משפחות, האָבן אויפגעפּראַלט די פענצטער. נישט אויסגעשלאָפענע מאַנסבילן אין די תחתונים,

צעשויבערטע ווייבער אין שלאָף־קופּקעס, האָבן אַרויסגעשטעקט די קעפּ דורך די אויפגעריסענע לאָדנס:

— וואָס פאַרא גוואַלדן?

— אַ באָמבע?

— מאַמעלע! די אַראַבער האָבן ווידער געוואָרפן אַ באָמבע!

— אונדזער „שכונה"*) איז איינגעשטעלט! — האָט אַ יידענע אויסגעקוויטשעט אַ יללה — יעדן טאָג, באָמבעס, יעדן טאָג איבער־פאַלן, מען וועט אונדז דאָ אַלעמען אויסשעכטן!

— ווער באָמבע? וואָס באָמבע? — איז פון טויער אַרויסגעקראָכן משולם, דער הויף־שוסטער, אין אַ פּאָר בלויע, ברייטע הויזן, אַריבער־געצויגן מיט אַ סוועטער — ווי קומט דאָ אהער אַן אַראַבער מיט אַ באָמבע? קוקט בעסער אויבן — האָט דער שוסטער געטייטלט צום אויבערשטן גאָרן — דאָס לאָזן זיך הערן אונדזערע אייגענע „אַראַבער", די פרענקן, די בני־סאַפּורטאַ, מען שלאָגט די שוועסטער.

— אזוינע פרענקן, אזוינע אַזיאַטן! — האָט אַ בלאַס ווייבל געשטורעמט פון אַ אָפענעם באַלקאָן — דאָס האָט קיין יידיש אָדער נישט אין זיך, צו שלאָגן אַן אייגענע שוועסטער, אַ יתומה!

— וואָס דען? גלעטן דאַרף מען זי? אַז די בתולה טליקעט זיך אַרום היינטיקע צייטן — ווען מען הרג'עט אונדז, ווען מען שרפה'עט אונדז, — מיט אַן אַראַבער! וואָס? — האָט משולם זיך צעשמייכלט — ס'פעלן יידישע „אוכאַזשאָרן"?

— ס'פעלן, משולם, אודאי פעלן! — האָט אַ שכן אַרויסגעקרייט פון אַ פענצטער — אויף אַזאַ פּרי וועט זיך קיינער נישט לאַשטשען.

— טאַקע אָפּגע'פסק'נט וועגן וועמען צו ריידן, איצט, פאַרצעלע ראַנע**) האָט אַ פּוילישע יידענע זיך צעשריגן — הערטס נאָר דאָס געשפּרעך, מענטשן מיינע ליבע, וועגן מזל חצופה. שטראָף מיך נישט

*) קוואַרטאַל.

**) באַלד אינדערפרי.

פאַר די רייד, הבונו־של-עולם, אָבער זי קאָן דאָך אַ ליאַדע טאָג עפּעס אהיימברענגען הינטערן פּאַרטוך.

ווען די פּוילישע יידענע האָט אזוי נביאות געזאָגט אויפן קול, האָט אין הויף זיך באַוויזן סימן-טוב, אַ הויכער, אויסגעזעגטער ספרדי, מיט אַ פּאָר שוואַרצע אויגן, וואָס פּלאַקערן. דער גוף — בויגיק, דער טונקלער קאָפּ באַדעקט מיט האַרטע בערגלעך האָר, ווי ביי אַ נעגער. מיטן בלויזן בליק האָט סימן-טוב אָפּגענומען ס'לשון ביי די שכנים, וואָס האָבן זיך איבערגעקוקט, ווער דורך אַ געעפנטער טיר, ווער דורך אַ פענצטער. ער האָט אויפגעכאַפּט די קולות, לויט דער צאָל אָפענע פענצטער איבער די שטאָקן און אַ געשריי געטאָן:

— אַריין אין די בעטן, פּלוידערזעק! מאַסקאַבן!

— ער איז דאָ, דער ביינער-ברעכער! — האָט משולם אַ זאָג געטאָן און זיך גיך אָפּגעטראָגן.

סימן־טוב האָט זיך אַרומגעקוקט. ס'ליכט פון באַגינען האָט גע-שליגנגען דעם חושך און געשטרייפט דעם הימל אויף בלוי, אפילו דאָרט, וואו דער זון-אויפגאַנג האָט זיך גענומען צינדן.

אַ גליִענדיק ווינטל האָט זיך צעבלאָזן. ס'האָט געפּאַרעט. מיט די נאָז-לעכער האָט סימן-טוב דערשנאַפּט, אַז ס'מאַכט זיך „חאַמסין". ער האָט אַרויפגעקוקט און געזוכט אַ קאָפּ הינטער די פאַרמאַכטע פענ־צטער, צו וועמען ער זאָל קענען אַרויפשרייען. קיינער האָט נישט אַרויסגעקוקט. אַ ווײַלע האָט ער געוואָרפן אַ בליק אַהין, אַהער און דערנאָך אַרויפגעשיקט אַ געבייזער:

— הערט איר, פּוילישע! הערט מאַסקאַבן! מיט אונדז, ספרדים, זאָלט איר נישט אָנהייבן! אַז איך וועל פּאַקן דעם פּוילישן שוסטער, דעם רכילות-זאַק, וועט ער ביי מיר בלייבן אַ וויסטער קאַליקע. די שכונה דאָ, איז אַ ספרדישע. און אַז איר, אשכנזים, זייט אָנגעלאָפן ווי געסט, דאַרפט איר שווייגן און נישט באַרעדן אונזערע משפחות. מזל איז אַ חצופה און אייערע יפה-פיות זענען צנועות? מיר, ספרדים — פיינע מענטשן. און איר אשכנזים? איר ווילט הערן דעם יחוס? — האָט

ער גענומען אויסציילן אויף די פינגער — אשכנזים מאַכט: אנשים שקרנים, כזבנים, נשיהם זונות, ילדיהם ממזרים.

אָפּגעשריגן די פּאָר ווערטער איז סימן־טובֿ'ן אַביסל לייכטער געוואָרן, כאָטש קיינער האָט אים נישט אויסגעהערט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע פיר עקן. אָן אַ זייט פון הויף איז געשטאַנען אַ שטופּ־וועגעלע אויף צוויי רעדער, אָנגעלאָדן מיט פרוכטן און גרינס: צוגעפוילטע וויין־טרויבן, פאַרגעלטע מיש־מיש, ציטרינען, קוסעלעך, ברינדזשינעס און טאָמאַטען. סימן־טוב האָט אַ צי געטאָן צו זיך דאָס וועגעלע. ער האָט אַראָפּגעשאַרט דעם צודעק — אַ ברעזענטענע פּלאַכטע. ס'האָט גענומען אַ היפּשע ווײַלע, ביז ער האָט אויסגע'סדר'ט די פרוכטן רייעסווייז. די טרויבן מיט די מיש־מיש פון איין זייט. פון דער צווייטער זייט — ס'גרינס, קוסעלעך, ברינדזשינעס און אויפגעשפּאָלטענע טאָמאַטן. און אינערמיט — קופּקעס ציטרינען ווי טורעמלעך. אַז ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט, האָט ער אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ ווייס פאַרטוך. ער האָט צוגעשנאָלט ביי דער זייט דעם געלט־בייטל און זיך געגרייט אַרויסצופאָרן אין גאַס, טראַכטנדיק, אַז ווי לאַנג די אַראַבער וועלן שטרייקן און נישט ברענגען זייערע גרינסן אין שטאָט אַריין פאַר די יידן, ווי לאַנג דאָס שיסערײַ אויף די וועגן וועט אָנהאַלטן — קען ער, סימן־טוב נאָך מאַכן אַ לעבן. ער וועט נישט ברויכן טוישן יעדן סעזאָן דעם האַנדל. איינמאָל פיש, אַ צווייט מאָל אַרבוזן, צי פאַרלעגענע פּרות. מען דאַרף נאָר דעם אייגענעם עולם — קונים, דער עיקר די שפּאַניאָלער, די גריכן, די בולגאַרן צוגעוויינען, אַז די סירישע ספרדים זענען פונקט אַזוינע מיוחסים ווי זיי, דון יצחק אַבּרבּנאַל'ס אייניקלעך. און אויב דער אשכנזי רופט דעם סיריער „פרענק”, האָט ער אים נישט ווייניקער פיינט, ווי דעם שפּאַניאָל, צי דעם בולגאַר.

סימן־טוב האָט ווידעראַמאָל געוואָרפן אַ בליק אַרויף צו די פאַרמאַכטע פענצטער און אַרויסגעלאָזט אַ הויכן שלוקערץ. געהייסן האָט עס, דאָס ער האָט אַלע אשכנזים נײַן אײלן אין דער אדמה.

ער האָט אַ שטופּ געטאָן דאָס װעגעלע פאַראױס און מיט אַ געזאַנג זיך אַרױסגערוקט פון הױף.

די פאַרקנױלטע געסלעך, דורך װאַנען סימן־טוב האָט זיך גע־רוטשט מיט זײַן אױבס־װעגעלע אױסרופנדיק זײַן סחורה בקולי־קולות, זענען געװען די גרעניץ־סטעזשקעס, װאָס טײלן אָפּ די ייִדישע שכונות פונעם אַראַבישן קװאַרטאַל. אינמיטן האָט זיך געקרײזט אַ זאַמדיקער פּלאַץ און לינקס האָבן זיך געצױגן הױכע שטײנער־פּלױטן, פאַררינגלטע אַראַבישע הױפן, װי אָפּגעשלאָסענע האַרעם־הײַזער. װײַסע מעטשעט קופּאָלן, אַנגעצונדענע פון זון־אױפגאַנג, האָבן זיך געהױבן פון הינטער די שטײנער־פּלױטן. אין די פרידלעכע צײַטן האָבן דאָ גאָטפּאַרכטיקע אַראַבער אַרומגעשפּאַצירט פראַנק און פרײַ, װי די העלדן פון שעכערזאַדעס מעשיות. איצט איז דער פּלאַץ געװען פּוסט. דרײַ ענגלישע פּאָליציאַנטן, באַװאָפנט און באַפּאַנצערט װי זײ װאָלטן נאָר װאָס זיך געקליבן אױף אַן אַטאַקע, האָבן געהאַלטן װאַך, און האָבן אָפּגעהיט די „גרעניץ״.

די נײַגיריקײט װאָס ס׳טוט זיך בײַם „שונא״ אין לאַגער, האָט סימן־טוב׳ן געשטופּט פאַראױס. ער האָט שטאַרק געװאָלט אַריבער־שפּרײַזן די גרעניץ. בײַ דער װאַך האָט ער אָפּגעשטעלט ס׳װעגעלע און אַריבערגעגאַפט.

אײנצעלע אַראַבער, אַנגעכמורעטע, זענען געשטאַנען אין די טױער־שװעלן און בגנבה אַרױסגעקוקט אױף דער װעלט, װי פון תפיסה־צעלן. אַזױנע חמורים! — האָט סימן־טוב אַ טראַכט געטאָן — צו װאָס שטרײַקן? צו װאָס זיצן מיט פאַרלײגטע הענט, װען דער סעזאָן ברענט? אױב דער מוסולמענער װעט הערן דעם מופתי מיט זײַן כנופיה, װעט ער װײַטער פון דער מאָגערער פּיטע נישט גײן. דער עפענדי װעט אים אױסהונגערן. אָבער אַז מען האַנדלט מיט ייִדן? אַז דער פעלאַך ברענגט ס׳גרינס נאָך תל־אביב? קלײַבט ער אָן עשירות, קלײַבט ער געלט אױף אַ קעמל, אױף אַן אײזל, קלײַבט ער אפילו געלט אױף אַ װײַב.

צו װאָס דאָס אַלץ קריכט אים איצט אין קאָפּ אַרײַן, האָט סימן־

טוב אַליין נישט געכאַפּט. וויניק זאָרגן האָט ער איינענע? אַט מוז ער איצט אָפּלייזן ס׳פּאַרפוילטע אויבס. דערנאָך מוז ער צוגיין צום חכם מנשה עוזיאל, ער זאָל זען מאַכן שלום אין דער משפחה. ער, סימן־טוב, איז נישט קיין מפּיל-קינד. און אויב ער זאָגט צו צו ממית׳ן כאַליל׳ן, וועט ער האַלטן וואָרט אויך! מער פעלט היינט נישט, אַ ייד זאָל זיך נוקם זיין אין אַן אַראַבער. מזל וועט זיך וואַרפן אין ים אַריין. און די יידישע שכונה? אוים באַמבעס! אוים שיסעריי! אַ שחיטה וועט זיין!

ס׳איז געוואָרן הייסער. איבערן הימל האָט זיך געוואַלקנט אַ נעפּל, וואָס מען זעט בלויז אין די שווערע חאַמסין-טעג. אַרום האָט געבריט אַ נערעמפּטע היץ. די אַנגעהייצטע לופט האָט גע׳שרפה׳עט ס׳לייב און געטרוקנט דעם גומען. די געסלעך זענען געוואָרן איינציק-ווייז אָפּגערוימט. ס׳קליינוואַרג — באָרוועסע פּרענקלעך, תימנער׳לעך אין די תחתונים׳לעך, וואָס האָבן זיך געשפּילט אין דרויסן, האָבן גענומען פאַרשווינדן. פּאָר אַ גריבל מיט וואַסער איז געשטאַנען אַ מידער הונט, פּרייכנדיק מיטן אַנגעבלאָזענעם בויך און געלעקט די לעצטע טראָפּנס.

סימן־טוב האָט אָפּגעשטעלט דאָס װעגעלע. ער איז אַריין אין אַ הויף. ביים געעפנטן קראַן האָט ער איינגעווייקט דאָס פאַרטוך. ער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך ס׳העמד און איינגעוואַשן דאָס לייב. דערנאָך האָט ער אויסגעצוואָגן דעם קאָפּ. פאַרבינדנדיק דעם שטערן מיטן נאַסן פאַרטוך, ווי אַ קאָמפּרעס, איז ער צוריק אַרויס צום אויבס.

ס׳איז צוגעקומען אַ קליין תימנער ווייבל, אַ מעוברת, מיט אַ בויך ווי אַ פּויק, דער קאָפּ איינגעהילט אין אַ שוואַרצן טיול, נישט צו קריגן קיין זון-שטאָך. זי האָט איינגעהאַנדלט אַ ראָטל טרויבן. סימן-טוב האָט גיך אַריינגעפּאַקט אַ פולן קויש, נאָך דערלאַנגט צולאָג, גיכער פּטור צו ווערן פון דער סחורה. ער האָט גערופן נאָך קונים. קיינער האָט זיך נישט באַוויזן. ער האָט וויטער פויל געשטופּט ס׳וועגעלע, אַ זיכערער אַז דער היינטיקער פּדיון איז אַ פאַרלוירענער. פון פּאַרדרום האָט ער זיך אַ וויילע אָפּגעשטעלט און אַרויסגעלאָזט אַ הויכן שלוקערץ. דערנאָך אונטערזינגענדיק זיך אַן אַראַבישן ניגון,

איז ער צוגעקומען צו אַ ברוין שטיינערן הויז מיט קראַטעס אויף די פענסטער, וואו דער חכם מנשה עוזיאל האָט געוואוינט.

* * *

דער חכם מנשה עוזיאל, אין שמאַלע שוואַרצע מלבושים, ווי ביי אַ אַנגליקאַנישן מיסיאָנער, איז האַלב-געלעגן אויף אַ שטוים סאַמעטנע קישעלעך און פויל געזויגן דעם שלויך פון דער נאַרגילע. געבן אים אויף אַ מעשענער טאַץ, איז געשטאַנען אַ האַלבער קופל מיט לימאָנאַד. ער האָט אַריינגעלאָזט זיין לאָקיקע באָרד אינעם אויפגעקנעפּלטן העמד, וואו ס'האָט אַרויסגעקוקט דאָס האָריקע האַרץ. די אויסגע־וואַשענע פּאות פאַרדרייט אַרום די אויערן. דאָס אויפגעשטעלטע קאַפּל, ווי אַ קוימען, אַראָפּגערוקט איבערן שטערן. אַזוי איז ער געלעגן און געפּרייכט פון היץ.

אַז סימן-טוב האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל, האָט דער חכם אַ טאַפּ געטאָן לעבן זיך אַ דיקע בריל, איינגעראַמט אין פּערלמוטער. ער האָט זי אָנגעזאָטלט אויפן שפּיץ-נאָז און באַטראַכטנדיק אין דער טיר דעם גאַסט, זיך אַ קרום געטאָן:

— עמי-הארצים גייען.

ער האָט זיך אויפגעזעצט, אוים זיכערקייט אַ קוק געטאָן אויפן שמאָלן אָרון־קודש, וואָס האָט גערוט אין ווינקל און האָט אָפּגעטריבן פון זיך דעם דרימל, וואָס איז אים באַפאַלן. דערנאָך האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— וואָס האָט דיך געבראַכט אַהער, מיוחס מיינער?

סימן-טוב, וואָס האָט געקענט זיך אָן עצה געבן מיט אַ פוט-באָל-שפּילער, מיט אַ פּרייז־פייטער, אפילו מיט אַן ענגלישן פּאָליסמאַן, האָט זיך פאַרלוירן פאַרן חכם, פאַר מנשה עוזיאל'ן. ער האָט געוואוסט, אַז ווען דער חכם זאָגט מיוחס, מיינט ער מנוול.

— איך ווייסט דאָך, חכם, אַז ביי אונדז, די סאַפּורטאַ'ס איז נישט גלאַטיק. די משפחה איז אין מחלוקת...

— נו, מיינסטו, אַז איך בין אַ מזיקים-טרייבער? כ'וועל אַרויס-יאָגן די שדים פון אייערע מוחות? דער בן ווי דער בן, כ'קען דיך

פאַר אַ פושע, אַ כופר. אָבער דער אַלטער יום-טוב איז אויך נישט בעסער. צווײ ישראַלישע ווײבער האָט ער מקבר געווען אין דמשק. מײנט ער אפשר איצט נאָכאַמאָל חתונה צו האָבן מיט אַ מוסולמענערין אין יפו? וואָס ענטפערסטו נישט, בן־בכור זײנער?

ווען פאַר אים וואָלט געזעסן אַן אַשכנזישער רב, נישט קײן ספרדישער חכם, וואָלט סימן־טוב פאַר אַזאַ ברוך־הבא אים אויפ־געהויבן פאַר דער באָרד. די שלײפן האָבן אים געקלאַפט. ער האָט פון כעס זיך געקרעכצט מיט די רײד:

— כ׳בין גאָר געקומען וועגן אונדזער מזל, חכם. וואָס מײנט איר, חכם, מען דאַרף איר טאַקע, דעם מזיק, אַרויסטרײבן פון קאָפּ. די ספרדים שרײען אויף איר, די אשכנזים בילן אויף איר. און זי — נאָר אַ מוסולמענער האָט זיך איר פאַרגלוסט.

דער חכם, פול מיט חימה, ווי אַ דערצאָרנטער סולטאַן, האָט געהויבן זײנע שטײפע ברעמען:

— פון ווען אַן טוען דאָס ספרדים שרײען און אשכנזים — בילן? ספרדי מײנער! אײדל באַשעפעניש! וואָס פאַרא לשון? מײנסט שטײסט צווישן שענק־זויפערס? און אַז מען האָט אַ משוגענע שוועסטער קומט מען צום חכם? און אַז מען דאַרף טרײבן מזיקים, זוכט מען אַ רב? צו לאַטיפע די כשופ׳מאַכערין גײ! זי וועט דיר שוין טרײבן מזיקים, זי וועט דיר אפילו מאַכן אַ „טאַכלאַאיע“.

אַזאַ קאַלטער גאָס האָט סימן-טובן אײנגאַנצן אָפּגעקילט. ער האָט פאַרגעסן, אַז אין דרויסן בריט אַ חאַמסין. מיט צווײ שפּרײז איז ער געווען בײ דער נידריקער טיר. ער האָט שוין געוואָלט האָבן הינטער זיך דעם חכם, זײנע סגולות און אָפּשפּרעכונגען. ער האָט אָנגעכאַפּט דאָס אײזערנע הענטל וואָס איבער דער קליאַמקע. דער חכם האָט אַרויפגערוקט איבערן שטערן דאָס אויפגעשטעלטע קאַפּל ווי אַ קוימען, גיך געטאָן אַ פאַר געשמאַקע זופּ פונעם קופּל לעמאַנאַד. דערנאָך האָט ער זיך געשטעלט אויף די פיס, אַ לאַנגער ווי עוג מלך המשן, און אַרײנקריכנדיק אין די רויטע סאַמעטענע לאַטשן, האָט ער אָנגעיאָגט סימן-טוב׳ן.

ביי סימן-טוב'ן האָט זיך די שנאה צום חכם אַלץ נישט געלאָשן. ער איז גרייט געווען אים אויסצופליקן אַ שטריף באָרד, דעם ירא־שמים. פאַרוואָס אַזאַ חוזק-טרייבן, ווען ער קומט אים אַן עצה פרעגן? און ווען דער חכם וואָלט אפילו איצט געענדערט דעם טאָן און געשיקט אים אַ וויכן שמייכל, גלאַטע רייד, וואָלט עס אים, סימן-טוב'ן, אויך נישט מער איבערגעבעטן.

מנשה עוזיאל, אַ שווייגנדיקער, איז צוגעגאַנגען צו אַ נידריקן אַלמער מיט ספרים. איבערן אַלמער איז געהאַנגען אַ שווערער קופערנער חנוכה-לייכטער, אויסגעהאַמערט ווי אַ מנורה. נעבן דער מנורה דער אויסגעניצטער רמב"ם, אַ צעקנייטשטער, אין אַ אויס־געקרומטער ראַם. דער ספרדישער חכם האָט אָפּערגעשלעפּט פון הינטער דער ראַם אַ בינטל פאַרוויקלטע פּאַרמעט-בלעטלעך, באַשאָטן מיט אַראַבישן כתב. ער האָט איינגעגראָבן די אויגן אין די בלעטלעך. ער האָט זיך צעשאָקלט, זיך צע'ניגונ'ט און געלייגט איבער סימן-טוב'ן ווערטער, שווערע ווי געוויכטער:

— הערן זאָלסטו, אַז ווען ס'האַלט אונדזערס אַ יהודי ביים פרעגן אַ שאלה — זוכט ער זיך דעם חכם — האַלט ער, להבדיל, ביים קריגן אָפּשפּרעכענישן, סגולות, מאַכן אַ „טאַכלאַאיע", דאַרף ער גיין צו כישוף'מאַכערס און לצנים, רחמנאַ לצלן... וויל ער אָבער, דער יהודי, נקמה נעמען פאַר אַ באַליידיקטער שוועסטער, ברודער צי קרוב, דאַרף ער האַנדלען מיטן אייגענעם קאָפּ און מיט אייגענע פויסטן... דאָס ווייסט יעדער ישראלי, אַז ווען שכם בן חמור האָט געגלוסט צו דינה'ן, האָבן אירע ברידער שמעון און לוי אויסגע'הרג'עט גאַנץ שכם.

דעם חכמ'ס רייד, האַרטע, זענען סימן־טוב'ן געקראָכן אין קאָפּ אַריין. ס'האָט געהעצט זיין געמיט. נישטאָ קיין אַנדערער אויסוועג. אָדער הייבן די פויסטן, אָדער לאָזן מאַכן אַ „טאַכלאַאיע". אָבער ווי שלעפּט מען אַהין מזל'ן צו דער כשוף'מאַכערין? און אויב אַ כשוף'מאַכערין — פירט דער וועג צו דער אַלטער לאַטיפע. ער וועט אפילו נישט פרעגן דעם אַלטן יום-טוב סאַפּורטאַ.

מיט איין אויג-פינטל האָט ער באַשלאָסן אָפּצוזוכן לאַטיפען. ער

האָט אַ קוש געטאָן דעם חכם עוזיאל אין האַנט אריין. דער חכם איז געשטאַנען אינמיטן צימער און אַלץ געגראָבן די אויגן אין דעם בינטל בלעטלעך. סימן-טוב האָט נאָך ארויסגעשטאַמלט עטלעכע מאָל דאַנק-זאָגונגען און איז אַרויס אויף דער גאַס.

* * *

מיטן אויבס־ווענעלע איז סימן-טוב אַריינגעפאָרן אין אַ ענג, שוואַרץ געסל. פאַר אַ חרוב, צעשפּרייט הייזל, וואָס האָט געקניט ווי אַ קעמל, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט.

אַ פאַרקאָפּטשעטער אַראַבער, מיט די פיס פאַרלייגט הינטער זיך, האָט גערוט אויף דער שוועל און געבראָקט שטיקער פּיטע אין אַ טעלער אַרבעס מיט פאַפּריקע. אין סימן-טוב'ן האָט זיך געוועקט אַ שרעק. צו טיף איז ער פאַרקראָכן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט איבערן געסל. בלויז עפנדים, כאַדזשים און פעלאַכן, אַלע אין יום-טוב'דיקער הלבשה, מיט הויכע שטעקנס אין די הענט, ווי זיי וואָלטן זיך געקליבן גיין אויפן קבר פון נביא רובין. און קיין פאַלים, קיין זעלנער אַרום זעט מען נישט. צוויי בכבוד'יקע שייכן מיט חלומות הינטער די פאַרוויקלטע פּעסקעס, האָבן רואיק פאַרביינעשלייכט. קעגנאיבער, פאַר אַן אַלטן ברונים, האָט אַ באַרוועסער וואַסער־טרעגער אָנגעפילט לאָגלען. און הינטער אים, פאַר אַן אויסגעפּעטסטע, גלאַנציקע וואַנט, האָט אַן אויסגעקראָכענער קעמל, וואָס איז געווען איינגעשפּאַנט אין אַן אָקס, געדרייט אַ מעכטיק ראָד. דאָס האָט ער געפּרעסט און געקוועטשט איילבירטן, רויע, זאַפטיקע איילבירטן — אויף קריגן איל.

סימן-טוב האָט דערטאַפּט ס'אייזערנע הענטל פון אַ שווערער געוועלבטער טיר און דריי מאָל אָנגעקלאַפּט. פון יענער זייט טיר האָט נאָכגעלאָזט אַ קייט. אין דער עפענונג האָט זיך באַוויזן אַ צעלאַבערטע זקנה אין שוואַרצע טראַנטעס. איבערן טאַטואירטן פּנים — גריגע שטרייפן און האַלבע לבנות. אַרום די קוילן-אויגן — אָנגעפּענזלטע ראַמען. אַ פולע ווייַלע איז די זקנה געשטאַנען אומבאַוועגלעך און געקוקט אין חלל אריין, ווי זי וואָלט קיינעם לעבן זיך נישט געזען. זי האָט געקלימפּערט מיט די מעשענע רינגען און מטבעות, וואָס האָבן

באהאנגען איר נאז און אויערן. פון צווישן די טראנטעס־פאלדן האט זי ארויסגעצויגן א צעבויגענעם שטעקן און געקלאפט איבער דער טיר:

— בארכאבא יא סידי*) פון אלע עקן וועלט קומען מוסולמענער צו לאטיפען, נאר צו לאטיפען.

— כ'בין נישט קיין מוסולמענער, לאטיפע — האט סימן־טוב א איבערגעשראקענער איר איבערגעהאקט.

די זקנה האט ווייטער געגלאצט אין חלל אריין און געשאטן ווערטער:

— ווער ביסטו, נישט קיין מוסולמענער? א וואלאד־אל־מוט?**) קום אריין, אויג מיינס! אלע קומען צו מיר. וואס באדריקט דיין הארץ, מאחבוב***) מיינער? וואס באשווערט דיין געמיט? א גלוסטעניש? א בלוט־אויסלייזונג? ביים לעבן פון נביא! ביי מיר ווערן אלע געהיילט. פאר מיינע שוועלן פויזן נישט קיין שדים. הינטער מיין דאך קומט נישט קיין בייז אויג. אללא איז אקבאר! — האט די זקנה זיך געפאטשט אין די הענט אריין — טרעט אריין, מאחבוב, טרעט אריין!

א שווערע פארהאנג, ווי א פרוכת, האט זיך אויפגעהויבן. ס'האט ארויסגעגלאצט א טיפע פינצטערניש. די זקנה האט טאפטשענדיק געשיקט דעם שטעקן פאראויס. זי האט אנגעצונדן א געפלאכטן ליכטל, ווי מען צינדט אן ביים אראפנידערן אין דער מערת־המכפלה. און סימן־טוב איז געבליבן שטיין אין א דריי־עקיק שטיבל, וואו פון די רויטע, אפגעשונדענע ווענט האט זיך געשיילט נאסער טינק.

די זקנה האט געהיים געפליסטערט א שבח, דערנאך האט זי צע־שפרייט א קאלירט טיכל מיט קניפלעך און ארונטערגעטראגן עם סימן־טוב'ן.

— קלימפערלעך, קלימפערלעך, מעשענע און זילבערנע מטבעות.

---

*) ברוך הבא, מיין טייערער.

**) קינד פון טויט — צונאמען פאר אומגלויביקע און יידן.

***) ליבער.

אזוי ווערן שלאָפע געהיילט. אזוי ווערט בייז בלוט געשטילט.

סימן-טוב׳ן האָט נאָר באַנג געטאָן דער וויזיט. וואו איז ער פאַרקראָכן? אָט דאַרף ער שוין אריינצייילן געלט. און די מכשפה ווייס אפילו נישט, נאָך וואָס ער איז געקומען. ערשט איצט האָט ער באַנומען, אַז ס׳איז גלייכער געווען צו פאָלגן דעם חכמ׳ס עצה. פויסטן — אָט מיט וואָס ער קען העלפן מזל׳ן.

ער האָט זיך אָנגערופן:

— הער נאָר דו לאַטיפע. כ׳קום וועגן מיין שוועסטער. זי איז א געשטראָפטע. מען דאַרף איר מאַכן א „טאַבלאַאיע”.

די זקנה האָט געקלימפּערט מיט די מעשענע נאָז-רינגען.

— א טאַבלאַאיע, מאַחבוב, א אָפּטרייבעניש, א אָפּשפּרעכעניש. אלץ קען איך מאַכן אין מיין אָרעמען געצעלט. אַללאַ איז אַקבאַר! קיין זאַך איז פאַר מיר נישט פאַרהוילן... קלימפּערלעך, קלימפּערלעך, מעשענע און זילבערנע מטבעות — האָט די זקנה ווידעראַמאָל אונטערגעטראָגן דאָס טיכל, — און דיין שוועסטער וועט ווערן גענעזן. א טאַבלאַאיע ווילסטו? געווים האָט דיין שוועסטער באַליידיקט די שדים, די שטויב-זיצערס. מען דאַרף די שדים איבערבעטן. האָט דיין שוועסטער נעשריגן אינמיטן נאַכט, ווען די שטויב-זיצערס זענען פאַרביי איר פענצטער? האָט זי א גאַס געטאָן שמוציק וואַסער ווען זיי האָבן געפירט זייערס א כלה צו דער חופה? דערצייל, אויג מיינס, דערצייל! שדים פאַרגיבן נישט. זיי האָבן זיך באַזעצט אין איר. כ׳וועל גיין צו דיין געשטראָפטער שוועסטער. ניין טעג וועט זי גיין אָנגעטאָן אין ווייסע קליידער. מען וועט אויסראַמען דאָס הויז פון אלע שכנים און פון אלע כלים. מען וועט אָנלייגן א שלאָס אויפן טויער. קיין אריין, קיין אַרויס. אליין וועט זי בלייבן. בלויז מיט מיר... און איך לאַטיפע, וועל איבערבעטן די דערצאָרנטע שטויב-זיצערס. אַללאַ איז אַקבאַר! כ׳וועל פאַר זיי אַרויסשטעלן אין די נעכט רייכע מאָלצייטן, רייכע געטראַנקען. און דיין שוועסטער וועל איך היילן מיט שטויב, מיט קרייטעכצער און מיט לויב-שפּרוכן.

ווען די כשוף׳מאַכערין האָט געמאָלן און געקלימפּערט מיט די

מעשענע אויערן און נאַז־רינגען, האָט סימן־טוב געזוכט די טיר, ווי נאָך צו אַנטקומען. ס'איז אים דושנע געוואָרען צווישן די טוכלע ווענט. רינגעלעך שוויים האָבן אים אַרויסגעשלאָגן איבערן שטערן. ער האָט אַרויסגעשלעפּט פונעם לעדערנעם בייטל עטלעכע געלעכערטע טאַריפעס און אַריינגעוואָרפן אין דעם געקניפּלטן טיכל. ער האָט אַ בלאָז געטאָן אויפן ליכטל. ס'איז געוואָרן פינצטער. און ווען די זקנה איז געבליבן אָן לשון, קלאַפּנדיק בלויז מיטן שטעקן איבער די צעפּוילטע שטיינער, האָט סימן־טוב זיך אַרויסגעשאַרט פון דעם חרוב'ן הייזל.

* * *

אין דרויסן האָט סימן־טוב נישט געפונען זיין אויבס־וועגעלע. ער האָט געכאַפּט אַ קוק רעכטס, לינקס. קעגנאיבער, נעבן דעם איינגעשפּאַנטן קעמל, וואָס האָט געדרייט ס'מעכטיקע ראָד, איז געלעגן דאָס שטופּ־וועגעלע, אָן איבערגעקערטס, מיט די רעדער אַרויף. אַרום האָבן געטומלט און געזשומעט אַ המון אָפּגעשליסענע אַראַבישע קינדער. דאָס האָבן זיי אויסגערויבט ס'אויבס פון דעם יאַהוד. מען האָט געגעסן וויפיל ס'האָט זיך געלאָזט. די רעשט האָט מען פאַרשטעקט אין די ברייטע פאַלע־הויזן. און דאָס וואָס איז נישט געווען צום געברויך, האָט ס'קליינוואַרג מיט רציחה צעטראָטן מיט די פיס.

אויף אַזאַ חורבן האָט סימן־טוב זיך נישט געריכט. בלויז חימה, איז ער גרייט געווען זיך אַ וואַרף צו טאָן אויף דעם קליינוואַרג און זיי צוריסן איינס באיינס. ער האָט זיך אָבער באַגעגנט מיט בייזע, פאַרדעכטיקע אויגן, וואָס האָבן געלויערט אויף אים פון די ווינקלען:

— יאַהוד כלב!

סימן־טוב האָט זיך אומגעקוקט. נעבן אים איז געשטאַנען אַ באַרוועסער נעגער. איבער זיין געקאַרבטן קאָפּ — אַ מכה, גרויס ווי אַ קנאָפּ. די צעקאָכטע אויגן — פלאַמען. דער נעגער האָט זיך צוזאַמענגעקנוילט ווי אַ חיה, איידער זי גייט זיך וואַרפן אויף איר

רויב און אים געשטופּט אַ פויסט אין דער גאַמבע:

— ווי קומסטו אַהער, כלב?

— ווילסטו הרג'ענען מוסולמענער? — איז אונטערגעלאָפן אַ צווייטער אראַבער אין אַ צעפּליקטער, ברוינער אַבאַיע.

אַ דורכגייער, אַ באַלאַקטער שייך, מיט אַ ווייך פּנים פון אַ רודף־שלום, האָט זיך אריינגעמישט.

— לאָזט אָפּ! ער איז דאָך נישט קיין מאַסקאָבי. אַ היימישער יאַהוד.

— אַטבאַח אַל יאַהוד*) — האָבן זיך געהערט קולות.

ס'איז זיך צוזאַמענגעלאָפן אַ הייפל. שטעקנס האָבן זיך געהויבן.

— לאָזט אים נישט אַרויס! טויט דעם יאַהוד!

סימן־טוב האָט געזען ווי ס'קלייבט זיך אַ המון, ס'ווערט פינצטער. פּלייצעס, קעפּ, פויסטן, אייטערדיקע אויגן. און אַלע פאַרשטעלן אים דעם וועג. נאָך איין ווײַלע און ער וועט זיך נישט קענען דורכברעכן. ער האָט אויפגעהויבן ביידע הענט — אָנגעשאַרפטע העק, דערנאָך אַ שפּאַר געטאָן איינמאָל רעכטס, אַ צווייט מאָל — לינקס. די קייט האָט זיך איבערגעריסן און ער האָט זיך געלאָזט לויפן פאַראויס. אַ האָגל פון שטיינער האָט אים נאָכגעיאָגט. סימן־טוב איז געלאָפן אָן אָטעם, געלאָפן און געסאָפּעט ליק איין, ליק אויס. קללות, שטעקנס, שטיינער האָבן אים באַגעגנט אין וועג. ער האָט מכבד געווען יעדן איינעם, וואָס האָט אים פּרובירט פאַרשטעלן דעם לויף. דער וועג האָט זיך געצויגן לאַנג, לאַנג, דורך נישעס, דורך חורבות. און ווען סימן־טוב, אָן אויסגעמאַטערטער האָט דורכגעבראָכן די „גרעניץ”, ער האָט זיך שוין געפונען אין דער יידישער שכונה, איז ער ערשט צוגעלאָפן צו אַ וואַנט און גענומען פרייבן, אינגאַנצן אָן אָפּגעגאָסענער מיט אַנגסטן.

---

*) לאָמיר שעכטן די יידן.

ערשט איצט האָט גע׳שרפה׳עט אין אים די שנאה. אַזוינע הינט! אַזוינע מערדערס! נישט גענוג וואָס מען האָט אים בארויבט, האָבן זיי אים נאָך געוואָלט ממית׳ן. דערויף דאַרף ער לאָזן אַ שוועסטער הפקר מיט אַן אַראַבער! אין דר׳ערד מיט דער „טאַכלאַאיע״! אין דר׳ערד מיטן טרייבן שדים. ער, סימן־טוב וועט אַליין אַרויסקלאַפּן די שדים פון מזל׳ס קאָפּ, ער אַליין וועט מאַכן אַ משפּט איבערן אַראַבער.

* * *

ווען סימן־טוב האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים, האָט דער אַלטער יום־טוב סאַפּורטאַ שוין געהערט וועגן דעם איבערפאַל. ער האָט דעם זון אָפּגעוואַרט אין טויער, אַ פּעטער, ווי אַ פּערס פון דער שטאָט שושן. ער האָט געטראָגן אַ פּאַרביקע, געשטרייפטע הלבשה, אויפן קאָפּ אַ רויטע פעזע, אַרומגעוויקלט מיט אַ ווייסן זיידענעם באַנד. ביים זונס אַריינקומען, האָט ער זיך אַריינגעוויגט אין הויז. פון עגמת־נפש האָט ער אָוועקגערוקט פון זיך דעם זויג־שלויך, דעם טאַבאַק. ער האָט אָפּגעבונדן דעם רויטן בויך־באַנד פון די ברייטע פּאַלע־הויזן. דערנאָך האָט ער אויסגעטאָן די קאָלירטע שטעק־שיך און זיך אָוועק־געזעצט מיט פאַרלייגטע פיס, אויף אַ גרינעם האַריקן טעפּיך. און ווען ס׳איז אים שוין געוועזן גאָר באַקוועם אויפן מזרח־שטייגער, האָט ער ערשט זיך געווענדעט צום זון, מיט אַ געבייזער:

— נישטאָ קיין בושה, סימן־טוב? איך — בין פינף און זעכציק יאָר. פאַר מיר — מיין טאַטע, נאָך פריער — מיין זיידע. אַלע סאַפּורטאַס האָבן געקענט אויסקומען מיט די מוסולמענער. סכסוכים, קריגערייען און געשלעגן האָבן אין אונדזער הויז קיין פּלאַץ נישט געהאַט. און דו — צו מלחמות פירן האָסטו זיך גענומען? נישטאָ קיין בושה, סימן־טוב? און מיינסט, כ׳וועל דאָס מוזן פאַרטראָגן? הער נאָר דו, קענסט ביי מיר אויספירן, כ׳זאָל נאָך היינט פאַרפּאַקן מיין טאַרבוש, מיין גאַרטל און צוריק פאָרן נאָך דמשק. קענסט ביי מיר אויספירן!

סימן־טוב וואָס האָט אָראָפּגעצויגן פון זיך ס׳צעוויקטע העמד, איז געבליבן שטיין מיט אַ האַלב אָפּגעדעקטן קופּערנעם גוף. די מוסקולן, אָנגעצויגן, פאַרשטייפט. ער האָט געכאַפּט אַ בליק אויפן פּאַטערס אָפענעם הויז, מיט אַזאַ חידוש, ווי ער וואָלט איצט געקומען פון אַ ווייטער רייזע. די דריי אויסגעוועלבטע צימערן זענען געווען באַהאָנגען מיט בילדער פון מוסולמענישע גבורים און פון העלדישע דרוזען־מלחמות. אויף די ווענט — אַלטע קריגס־וואָפן, מאַכמעראַנישע שטילעטן און רויב־געציי.

ביים פּאַטערס לעצטע רייד האָט סימן־טוב זיך אַ וואָרף געטאָן ווי אַ געבריטער:

— און מזל? ווער וועט מזל׳ן פאַרזאָרגן? מיינסט, טאַטע, כ׳וועל אויסהאַלטן אַזאַ שווינדל? און דו פּרעגסט נאָך, צי ס׳איז נישטאָ קיין בושה? ס׳איז דאָ, טאַטע, אוי ס׳איז דאָ! איך, אַ יהודי, וועל נישט אַריינלאָזן קיין אַראַבער אין דער משפּחה. נאָך היינט מאַך איך מיט אים אויס „אַוואַנטאַ"!*).

איבערן אַלטן יום־טוב׳ס פּנים האָט זיך פאַרצויגן אַ כמאַרע. פאַר כעס האָבן די טיפע באַקן־פאַלדן געגומען יוירן.

— וואָג נישט סימן־טוב, הערסט? וואָג נישט צו הייבן אַ האַנט. אונדז, יהודים, האָט דער קאָראַן בעסער געשיצט ווי דער צלם. און אַז מזל איז פאַרטאָן מיט כאַליל׳ן, דערויף בין איך אַ טאַטע. מען דאַרף זיין ווייך צו איר, צו מזל׳ן. הערסט? זי איז אַ יתומה, די מויד. זי האָט קיין מאַמע נישט. דאַרף איך צו איר זיין אי טאַטע, אי מאַמע... פרעג מיך, סימן־טוב, פרעג מיך, וועל איך דיר אויסגעבן אַז כאַלילן דאַרף מען פון הויז מער נישט טרייבן. פאַרקערט מען דאַרף אים אַריינבעטן.

— וואָס אַריינבעטן? וועמען אַריינבעטן? — האָט סימן־טוב אַ

---

*) שווינדל.

באפ געטאָן אַ שטרוי-בענקל, ווי ער וואָלט זיך געקליבן עס וואַרפן דעם פאָטער.

— צו שפּעט אים צו טרייבן — איז דער טאָן ביים אַלטן ווייכער געוואָרן — סימן-טוב, זיי האָבן זיך ליב... מזל איז פאַרגאַנגען אין טראָגן... און כאַליל איז גרייט זיך מגייר צו זיין...

סימן-טוב האָט געשפּירט ווי מען פּלעט אים דעם מח. ווי אַ געשאָסענער הונט האָט ער גענומען לויפן אין אַ פיר-עק איבערן צימער. דער חשד אַז דער אַלטער איז מסתמא דול געוואָרן, האָט אים אַ ווייל אָפּגעטעמפּט. ער האָט געפּרעסן דעם פאָטער מיט אַ פּאָר אויגן, וואָס זענען געווען פול מיט שגעון:

— ווי אַזוי האָסטו דאָס דערלאָזט, טאַטע? פאַרוואָס האָסטו געשוויגן, יום-טוב סאַפּורטאַ?

ביים אַלטן האָט דאָס פּנים זיך געקרעמפּט. נישט אַזוי פון ווייטיק פאַר דער טאָכטער, ווי פאַר יסורים, וואָס דער זון מאָנט ביי אים אַזוי האַרט, אַזוי שטרענג אַן ענטפער. די פריערדיקע תקיפות וואָס האָט פון אים אַרויסגעשריגן, האָט איצט נאָכגעלאָזט. און ס'האָט געאָטעמט פון אים געבראָכנקייט און דערשלאָגנקייט.

— כ'קען זיך גאָרניט העלפן, סימן-טוב... מיר האָט זי עס ערשט היינט דערציילט... זי איז עלנד, מזל. און איך זאָג דיר, זון, מען דאַרף איר דער אָרעמער, העלפן...

דעם פאָטערס טרערן גרויסע, פאַרקילטע ווי ביי אַ צירק-לץ, האָבן ביים זון נישט געוועקט קיין רחמנות. ער האָט זיך געוועדלט, ווי ער וואָלט פון זינען געקומען, נאָכאַנאַנד געשפּרונגען, נישט קענענדיק שטילן אין זיך ס'צעיושעטע בלוט:

— העלפן איר? דאָס קיינמאָל נישט! הערסט, יום-טוב סאַפּורטאַ, דאָס קיינמאָל נישט! און זי וויל איך איצט טאַקע זען, די זונה!

ער האָט אויפגעפּראַלט די טיר, וואָס האָט געפירט אין צווייטן צימער אריין, אָבער איידער ער איז נאָך אַריבער די לאָמע שוועל, איז

אים אַנטקעגן געקומען מזל, אַ איבערגעשראָקענע. אירע פולע בלויע אויגן אונטערגעמאָלן מיט טונקעלע רינגען. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שמאָל קלייד, די פאַרב אַזוי פורפור-רויט, אַז ס'האָט געריסן ס'אויג. אויף די ברוינע פיס — געפלאָכטענע סאַנדאַלן, איבערן טונקעלען איילבירט-שטערן זענען געפאַלן אַ בינטל גאָלדענע לעקעלעך, פאַרשלייפט מיט אַ גרין-זיידענע טאַשמע.

אַזוי איז מזל געשטאַנען אַנטקעגן ברודער אַ שטומע, די ציין פאַרהאַקט, די ליפּן געשלאָסן. נאָר די אויגן, אַזוינע פאַרנעפּלטע און טיפע, ווי ברונימס, האָבן גערעדט. גערעדט האָבן די אויגן? געשריגן האָבן זיי! געזוכט אויף זיך צו נעמען אַלע שטראָפן, וואָס דער בייזער סימן־טוב וועט אויף איר אַרויפלייגן.

מזל איז גרייט געווען, אי זיך צו וואַרפן אויף סימן־טוב'ן און זיך איינבייסן אין זיין לייב, אי צו פאַלן צו זיינע שוואַרצע, באָרוועסע פיס און בעטן, אַזוי בעטן ער זאָל זי אומברענגען.

סימן־טוב האָט נישט אויפגענומען דער שוועסטערס תרעומות. אַ זינדיקע און געשטראָפטע, האָט ער געהאַלטן אויף איר אַ געדולדיקן, שטאַרן בליק, און אַז זי האָט אַלץ אויסגעהאַלטן, אַלץ אַריבערגעטראָגן, אַ שווייגנדיקע, מיט אַזאַ פּיין אין די אברים, האָט ער אויף איר אַ שפּיי געטאָן און איז גיך אַרויס פון הויז.

* * *

אַ גאַנצן נאָכמיטאָג האָט סימן־טוב אויסגעמאָסטן דעם ספרדישן קוואַרטאַל. טאָפּטשענדיק צווישן די ליימיקע וואַסער גריבלעך, האָט ער געזוכט אַ פּאָרטל, ווי נאָך נקמה צו נעמען פון די אַראַבישע שכנים, און דער עיקר פון כאַליל'ן. נקמה פאַר מזל'ן, נקמה פאַר זיך, נקמה פאַר די באַליידיגונגען, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען אין פאַרלויף פון טאָג.

ער האָט געוואָלט אַרויסשלעפּן דאָס יונגוואַרג פון די באַראַקן,

אפילו מיט די אשכנזים וואָלט ער זיך איצט צונויפגערעדט, אבי די מחנה זאָל ווערן וואָס גרעסער. און אַזוי גרופּנווייז, זאָל מען זיך פּ וואַרף טאָן אויפן נאָענטסטען אַראַבישן דאָרף, וואָס גרעניצט זיך מיט די יידישע פּרדסים.

דער הימל האָט מער אַזוי נישט גע׳שרפה׳עט. דער גליענדיקער נעפּל איז איינציקווייז צערונען און פון דער ים־זייט האָט אַ לייכט ווינטל געבלאָזן, יאָגנדיק די פייַכטיקייט.

פון אַזאַ לופט האָט סימן־טוב זיך דערפילט אָפּגעפרישט. צוקומ־ענדיק צו אַ לאַנגן פאַררויכערטן באַראַק, האָט ער געוואָלט אַרויסרופן אַ פּאָר יונגען, שיך־פּוצערס מיט נאַבוטן אין די הענט, ס׳זאָל זיין מיט וואָס צו קיילן די קעמל־טרייבערס און אייזל־רייטערס, וואָס טראָגן זיך פאַרביי איבערן ברייטן סעלעמער שאָסיי.

אַ צען שטאַרקע יונגען, גערופן ווי אויף אַ קריגס סיגנאַל, האָבן זיך געזאַמלט אַרום סימן־טוב׳ן, גרייט אים אַלץ אויסצופאָלגן. די פאַרשווינען, אַלע ברייטע מיט אויסגעשטויסענע גופים האָבן געקענט אָנוואַרפן אַן אימה אויף יעדן פאַרבייגייער. טייל זענען געווען באַוואָפנט מיט נאַבוטן, אַנדערע מיט לעדערנע בייטשן און דרענגער. איינער האָט מיט הכנעה זיך געשטעלט פאַר סימן־טוב׳ן:

— ווען דו קומסט אפילו נישט, וואָלטן מיר סיי ווי זיך געלאָזט אויף זיי.

— וואָס, ס׳איז ווידער עפּעס געשען אין דער שכונה? — האָט סימן־טוב געפרעגט.

— אינדערפרי האָט אַ פעלאַך אונטערגעלייגט אַ באָמבע הינטער דעם שמידס צריף. קינדער וואָס האָבן זיך דאָרט געשפּילט, האָבן אונדז דערציילט. און איידער וואָס־ווען, האָבן מיר די באָמבע באַצייטנס פאַרלאָשן.

— טאָ וואָס שווייגט איר, חמורים?

— איר וואַרט מען זאָל אונדז אויס׳הרג׳ענען?

— געגאַנגען, נו!

— געגאַנגען!

אז דאָס הייפל האָט גענומען מארשירן, זענען פון שאָסיי אָנגעקומען עטלעכע באַ׳פּאָה׳טע תימנער מיט א אויסטערליש געפילדער. איינער פון זיי האָט געהאַלטן א גרויסן ווייכעטש שטרוי, א פלאַש מיט א פּאָר אָפּגעברענטע שמאַטעס. באַגעגנדיק די באַוואָפנטע חברה, האָבן די תימנער אויסגעשריגן:

— דאָס האָבן מיר געפּאַקט!

— זיי ווילן אונדזערע הייזער אונטערצינדן.

— אָט איז די פלאַש נאַפט מיט די איינגעטונקענע שמאַטעס!

— וואו האָט איר דאָס געפונען? — האָט סימן־טוב געפרעגט.

— אין א האַלץ-מחסן*). טייל ברעטער האָבן שוין געברענט.

— און וואוהין טראָגט איר דאָס?

— אין דער פּאָליציי.

סימן-טוב האָט זיך געבייזערט:

— אין פּאָליציי? איי תימנער, תימנער, שווארצע הינטנס! ארבוזן-קעפּ! אין דער פּאָליציי טראָגט איר דאָס? און וואָס וועט מען אין פּאָליציי טאָן? מען וועט פון אייך אָפּנעמען א פּראָטאָקאָל, און אויפן צווייטן טאָג וועט מען ארויסשיקן אראבישע פּאָליסן צו „כאַפּן" די אונטערצינדערס? האָ? אהער דעם נאַפט! אהער דאָס שטרוי! איך וועל אייך ווייזן „כארופּס"**), וואָס מען דאַרף מיט דעם טאָן.

— וואו גייען מיר? — האָבן די תימנער געגאַפט.

— פרעגט נישט, קומט!

— וואָס ווילט איר טאָן?

— אונטערצינדן זייערע הייזער!

— אָן אונדז, בחיי, נאָר אָן אונדז! — האָבן די תימנער זיך געשראָקן ווי שעפּסן.

---

*) סקלאַד.

**) שעפסן.

מען האָט זיי נישט געפרעגט. אין וועג האָבן זיך אָנגעשלאָסן נאָך דורכגייער. צומייסטנס אויפגעהעצטע יונגוואַרג, הינטער זיי — עלטערע פאַרשוינען, אפילו זקנים אין קאַלירטע כאַלאַטן. די מחנה איז געוואָרן וואָס אַמאָל גרעסער. זיי האָבן געשפּרייזט דורך די געדיכטע געסלעך וואָס זענען געווען באַדעקט מיט פאַרדויכערטע באַראַקן. אין עק שכונה, האָט דער המון זיך אַריינגעריסן אין אַ באַיאָרטן פּרדס. פון יענער זייט פּרדס האָט זיך געצויגן אַ לאַנגע, אויסגעטריקנטע „וואַדי". דער המון איז די וואַדי אַריבערגעשפּרונגען. סימן טוב האָט געגעבן אַ האַנט-צייכן און מען האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַן אַלט, פאַרלאָזן הויז.

דער בנין, פאַרריגלט און פאַרהעמערט, ווי אַן אָפּגעשלאָסענער האַרעם, איז געווען פּוסט פון איינוואוינער. פאַר די צוויי שווערע טויערן, ווי לוחות, האָט זיך געדרייט אַ ברוינער מויל-אייזל, וואָס די אַראַבישע איינוואוינער, אַנטלויפנדיק האָבן מסתמא פאַרגעסן מיט-צונעמען.

דער אייזל וואָס האָט געגריזשעט דעם מאַך פון דער מויער, האָט געקוקט טעמפּ אויפן אָנקומענדיקן המון.

דער ערשטער האָט סימן־טוב פאַנאַנדערגעליינט דעם וויעכעטש שטרוי. אַ בוכאַרער זקן האָט פאַרשטעקט די פּאָלעס פונעם געשטרייפטן כאַלאַט אינעם רויטן בויך-באַנד, דערנאָך האָט ער גענומען אין האַנט אַריין אַן אָפּגעבראָכענע צווייג און געקאָמאַנדעוועט.

באַוואָפנט מיט דרענגער האָט דער אויפגעהעצטער המון אַרומגע-רינגלט דעם בנין, ווי ביי הקפות. און ווען אַלץ איז שוין געווען גרייט צו דער שרפה, האָט אַן אויסגעגנאָגטער תימנער זיך צעשריגן מיט אַ טיפן, כאָרכלדיקן קול:

— פאַרוואָס טוען מיר דאָס?

— מיר זענען זיך נוקם! — האָבן קולות אָפּגעענטפערט.

— פאַר אונדזערע דער׳הרג׳עטע ברידער! — האָט מען פון אַלע זייטן זיך צעשריגן.

— פאַר די אויסגעריסענע פּרדסים!

— פאַר די פאַרברענטע תבואות!

פון אַלע ווינקלען האָבן יונגען געשלעפּט פלעשער נאַפט. טייל האָבן אונטערגעלייגט איינגענעצטע שמאַטעס. סימן־טוב האָט אָנגעצונדן א דראַנג. דער בוכאַרער זקן האָט אים נאָכגעטאָן. ער איז גרייט געווען אָנצושטעקן מיטן ברענענדיקן פאַקל די פיר זייטן פון בנין, אַ גאָטפאָרכטיקער, מיט יראה, ווי ביי הבדלה.

און ווי דער המון איז געשטאַנען אַ שטומער און געגאַפט, געוואַרט ס׳זאָל אויסברעכן די שרפה, איז פונעם שטייניקן שאָסיי, וואָס האָט געפירט צום ספרדישן קוואַרטאַל, אָנגעקומען דער אַלטער יום־טוב סאַפּורטאַ, אַ צעיאָכמערטער. ער איז געווען באַגלייט פון הינטן און פון פאָרנט מיט אַ מחנה באָרוועסע יונגלעך, וואָס האָבן נאָכגעצויגן מיט אַ פייפעריי.

צוקומענדיק צום אַראַבישן בנין, האָבן די יונגלעך, ווילדע, מיט אַ געפּילדער געשלעפּט דעם אַלטן פאַר די פאָלעס פונעם כאַלאַט און געטייטלט מיט די הענט:

— אָט איז דיין בן!

— אָט איז סימן־טוב!

דער אַלטער סאַפּורטאַ איז בלייך געוואָרן. ער האָט געקוקט אויפן ווילדן המון און אויף די אָנגעצונדענע דרענגער אַרום, ווי אויפן חורבן פון סדום. באַלד האָט ער אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. די שווערע ברעמען האָבן גענומען ציטערן. פון די צעבלאָזענע ליפּן האָט געשפריצט אַ רעגנדל און די אָנגעגאָסענע אויגן אַרום די פאַרבאַקענע הויט־פאַלדן, האָבן געפלאַקערט.

פאַר חימה האָט ער אָנגעכאַפּט דעם צעיושעטן בוכאַרער זקן און אים געצויגן פאַר אַן אויער, ווי מען ציט אַ פוילן אייזל־טרייבער:

— דו חמור בן חמור! וואו האָסטו געלערנט אונטערצינדן הייזער? אפשר שטייט דאָס אין דת־ישראל? און אפשר אין דער מסורה? דו גמל בן גמל! ביסט ערגער פון אַ מוסולמענישן קעמל־גנב! לערן זיך אביסל רחמים ביים קאָראַן! דו נואף, דו גזלן און כופר!

דער בוכאַרער זקן האָט זיך אַרויסגעריסן פון סאַפּורטאַן. ער האָט זיך געלאָזט לויפן ווי אַ געשאָכטענער און געשריגן:

— אוועק פון מיר! ריר זיך נישט צו מיט דיינע הענט, דו טערק! דו טמא־זאַק! מיינסט, אין דער שכונה קען מען נישט דיינע מעשים? — און ער האָט זיך אויסגעדרייט צום עולם — בחורים, וואָס שווייגט מען? אַזאַ יהודי דאַרף מען לייגן אויף דער באַנק און אים מרביץ זיין! דאָס געהער דאָך אפילו נישט צו די בני־עמנו, אָט־דער שליח פון מופטי! אַ טאָכטער האָט ער פאַר׳קנס׳ט פאַר אַן אַראַבער, אליין זיצט ער אין זייערע טרונק־הייזער און אונדז קומט ער זאָגן תוכחה. ער נעמט זיך אָן פאַרן איסלאַם און פאַרן קאָראַן. אַזאַ פאַרקויפטער שמאַלץ־בויך! אַזאַ סירישער שעפּס!

דער עולם מיט די אָנגעצונדענע דרענגער אין די הענט, אָנשטאָט זיך צו לאָזן אויף דעם בוכאַרערס רוף, איז ער געבליבן שטיין ווי אַ געליימטער. פאַרקערט, טייל יונגען האָבן אויפן בלויזן אָנבליק סאַ־פּורטאַס, זיך גענומען רוקן אויף צוריק. זיי האָבן איינציקווייז געלאָשן די דרענגער און די פאַקעלען. צי אויס דרך־ארץ צום אַלטן, ווייל ער איז סימן־טוב׳ס פאָטער, צי אויס פחד פאַר אָנקומענדיקער פּאָליציי — דער פונאַנדערגעלאָזטער המון האָט זיך געהאַלטן אין צוריקשטויסן. און כאָטש אַלע האָבן געהאַט אויפן קאָפּ די שאָדנס, די צאָל יידישע הייזער וואָס די אַראַבער האָבן פאַרברענט דורכן היינטיקן טאָג, דורכן נעכטיקן טאָג, האָט דאָך קיינער נישט געוואָלט האָבן קיין חלק אין דער שרפה. ס׳האָט גענומען ווערן שיטערער. פּאַרטיעווייז האָט דער עולם אָפּגעצויגן מיט די זייטיקע שטייניקע וועגעלעך. עטלעכע יונגען זענען געבליבן. דאָס האָבן זיי נייגיריקע זיך געוואָלט צוקוקן, ווי נאָך דער אַלטער סאַפּורטאַ באַגעגנט זיך מיט סימן־טוב׳ן.

יום טוב סאַפּורטאַ האָט געקוקט אַריבער קעפּ. די שנאה־בליקן האָבן געיאָגט דעם זון, געיאָגט און אים דערטאַפּט. לאַנג האָבןביידע זיך נישט אָנגעקוקט. דערנאָך — פּנים אַנטקעגן פּנים. אויגן פינצטערע אַנטקעגן אויגן. מיטאַמאָל האָט דער אַלטער יום־טוב אַראָפּגענומען דעם בויך־באַנד און גענומען גיך שלאָגן איבער סימן־טוב׳ס קאָפּ. ער האָט געשלאָגן האַסטיק, מיט רוגזה. אינמיטן האָט ער זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, ווי ער וואָלט זיך גע׳ישוב׳ט. באַלד האָבן די קלעפּ גענומען פאַלן מיט מער חימה, און טרערן, גרויסע און הייסע, זענען געראָנען איבער די ברוינע פּנים־פאַלדן. דער אַלטער האָט געוויינט. מיט יעדן גאַרטל־וואָרף איז ס׳געוויין געוואָרן העכער, שרײַענדיקער אויף דער עולה, וואָס מען האָט אים אָפּגעטאָן. צו וואָס האָט סימן־טוב צונויפגעשלעפּט אַהער דעם המון, צו וואָס? נאָר כדי דער בוכאַרער זקן זאָל אים מביש זײַן פאַר די שיך־פּוצערס און פאַר די טרעגער־יונגעץ? דאָס געוויין איז איבערגעגאַנגען אין אַ שלוכצן, אין אַ גע־יאָמער, וואָס ער האָט אויפגעצויגן אַזאַ ווידערשפּעניגן זון, אין אַ געיאָמער אויף מזל׳ס חרפּה, אויף זײַן אייגענער חרפּה.

סימן־טוב איז געשטאַנען אַ געשלאָגענער, דער קאָפּ אַראָפּגעלאָזט. מיט קיין איין האַנט־הויב האָט ער זיך נישט פאַרטיידיקט. בעת אין זײַן גאַנץ אויסזען איז געווען עפּעס קנעכטישעס. ווי לאַנג וועלן די שמיץ אַזוי פאַלן איבערן קאָפּ? ווי לאַנג וועט דער אַלטער, ווי אַ צערייצטער מעטשעט־שמייסער, אַזוי לויז האַלטן די בייטש?

און מיטאַמאָל האָט ער אַ ריס געטאָן פונעם פאָטער דעם בויך־באַנד, ער האָט אים צוזאַמענגעקנוילט און פאַלנדיק אויף די פיס, האָט ער אָנגעכאַפּט דעם אַלטנס ביי̆ניקע, צעאָדערטע האַנט און זי גענומען קושן, מחילה בעטן.

יום־טוב סאַפּורטאַ האָט זיך אַרויסגעמאַכט פונעם זון. ער האָט נישט געקענט מוחל זײַן דעם בזיון. מיט גיכע טריט האָט ער זיך גערוקט אויף הינטערווײַלעכץ. צי ער האָט חרטה געהאַט אויף די שמיץ, צי ער האָט אינגאַנצן אָפּגעהאַקט מיטן זון — דער אַלטער האָט זיך אָפּגעטראָגן פלינק. די עטלעכע געבליבענע פאַרשווינען, וואָס האָבן

זיך צוגעקוקט, האָבן איצט איינציקווייז אָפּגעצויגן צו דער ספרדישער שכונה.

די געביידע האָט געפּלאַקערט.

אַ פּליט

פֿרייטאָג נאָכמיטאָג, אַ פּאָר שעה פֿאַר ליכט־צינדן, האָט די לעצטע פּאַרטיע פּליטים פֿון אַלטשטאָט, זיך אָפּגעשטעלט אין דעם קוואַרטאַל זכרון־משה. די פּליטים צעטומלטע, ווי נשרפֿים, האָבן אויף גיך זיך צעלייגט איבערן לאַנגן הויף פֿון דער ספֿרדישער שול. די בני־בית האָבן אויסגעפּאַקט ס׳בעט־געוואַנד און פֿונאַנדערגעלייגט די רעשט בעבעכעס, וואָס מען האָט אַרויסגעראַטעוועט פֿונ׳ם אַראַבישן קוואַרטאַל.

נישט בלויז ווייבער און קינדער, נאָר אַפֿילו די עלטסטע פֿון די משפּחות, האָבן זיך געאײַלט ביים פֿאַרנעמען די פּלעצער. איטליכער האָט מורא געהאַט, אַ שכן זאָל נישט אויסכאַפּן די פֿיר שפּאַן. די פּליטים האָבן געזוכט וואָס מער שטח, גלייך מען וואָלט נישט געזעסן אין אַ דאַך איבערן קאָפּ, נאָר ווי מען וואָלט זיך פֿאַרקליבן אין גע־מויערטע שוץ־הייזער.

די שול־גבאים, שטרענגע און פֿאַרזיכטיקע ספֿרדים, וואָס האָבן תמיד מקפּיד געווען, אַ מענטש פֿון אַ פֿרעמדער עדה, זאָל אין הויף נישט האָבן קיין דריסת־רגל, זענען איצט געווען פֿול מיט רחמים. זיי האָבן ברייטהאַרציק אויפֿגענומען די תּימנישע משפּחות, די קורדישע משפּחות, און אַפֿילו די קאַווקאַזישע. דאָ האָט מען געבראַכט אַן עמער הייסע גריץ, דאָ — אַ קויש מיט „פּיטעס" און געזוכט צו שטילן דעם הונגער ביי די זקנים און ביים קליינוואַרג.

די שמשים האָבן צעשטעלט איבערן הויף לאַנגע טישן, צונויפֿ־געקלאַפּט פֿון ברעטער און איבערגעדרייטע פֿעסער, און אויסגעשפּרייט ווייסע טישטעכער. די קאַווקאַזער האָבן איבערגעפּוצט די שטיוול. די קורדען האָבן געטוישט די צעקנאָדערטע רעק. תּימנ׳ער האָבן צעקעמט די שיטערע בערד מיט די געקרויזטע פּאות. און דער עולם

האָט געיאָגט פון זיך דעם טרויער, און זיך געגרייט מקבל צו זיין דעם שבת.

איין תימנ'ער זקן, ר' גמליאל, האָט נישט געקענט שלום מאַכן מיטן חורבן. דאָס אייגענע לעבן איז איצט געלעגן פאַרוויסט, די פיר ווענט — צענומען. האָט ער, גמליאל, געמעגט מיטכאַפּן מיט זיך ס'לעצטע געליישטע ספר, האָט ער געמעגט מיטשאַרן בשעת'ן אַנטלויפן דעם לעצטן קאָלירטן גאַרטל. עפּעס איז דאָרט געבליבן. ס'זענען געבליבן די פאַרלאָפענע יאָרן, וואָס האָבן זיך געקנייטשט אין די שפּאַלטן פון די אָפּגעשונדענע ווענט. ס'איז געבליבן דער טרויער, וואָס גייט נאָך א גאַנץ לעבן א ירושלים'ער תושב פון אַלטשטאָט.

גמליאלס פאָטער, זיין זיידע, זענען אַלע געווען גראַווירער און האָבן געהאַנדלט מיט גאָלד. דאָס איז אָבער געווען אין תימן. און ווען ער איז אַריבערגעקומען אַלס בר־מצוה־בחור נאָך ירושלים, האָט ער איבערגענומען די מלאכה. ער האָט באַדינט אראַבער, באַדינט יידן, ער האָט באהאַנדלט די קליענטן פלייסיק, ווי זיינע אבות. דאָס ווערקשטעלכל איז געשטאַנען נאָענט צו דער ספרדישער ישיבה „פּורת־יוסף". גמליאל האָט געקענט פאַרביישפּאַנען צופוסנס דעם מעטשעט אָמאַר, מיט דער זעלבער זיכערקייט, ווי ער האָט דורכגעשפּרייזט די נעטרעפּלטע געסלעך, וואָס פירן צום כותל. אזוי איז געווען ביים טערק. אזוי פאַר דער מלחמה. אזוי נאָך דער מלחמה. און מיט אמאָל — אראַבער באַשיסן יידישע הייזער. גאַנצע משפּחות אַנטלויפן פון אַלט־שטאָט.

גמליאל האָט געזען ווי דער שבת פאַלט צו, האָט ער זיך גענומען אײלן. ער האָט דורכגעשפּרייזט דעם שול־הויף. די צעלייגטע מחנה האָט אויסגעזען ווי א צעשלאָגענער מלחמה־לאַגער. א באַוואַקסענער סטאַמבולער ייד האָט זיך געריסן מיט זיין שכן איבער א מאַטראַץ. צוויי קורדישע יונגלעך האָבן אַמפּערנדיק זיך, צעפּליקט א קישן. און די פעדערן, ווי א דינער שניי, זענען זיך צעפלויגן איבער די טונקעלע אָנגעכמורעטע שול־מויערן. ס'איז געוואָרן א קוויטשעריי. ביים טויער האָט א קאַווקאַזערין מיטן געשטעל פון א מאַנסביל מכבד

געוועזן ס׳קליינוואַרג מיט אַ בעזים. אַ פּערסיש ווייב האָט געדעקט איר מאַן מיט קללות און חרמות אויף שפּאַניאַליש.

ס׳זענען אָנגעקומען פּאַרזאָרגערינס און גבאיטעס. אַשכנזישע פּרויען און ספרדישע פּרויען. איבער די טישן האָבן זיך באַוויזן עטלעכע פּאָר ליכט, אַריינגעשטאָפּט אין קאַרטאָפּעל. די פּאַרזאָרגערינס האָבן צעשטעלט קדוש־ווייַן. אַ בעקער האָט אָפּגעליפערט אַ פּאָר קוישן מיט חלות.

ס׳איז געוואָרען טונקעלער. צוויי תימנער זקנים, האָבן אין געאייל געוואַשן די פיס. גאָטפּאָרכטיקע ווייבער האָבן טיפער אַראָפּגערוקט די שטערנטיכלעך. און דער שבת האָט געפּראַלט איבער שוועל און טויער.

גמליאל האָט זיך אַ קרום געטון, וואָס אַלץ איז גרייט פאַרן חומר. דאָס קדוש־ווייַן, ס׳ווייסע געבעקס. אַלע וואַרטן אויף דער אכילה. און פאַר דער נשמה? וואָס האָט מען צוגעגרייט פאַר דער נשמה? דער זקן האָט פאַר זיך קיין תירוץ נישט געפונען, דערפאַר האָט ער צוגעשפּאַנט צום אָרט וווּ זיינע בני־בית זענען געוועזן צעלייגט. ער האָט איבערגעטון אַ געשטרייפטן אויבער־בגד, אויפן קאָפּ — אַ צעפּאָרענער טורבאַן און אַ שווייגנדיקער האָט ער זיך צוגעשאַרט צום טויער. דאָס ווייב — אַ קנאָכיקע און דינע, איר פאַר׳חושכ׳ט פּנים — בושה און צניעות — האָט זיך אַ הויב געטון פון אָרט.

— וווּ גייסטו, מאַן מיינער? מען דאַרף באַלד מקבל־שבת זיין!

— כ׳מוז צוריק אין אַלטשטאָט.

— אין אַלטשטאָט מוזטו צוריק? — האָט זי אים פאַרשטעלט דעם וועג — וואָס פּלאָפּלסטו, זקן? וועמען האָסטו איצט אין אַלט־שטאָט?

— כ׳האָב פאַרגעסן אַראָפּצונעמען די מזוזות, אשה! — האָט דער זקן אַ פאַר׳עקשנ׳טער זיך געפּרואווט אַרויסדרייען.

— וואָס דאַרפסטו מזוזות? מיר שלאָפן אין שול־הויף.

— דאָ דאַרף איך נישט, הערסט אשה, דאָ דאַרף איך נישט. אָבער די אַראַבער, די רוצחים, וועלן דאָרט זיכער אונטערצינדן ס׳הויז. און כ׳וויל נישט זיי זאָלן מטמא זיין גאָט׳ס שריפט.

דאָס ווייב האָט זיך אַ וואָרף געטון אויף דער ערד. זי האָט פֿאַרבראָכן די הענט מיט אַ קלאָגערײַ:

— יהודים רחמנים! האַלט אָפּ מײַן מאַן פֿון גיין. ער איז משוגע געוואָרן! אויב ער גייט אין אַלטשטאָט בלײַב איך אַ וויסטע אַלמנה, און די קינדער — יתומים. די רוצחים וועלן אים הרג׳ענען. יהודים רחמנים, האַלט אָפּ דעם מטורף!

ס׳איז געוואָרן אַ טומל. שכנים האָבן זיך גענומען אַרײַנמישן. אַ ברייטער קאַווקאַזער יונג האָט אויפֿגעהויבן זײַן טײַטל־פֿינגער און אים געדרייט אין אַ קרייז און צוגעלייגט צום זקנ׳ס שטערן:

— ביזט פֿון זינען געקומען, זיידע.

— אינגאַנצן משוגע!

— גייסט אַנטקעגן דעם טויט זקן!

דער זקן האָט אָפּגעטריבן דעם אָנלויף מיט זײַנע קליינע, דאַרע הענט און געברעדט גיך, בשעתן רעדן געשפּיגן אין דער אייגענער באָרד אַרײַן.

— כ׳בין נישט קיין זקן. כ׳בין, אַ גבור. איך וועל גיין! פֿאַרוואָס זאָל איך נישט גיין?? און אויב כ׳וועל פֿאַלן, וועל איך פֿאַלן פֿאַר ירושלים, פֿאַר מײַן ירושלים. און יהי שם ה׳ מבורך!

ר׳ גמליאל האָט זיך אַרויסגעמאַכט פֿונם עולם. מיט די פֿינגער האָט ער זיך פֿאַרשטאָפּט די אויערן נישט צו הערן די קולות פֿון ווייב, פֿון די שכנים, און ער האָט פֿלינק אַריבערגעשפּרייזט די טויער־שוועל.

ווען ער איז געווען אויף דער גאַס, האָט ער אין גיכן געכאַפּט אַ בליק הינטער זיך. די ספֿרדישע שול איז געשטאַנען אין תחום, וואָס טיילט אָפּ דעם אַראַבישן קוואַרטאַל פֿונ׳ם יידישן. ענגלישע זעלנער מיט ביקסן איבער די אַקסלען, וואָס האָבן צו צוויי, צו דריי געשפּאַנט איבער דעם „נייטראַלן" ראַיאָן, אַכטונג טוענדיק, ייד און אַראַבער זאָלן זיך נישט באַגעגענען, האָבן איצט מיט פֿאַרדאַכט נאָכגעקוקט דעם זקן.

גמליאל האָט נישט געלאָזט לאַנג זיך באַטראַכטן. ער איז אַרויס

פונ׳ם קוואַרטאַל זכרון־משה און איז אַנגעקומען צום רוסישן פּלאַץ, ווו ס׳האָט זיך געפֿלינלט אַ שווערע, בייכיקע צערקווע, פֿאַרשפּיצט מיט גאָלדענע צלמים. פֿון דאָרט האָט ער געמאָסטן צו דער יפֿוער גאַס. ס׳האָט גענומען טונקעלען. דער זקן האָט זיך געאײַלט. ער האָט געוואָלט נאָכ׳ן אָפּטון די מצוה־זאַך באַוויזן צוריק צו קומען אין זײַן מקום־מקלט אַרײַן נאָך פֿאַר קבלת־שבת. און ווען ער האָט אָנגעשפּאַרט ביזן יפֿו׳ער טויער, האָט ער, נישט קוויינקלענדיק זיך, אַרײַנגעשפּרייזט אין דער אַלטשטאָט, ווי אין אַ טיפֿער הייל.

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט מיט די געטרעפּלטע געסלעך. די שטילקייט אַרום האָט געשניטן. די קלייטן זענען געווען פֿאַרמאַכט, די ווערקשטעלן פֿאַרלייגט אויף אײַזערנע פֿרענטעס. גמליאל האָט גע־כאַפּט אַ בליק אויף צוריק און געהאַט ס׳געפֿיל ווי ער וואָלט זיך געפֿינען הינטער פֿאַררינלטע טויערן. אַ פֿאַרשפּעטיקטער ספֿרדישער אַרבעטער, מיט אַ בינטל בוי־מכשרים אויף אַן אַקסל האָט געשפּרייזט אים אַנטקעגן. אין אײַלעניש האָבן זייערע בליקן זיך באַגעגנט, זיך געפֿרעגט: ווער איז מיושב? זיי האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט. דער זקן איז פֿאַרבײַגעגאַנגען. דער ספֿרדי האָט געשפּרייזט ווייטער אַ צערודערטער. ער האָט געשפּרייזט מיט אימפּעט, מיט נעאייל, וואָס גיכער אַרויסצוקומען פֿון אַלטשטאָט, ווו אַרום לויערט געפֿאַר און סכנה.

גמליאל האָט זיך אַ קערעווע געטון רעכטס. אין אַראָפּלאָז איז געלעגן אַ געסל, חרוב ווי נאָך אַ שווערע שלאַכט. שורות פֿאַרברענטע הײַזער, די דעכער אַראָפּגענומען. פֿון די חורבות האָט נאָך געדויכערט דער סוואָנד פֿון פֿאַרקאָפּטשעטע ווענט. איבער אַ אײַנגעלייגט הויז, פֿון אַ פֿענסטער, ווי פֿון אַ אויסגעהאַקט אויג, האָט זיך באַוויזן אַ פּעט, ברייט ישמעאל־פּנים. דאָס פּנים האָט געפֿלאַקערט. די אויגן האָבן געשפּיזלט און דערציילט פֿון אומהיימלעכע כוונות.

בײַ גמליאל׳ן האָבן די נאָז־לעכער זיך צעשפּרייט און אַרײַנגע־אָטעמט דעם שׂרפֿה־רויך. די אַלטע אויגן האָבן גערעדט — וואָס איז

ווייב? וואָס זענען יללות? אַז דאָ שפּאַנט אַלט־ירושלים, זיין ירושלים אין בלוט?

ער איז ארויס פון די חורבות און איז פאַרביי פאַרן רעגירונגס־שפּיטאַל, א גרויע, שטייניקע געביידע. פאַרן טויער זענען געשטאַנען א צוויי צענדליג קורדישע יידן, ס׳רוב צעוואַקסענע גרייזן אין טליתים. א גרעבער האָט אריינגעטראָגן א מטה אויף די אַקסלען. דאָס האָבן די קורדען געוואַרט אויף דער לויה פון א קינד פון זייער עדה. די מלוים זענען געשטאַנען שטומע און טרויעריקע.

גמליאלן איז געווען קשה, ווי נאָך די קורדען, די פּושעים, גרייטן א לויה אין אַזא שפּעטער שעה. א פּאַר׳חידוש׳טער איז ער שטיין געבליבן און געפרעגט:

— יהודים, פאַר ליכט־צינדן גייט איר באַגראָבן א מת?

קיינער פון די קורדען האָט נישט געענטפערט. א ברייטער יונג מיט א פּאָר טרעגער־פּלייצעס האָט אויפגעהויבן די רעכטע האַנט, צוערשט צום הימל, שפּעטער צו דער ערד. דערנאָך האָט ער צוגע־לייגט א פינגער צו די ליפּן. א סימן — דער פרעמדער דאַרף שווייגן.

— ס׳איז דאָך חלול־שבת! — האָט גמליאל ווידעראַמאָל זיך איינגעשטעלט מיט א טענה.

דעמאָלט האָט א הויכער, געגאָלטער גרייז אין א טלית, זיך אריבערגעבויגן צום דאָרן, תימנ׳ער זקן:

— מיר קאָנען נישט איבערלאָזן דאָס מת ביז מאָרגן. די רוצחים וועלען דאָס מת ביינאַכט שענדן. סיי לעבעדיקע, סיי טויטע, אַלץ מוז ווערן היינט ארויסגערוימט פון אַלטשטאָט. און אויב מיר וועלען נישט מאַכן די לויה, וועט עס נישט זיין קיין חלול שבת, נאָר חלול המת!

ערשט איצט האָט גמליאל פאַרשטאַנען אַז ער איז גערעכט, וואָס ער גייט מציל זיין די מזוזות פון זיין שטוב. אויב א מת, א בינטל עפר ואפר, טאָר מען נישט לאָזן פאַר די רוצחים, ווי שוין די הייליקע שריפט, גאָט׳ס וואָרט?

ער האָט נישט געוואַרט און זיך געיאָגט מיט די שאָטנס, וואָס

האָבן צוגעדעקט די מויערן. באַלד איז ער געווען ביי דער ספרדישער ישיבה „פּורת יוסף". דער ספרדישער „חכם", א איינגעהויקערטער בבלי, האָט אין ארייננאַנג באַגעגנט דעם תּימנ׳ער מיט פאַרדאַכט און וואָרנונג:

— א סכנה, א גרויסע סכנה איצט ארומצוגיין מחוץ די טויערן. ס׳גייט א נאַכט, אַזאַ נאַכט! אין זכרון־משה, אין מאה־שערים ראַטעוועט מען זיך. מען ענטפערט אפילו די רוצחים. און דאָ, ביי די „אבלי־ציון"? גאָרנישט! זיי וועלען אונז אויסשעכטן ווי די שעפּסן. דער אל רחום וחנון זאָל זיך איבער אונז, בבלים, דערבאַרעמען!

דער בבלי האָט פאַרריגלט הינטער זיך דאָס טויער. גמליאל האָט געשפּאַנט ווייטער. ער איז געשטאַנען פאַר די לאַנגע הויפן, וואָס ציען זיך צווישן ביידע שולען. אויך די טויערן זענען געווען פאַרהאַקט און פאַרהעמערט. קיין סימן פון א בעל־חי. א שטילקייט וואָס וואַרפט אָן אן אימה. און פון דער שטילקייט האָט זיך פאַרטראָגן א לייכט שאָרכעריי. גמליאל האָט אָנגעקלאַפּט אין טויער. א סקריפּעריי פון א אָפּגעריסן ברעט האָט זיך געהערט פון יענער זייט. און דאָס טויער האָט זיך אויף א העלפט געעפנט.

צוויי מאַראָקאַנער יידן, אָפּגעשליסענע, זייערע שוואַרצע, האָריקע פּיס, באָרוועס ביז צו די קניען, האָבן געעפנט די אויגן, פול מיט פּחד, דערזען א יהודי, האָבן זיי אים אריינגערופן. פון א נאָרע האָט זיך אַראָפּגעקייקלט א באַוואַקסענער בר־נש, איינגעוויקלט אין זעק. ער איז געווען טויב־שטום. דער בר־נש האָט געמאַכט ווילדע תּנועות, געבענדיק אָנצוהערן, דאָס ער איז הונגעריק. ביידע מאַראָ־קאַנער האָבן זיך צערעדט צו גמליאל׳ן אויף אַראַביש. זיי האָבן דערציילט, אַז אַלע זענען אַנטלאָפן, געבליבן זענען בלויז זיי, האָבן נישט ווו זיך אהין צו טון און ס׳וועט אויסקומען א נאַכט זיך צו פּייניקן אין הונגער און אין תּפילות.

גמליאל האָט פאַרשפּאָרט צו ענטפערן, דאָס ער איז אליין א נשרף. ער האָט זיי געלאָזט שטיין. ער האָט דורכגעצויגן די לענג פון הויף, דערנאָך אַראָפּגעלאָזט זיך מיט א טיפער טרעפּ, ווי אין א שאול תּחתּיה,

און אויפגעריגלט א פאָר געוועלבטע הילצערנע טירן, ווי לוחות.

ער איז געשטאַנען אין הויף פון די קאַראַאימער. וויפיל שלעסער און פּרענטעס — אַזויפיל פאַרהאַקטע טירן. אפילו די אַראַבישע שטיבלעך זענען געווען פאַרהעמערט. גמליאל האָט געשפאַנט ווייטער. ער האָט נאָר געדאַרפט דורכגיין צוויי טונקלע געסלעך, אַריינקומען אין דער יידן־גאַס און אָט איז ער ביי זיין שטוב, וואו ס'הענגען די פאַר-לאָזטע מזוזות.

פון א דאַך האָבן צוויי אויסגעשטרעקטע הענט געפּאַכעט מיט א ווייס טוך. גמליאל האָט אַרויפגעקוקט. א פרוי אין שוואַרצע קליידער, מיט א קאָפּ צעפּלאָשטעט צעפּלעך האָט געמאַכט צייכנס און געוואָרנט אויף שטום לשון, ער זאָל נישט שפּרייזן ווייטער.

גמליאל האָט געהויפּעט טרעפּ-אַרויף, טרעפּ-אַראָפּ. ס'האָט אַרויס־געגלאָצט די טונקלקייט פון צוויי אָפּגעשוונדענע מויערן, צונויפגע-קוועטשטע, ווי א פינצטערער טונעל. א גאָטפאַרכטיקער, מיט א פּסוק פון תפילת־הדרך אויף די ליפּן האָט ער דורכגעשלייכט דורך די צוויי מויערן.

אויף דער יידן-גאַס האָט ער אָפּגעאָטעמט. איין טייל גאַס, וואָס האָט געפירט צום אַראַבישן קוואַרטאַל איז געווען פוסט. דער אַנדערער טייל איז געווען טומלדיקער. ס'האָבן זיך פאַרביינגעטראָגן דורכגייער. ירושלימער לומדים אין זשופּיצעס און אין שטריימלעך. הייפלווייז זענען זיי געגאַנגען, מיט טלית-בייטלען אין שול אַריין. איבער די שטיינערנע פאַרקאַנעס פון די טעראַסעס, זענען געשטאַנען ספרדישע מיידלעך אין הילצערנע סאַנדאַלן. מיט א קוויטשעריי האָבן זיי אויס-געכליופּעט גאַנצע עמערס וואַסער און אויסגעקערט די שטיינערנע פּאָלן.

גמליאל איז געגאַנגען מיט דער פוסטער זייט גאַס. ער האָט אויסגעמיטן די שול פון ר' יהודה החסיד. ער האָט אַריינגעדרייט אין א ליק, וואָס האָט זיך געטרעפלט באַרג־אַראָפּ צום כותל. און ווען ער איז אָפּגעקומען א מהלך, איז ער א פאַרסאָפּעטער געבליבן שטיין פאַר א אַרומגעמויערטן אַראַבישן הויף, מיט אַן אָפענעם טויער.

דאָס איז געווען גמליאל׳ס שטוב. אַלץ האָט דאָ אויסגעזען, ווי ס׳וואָלט שוין יאָרן געשטאַנען פאַרלאָזט. דער זקן האָט קיין איין רגע נישט איבערגעטראַכט. ער איז אריין אין הויף. די צוויי צימערלעך, דאָס ווערקשטעל, זענען געשטאַנען אויסגעליידיקטע און אָפענע. גמליאל איז באַפאַלן אַלע שוועלען און געריסן פון דיביישטידלעך איין מזוזה נאָך דער צווייטער. ער האָט עס געריסן ווי רויב, אָפּגעטרעטן אין די שכנישע הויפן, ווידער געריסן און געפּאַקט אין די קעשענעס. און ווען די מלבושים זענען געווען אָנגעשטאָפּט, מיט מזוזות, האָט ער זיך געלאָזט צו די הויפן פון די חלוקה׳ניקעס, כדי צוריקצוועגס, דורך הינטער-וועגן נענטער צוצוקומען צום יפוער טויער.

די שפּרייזן זענען געוואָרן פלינקער. ער האָט זיך געיאָגט מיט דער נאַכט, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער טרעפּ און מויער.

ס׳האָבן זיך אַרויסגעזען די חסידים-שטיבלעך, ס׳זיך־אָרט פון די אשכנזישע מיוחסים, די אבלי-ציון. האַלטענדיק זיין שליחות פאַר אויסגעפירט, האָט דער זקן זיך נאָך מער געאיילט. ער האָט זיך דערמאָנט אַז מיטן צופאַלן פון דער נאַכט, טאָר קיין מענטש מער נישט פאַרלאָזן די אַלטשטאָט, מען קען פאַרהאַלטן ווערן פון פּאָליציי. און אַרום זעט מען נישט קיין לעבעדיקן מענטש. גמליאל׳ן איז נישט נאָר באַפאַלן א שרעק, דאָס ער וועט פאַרשפּעטיקן צו קבלת-שבת, נאָר אויך א פּחד פאַרן אייגענעם לעבן.

ער האָט געמאַכט צוויי שריט פאָרויס און דערהערט ווי מען ציט אים נאָך. א אָפּגעגאָסענער מיט קאַלטן שווייס, האָט ער זיך אויסגעדרייט. צוויי בריטישע פּאָליציאַנטן האָבן צושפּאַנענדיג, אים אָנגענומען פאַר די הענט.

— שטיי!

וויפיל שטאַמלענישן, וויפיל רייד דער איבערגעשראָקענער גמליאל האָט נישט אַוועקגעלייגט, די ענגלענדער האָבן זיך נישט איבערגענומען. זיי האָבן באַטאַפּט זיינע מלבושים און געזוכט ביים געבראָכענעם זקן געווער. און ווען זיי האָבן געשלעפּט פון די קעשענעס

מזוזות אין הילצערנע רעמלעך און אין בלעכענע רעמלעך, האָט דער פאַרדאַכט זיך פאַרדאָפּלט, און זיי האָבן אים גענומען פירן צו דער פּאָליציי־סטאַנציע.

ס'איז געוואָרן פינצטערער. דער חושך האָט געלאָשן די רעשטלעך טאָג און געוויקלט די אַלטשטאָט מיט פאַסמעס נאַכט.

דורכ'ן יפו'ער טויער האָבן פוןביידע זייטן געשפּרייזט די פּאָליציאַנטן, שווייגענדיגע און שטרענגע, ווי תפיסה־וועכטער. אין דער מיט איז געגאַנגען ר' גמליאל — א תימנ'ער פּליט. פון זיין האַלז האָבן זיך געריסן געקרייזלטע טענער. ס'האָט געשלאָגן פון אים מיט פרייד, מיט שירה. אזוי איז ער געגאַנגען אַן אויפגערוימטער איבער די אַלטשטאָט־געסלעך — געגאַנגען אקעגן דעם שבת.

צוויי פעלאַכען

צוויי פעלאַכען, אבו טאַהיר און יונוס אַלי, ביידע אייער־הענדלער האָבן פאַרטאָג מיט פולע קעסטלעך אייער אויף די אַקסלען, פאַרלאָזט דאָס דאָרף שייך־מונים. זיי האָבן אויפגעהויבען די פּיס און דורך הינטער־וועגעלעך פאַרוואַקסענע און פאַרפלאָכטענע מיט געדיכטע קאַקטוס־קוּשאַקעס, האָבן זיי געשפּרייזט קיין יפו.

נאָך זעקס חדשים סטרייקן, נישט וועלען פאַרקויפען יידן קיין פּראָוויאַנט, האָבן זיי איצט געהאַפּט צו באַנייען דעם האַנדעל און אין דער זעלבער צייט אויפמאָנען אַלטע חובות. הינטער דער שטאָט פאַרן קוואַרטאַל „אבו־קאַביר" האָבן זיי זיך צוגעזעצט רוען ווי מידע קעמלען.

אבו טאַהיר האָט אָפּגעבינדן דעם שוואַרצן טראַלד־בייגל. ער האָט אַראָפּגענומען די קעפּיע 1) פון'ם קאָפּ, וואָס איז געווען אין דער מיט אויסגעגאָלט, נאַקעט ווי אַ מעטשעט־קופּאָל. ער האָט אַרויסגעשלעפּט דאָס חובות־ביכל און אַ זאָג געטון צו יונוסן:

— ביים לעבן פון אַללאַ! מיט די יאַהוד הויב איך אָן פון דאָס ניי דעם האַנדל.

— וועסט קריגן געבראָכן און געשלאָגן פון דעם המון — האָט יונוס אַלי זיך אָנגערופן — זיי וועלען דיך נישט לאָזן פאַרקויפן אייער צו די יידן.

— און די רעגירונג? זיי האָבן דען נישט מורא פאַר דער רעגירונג? — האָט אבו טאַהיר זיך צוריק געשטעלט אויף די פּיס.

— די רעגירונג איז מיט זיי, מיט די גבורים! — האָט יונוס אַלי אַ שטאָלצער אים פאַרזיכערט.

---

1) קעפּיע — אַראַבישער קאָפּ־טוך.

אבו טאַהיר האָט אָנגעטון די קעפּיע, דערנאָך באַהאַלטן דאָס חובות-ביכל און זיי האָבן געשפּרייזט ווייטער.

פון א סטעזשקע, וואָס האָט זיך געשנורט ארום א פולען באַיאָרטן פּרדס, איז אָנגעקומען א יונגע פעלאַכקע, געוויקלט אין שוואַרצע פלאַכטעס. דאָס פּנים — געצירט אין מעשענע נאָז-בענדער און האַלז-רינגען. די פעלאַכקע האָט געטראָגן איבערן קאָפּ א וואַסער-קרוג.ביידע פעלאַכען האָבן זי אָפּגעשטעלט.

אבו טאַהיר האָט געזאָגט:

— פאַטמאַ, פאַטמאַ, טאָכטער פון אל אַטראַש, פון דאָרף אבו קאַביר! זאָג דיין פאָטער, אַז כ'וויל דיך קויפן. אָט גיי איך אין שטאָט צו די יאַהוד. כ'וועל האָבן געלט א סך. און אַז ער וועט מיר נישט פאַרקויפן, וועל איך דיך רויבן... זאָג עס דיין פאָטער, אל אַטראַש פון אבו קאַביר! זאָג עס, פאַטמאַ!

די אַראַבערקע, פאַרדעקט און פאַרוויקלט, וואָס איז געווען פול מיט צניעות און באַהאַלטענקייט, האָט זיך א רוק געטאָן אויף צוריק און א איבערגעשראָקענע גענומען ציען צום פּרדס.

דער צוואָקסענער אבו טאַהיר האָט איר נאָכגעשיקט א קנויל מיט געלעכטער.

אין יפו-ער אריינפאָר, ווי קרייץ-וועגן זיינען צולעגט אויף בערגלעך, האָבן די פעלאַכן זיך באגריסט מיט באַקאַנטע גרינס-הענדלער, מיט אייזל-טרייבערס און מיט קעמל-פירערס.

צוערשט האָבן זיי אריינגעשפּרייזט אין פלאָרענטין-קוואַרטאַל, ווי די גאַסן זענען באַווינט מיט ספרדישע און אשכנזישע יידן. זיי האָבן דורכגעמאָסטן א שמאָל געסל און זענען צוגעקומען צו אַן אַלטער געביידע, געמויערט פון קורקאַר-שטיינער. די אַראַבער האָבן זיך אוועקגעשטעלט אויף דער שוועל פון א יידיש שפּייז-קלייטל און מיט געמאַכטער פרייד האָבן ביידע ארויסגעשריגען אויף יידיש:

— שלום כאוואַדזשא 2) גדליה, וואָס מאכסטו?

---

2) כוואַדזשאַ — האַר.

דער קלייטניק, אַן עלטערער איד, וואָס איז געשטאַנען איינגע־הויקערט צווישן אַ פּעסל זייטונגעס און אַ קעסטל געוויכערטע הערינג, האָט אַ פּאַר׳חידושטער אויפגעהויבן דעם קאָפּ אין דער זייט צו דער טיר. ער האָט דערזען אויף דער שוועל די אַראַבער, און אַ געפּלעפּטער גענומען אין דער שטיל זייען דורך די ליפּן:

— מיין שווער און ביטער געמיט אויף אייערע קעפּ, אויף אייערע הענט און פּיס, אויף אייערע ליב און לעבן! — און ער האָט צוגעגעבן אויפ׳ן קול: — שלום עליכם, אַבו-טאַהיר!

אַבו־טאַהיר, הינטער אים יונוס אַלי, האָבן זיך אַדיינגערוקט טיפער אין קלייט אַריין און אַרויסגעשטעלט די קעסטלעך מיט אייער.

— וועסט קויפן אייער, גדליה?

— ווי לאַנג דיינע חברה וועלן ליגן אין די בערג און שיסן אויף יידישע אויטאָמאָבילן, ווי לאַנג מ׳וועט הרג׳ענען יידן אויף די וועגן — קען איך ביי דיר קיין אייער ניט קויפן, אַבו-טאַהיר!

— מען דאַרף נישט רעדן קיין „פּאָליטיקע” כאַוואַדזשאַ גדליה, מען דאַרף נישט! — האָט אַבו-טאַהיר גענומען איבערקלייבן די אייער צו פינף אין דער האַנט — קוק כאַוואַדזשאַ, פרישע סחורה! אייער ווי קוילן, אייער — מעלאָנען! צוואַנציג פּיאַסטער אַ מאה!

— און פאַר צוואַנציג פּיאַסטער אַן אלף וועל איך דען נעמען? — האָט גדליה, דער קלייטניק אַ שטויס געטון פון זיך דאָס קעסטל אייער — ס׳ערשטע מוז זיין שלום אין ארץ־ישראל! קענסטו באַשטיין די יאַהוד זאָלן קומען נאָך ארץ-ישראל, זאָלן קומען אין די טויזענטער, אין די מיליאָנען, וועלן זיי ביי דיר קויפן אייער, אָלאַ קענסטו נישט באַשטיין? — זעץ זיך אַליין איבער די אייער, און ברי זיי אויס...

אַבו־טאַהיר אַן אָנגעצונדענער, האָט אַ שלעפּ געטון אַרויס צום דרויסן איין קעסטל, דערנאָך ס׳צווייטע, ער האָט אַרויסגעכאַפּט דאָס חובות־ביכל, צווישן די צוויי טאָוולען געזוכט גדליה׳ס חשבון און מיט׳ן צייג-פינגער האָט ער געקלאַפּט איבער אַ אויפגעמישט בלעטל:

— כ׳דאַרף נישט, כ׳דאַרף נישט זאָלסט קויפן! אָט באַצאָל מיר מיין געלט!

דער קליטניק וואָס איז נישט צוגעגרייט געווען איצטער מסלק צו זיין קיין חובות, איז געבליבן שטיין א פאַרלוירענער. ער האָט געוואָלט אָפּלעגן אויף אַן אַנדער מאָל. אָבער אויפ'ן בליק פון דעם פּעלאַכס פינסטערן פּרצוף, האָט ער נישט געהאַט די העזה עס צו טון און ער האָט אריינגעקוקט אין ביכל:

— וויפיל קום איך דיר, אַבו-טאַהיר?

— צוויי פונט מיט א פערטל! האָט דער פּעלאַך א געשריי געטון.

— וואָס שרייסטו איבער מיר?

— קומסט מיר געלט, שריי איך!

— אויב אזוי, וועסטו קומען די צווייטע וואָך!

— און דו גלויבסט, אז אַן געלט וועל איך זיך רירן פון דאַנען? — האָט אַבו־טאַהיר אויפגעשרויפט ס'קנויטל פון דער רעכטער האַלבער וואַנצע און ממזר'יש אריינגעשטאָכן זיין בליק אין גדליה'ן.

גדליה'ן האָט ארומגענומען אזא שנאה און עקל צום אַראַבער אז ער וואָלט אים וועלן אויסצייִלן תיכף אויפן אָרט דעם גאַנצן חוב, און נאָך צולעגן א צוגאָב: נעם און ברעך הענט און פיס! נבל מנובל! ער האָט געוואוסט אז אין בייטל „טאָגט" און ס'איז אים קיל געוואָרן. א צעקאָכטער איז ער ארונטער הינטער'ן קאָנטאָר, ער האָט ארויס־געררוקט די שופלאָד און ארויסגעכאַפּט די לעצטע צענדליג זילבערנע מטבעות.

— אָט האָסטו איין פונט און שרייב אוים א קוויטונג.

— און די רעשט? — האָבן ביי אבו-טאַהירן די אויגן געצאַפּלט.

— וועסט קומען אין פיר טעג ארום.

אַבו-טאַהיר האָט גענומען זיך באַראַטן מיט יונוס אַלי'ן. ביידע פּעלאַכן האָבן זיך געשושקעט אין די „קעפיעס" אריין, ווי ס'וואָלט געווען א שווערע סוגיא. אַבו־טאַהיר האָט ארויסגעריסן א בלעטל. יונוס האָט דערלאַנגט א בליישטיפט. מען האָט גערדרייט דאָס בלעטל אהער, אהין, און אַז די קוויטונג איז געווען אונטערגעשריבן מיט א געצירקלטן אַראַבישן כתב, האָט ער זי אריינגעשטעקט צווישן צוויי

פינגער, ווי מען שטעקט אריין אַ ציגאַרעט און איז צוגעגאַנגען צום קלייטניק.

— גיב ס'געלט!

— אהער די קוויטונג! — האָט דער קלייטניק פול מיט באַוואָרעניש ארויסגעלייגט זיין האַנט אויפן זילבער-געלט.

דער פעלאָך האָט אַ רגע זיך געקווענקלט, דערנאָך האָט ער איבערגעגעבן די קוויטונג. מיט די זילבערנע מטבעות אין האַנט האָט דער קלייטניק זיך געשטעלט אין דער טיר און אַ רוף געטון צום שכן, דעם גרינס-הענדלער:

— אדון שמשי, קום אריין אַ ווײַלע!

ס'איז אריינגעקומען אַן עלטערער תימנ'ער קלייטניק, מיט אַ באָרד ווי בײַ אַ תנא. — מיט אויפגעריסענע, ברוינע אויגן האָט ער באטראכט די צוויי אַראַבער, ווי פרעמדע מחותנים.

— האָסט מיך גערופן, שכן?

— כ'וויל זאָלסט זען ווי כ'גיב זיי געלט.

— אַ קוויטונג האָסטו גענומען? — האָט דער תימנ'ער מעשה־מבין אין די אַראַבישע שטיק, געפרעגט.

— גענומען.

גדליה האָט אריינגעציילט אין אבו-טאַהיר'ס האַנט־פלאַך אַ צענדליק זילבער-שטיק. דער תימנ'ער האָט מיט פליכט אַ קוק געטון דאָ אויפן נעמער, דאָ אויפן געבער, און איז מיט חשיבות ארויס.

די פעלאַכן זיינען ניט אָפּגעטראָטן. אז אבו טאַהיר האָט אריינגעשטעקט ס'געלט אין די הויזן-פאַלעס, האָט ער זיך געווענדעט צום קלייטניק.

— גיב נאָך איין פונט מיט אַ פערטל.

— כ'האָב דאָך דיר געזאָגט אז אין פיר טעג ארום.

— כ'וויל נישט וואַרטן.

— האָב איך נישט איצט!

— האָסט נישט? — האָט אבו־טאַהיר אויפגעצאַרנט — האָב איך איצט קיין געלט נישט געקריגן! גיב צוריק די קוויטונג!

— האָסט נישט געקראָגן קיין געלט? — זיינען ביים קלייטניק די אויגן ארויסגעשפּרונגען פון אונטער די קאַלטענעוואַטע ברעמען.

— ניין!

— אבו-טאהיר, ביזט משוגע געוואָרן!

— כ'האָב ניט באקומען קיין געלט, יאהוד! און דו האָסט מיר נישט באַצאָלט! — האָט דער אראבער זיך צעשריען.

— כ'קען דיך שוין זיבן יאָר, אבו-טאהיר, וואָס שטעלסטו דאָ אָן?

— כ'בין אַן עדות, אַז דו האָסט אים נישט באַצאָלט — האָט יונוס-אַלי וואָס האָט די גאַנצע צייט געשוויגן, זיך צוגעשטעלט.

— גנבים! כ'גיי שוין נאָך פּאָליציי!

— דו גייסט נאָך פּאָליציי? האָבן ביידע פעלאַכן ארויסגעקנאַלט מיט אַ געלעכטער וואָס האָט זיך געקאָלערט אויף די צייהן — מיר גייען אהערברענגען דאָס גאַנצע ענגלישע מיליטער!

גדליה האָט זיך געטונקען אין שוויים. אויף אַזאַ שווינדל צום פולן פרימאָרגן, האָט ער זיך נישט געריכט, ס'ערשטע האָט ער אריינגערופן דעם תימנ'ער שכן.

— שמשי, האָסט געזען ווי כ'האָב געגעבן געלט?

— אודאי האָב איך געזען!

— און איך האָב געזען ווי דו האָסט ביי אים אויסגענאַרט די קוויטונג און נישט געגעבן קיין געלט! — האָט יונוס אַלי אקעגן געטאַנצט.

— קומט אין פּאָליציי, שווינדלערס!

— קומט!

אויף דער גאַס איז געוואָרן אַן אַנלויף. שכנים פון די הייזער, פאַרבייגייער האָבן נאָכגעצויגן ווי נאָך אַ לעבעדיגע לויה. סיי ביידע אידישע קלייטניקעס, סיי די פעלאַכן זענען געגאַנגען צו צוויי. גדליה מיט שמשין פון איין זייט. ביידע אראבער פון דער אַנדערער זייט. פון עולם נאָכלויפערס זענען געפאַלן קולות:

— נישט גוט.

— צוויי עדות קענן צוויי.

— פּאָליציי וועט נישט קענען גלויבן קיינעם!

— צערייסן דאַרף מען זיי, די גנבים!

— דעם מופטי'ס באַנדע!

— אזא חוצפּה! צו קומען היינט אין אונזער שכונה!

— טשעפּעט זיי נישט!

צוקומענדיג צו דער פּאָליציי-סטאַציע, האָט גדליה א ווײַלע זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט זיך צוגערוקט נענטער צו די פּעלאַכן און געקוקט אבו-טאַהיר'ן גלייך אין די אויגן אריין.

— אין קייטן וועל איך דיך לאָזן פירן, הערסט אבו-טאַהיר?

— און ביי מיר וועסטו גיין צען יאָר אין תפיסה — האָט אבו-טאַהיר אָפּגענטפערט.

דער פּאָליציי-אינספּעקטאָר, א שטייפער, הויכער ענגלענדער, איז געזעסן איבער א שטוים מיט ראַפּאָרטן און נאכלעסיג געפּיפקעט פון א פייקע. דערהערנדיג ס'אראבישע לשון און ס'יידישע לשון, האָט ער זיי אָפּגעשיקט צום קאָרפּאָרעל.

דער קאָרפּאָרעל, א בלאָנדער ייד, האָט זיי אויפגענומען שטייענדיק. ער האָט צוגערופן א פּאָליסמאַן, געהייסן פּראָטאָקאָלירן און זיך געווענדעט צו זיי.

— דערציילט.

די יידן האָבן דערציילט. די אראבער האָבן דערציילט. ביי די אראבישע אייער-סוחרים איז די מעשה אויסגעקומען לענגער, פּאַרפּלאָנטערטער. מיט התלהבות, מיט צעשפּילטע אויגן האָבן זיי איבערגעגעבן יעדע איינצעלהייט, ווי אזוי מען האָט זיי צוגעזאָגט געלט און דערנאָך אויסגענאַרט די קוויטונג. און ווען זיי האָבן שוין געהאַלטן ביים סוף, האָט ביי אבו-טאַהירן זיך ארויסגעכאַפּט:

— נישט בלויז האָט דער ערשטער יאהוד מיך אָפּגענאַרט, יאַ עפענדי, נאָר דער צווייטער יאהוד, דער תימנ'ער האָט מיך נאָך געוואָלט

שטעכן מיט א מעסער. ביים לעבן פון נביא! ער האָט מיך געוואָלט שטעכן!

דער קאָרפּאָרעל איז אויפגעשפּרונגען:

— ער האָט דיך געוואָלט שטעכן?

— יאָ עפענדי, כ'זאָל מודה זיין, אַז כ'האָב געקראָגן דאָס געלט.

דער קאָרפּאָרעל האָט זיך געשטעלט איבער אים.

— פון וואַנען ביזטו?

— פון דאָרף שייך מוניס.

דער קאָרפּאָרעל האָט אים אַראָפּגעלאָזט אַ פּאַטש.

— און דו, פון וואַנען ביזטו? — האָט ער זיך געווענדעט צו יונוסן

— פון שייך מוניס.

דער קאָרפּאָרעל האָט אים אַראָפּגעלאָזט אַ צווייטן פּאַטש.

— כ'קען אייך גנבים פון שייך מוניס.

די אויסגעפּאַטשטע אַראַבער האָבן פון שרעק זיך צוגעזעצט אויף דער ערד. אין דער ערשטער רגע זיך נישט געכאַפּט פאַרוואָס דער קאָרפּאָרעל האָט זיי מכבד געווען, באַלד אָבער געפילט, אַז נאָכאַמאָל וואָלטן זיי נישט בכוח געווען דעם ליגן איבערדערציילן.

דער קאָרפּאָרעל האָט צוגערופן אַ פּאָליסמאַן, וואָס האָט געהאַלטן אין מיטן פּוצן אַ ביקס. צוערשט האָט ער אים געהייסן די פּעלאַכן רעווידירן און דערנאָך באַפּוילן.

— גיי מיט דעם פּעלאַך. ער וועט דיר ווייזן ס'מעסער מיט וועלכן מ'האָט אים געוואָלט שטעכן — און ער האָט זיך אויסגעדרייט צום פּעלאַך — וואָס שטייסטו, שעפּס, געגאַנגען!

— כ'געדענק נישט, עפענדי, צי ער האָט מיך געוואָלט שטעכן מיט א מעסער, צי מיט אַ שטילעט.

— וואָס?

דער קאָרפּאָרעל האָט אַ כאַפּ געטון פאַרן האַלז-טוך איין פּעלאַך, דערנאָך דעם צווייטן און האָט זיי אַריינגעשטופּט אין אַ

זײטיגן צימער, װוּ ס'זײנען געזעסן אַן ענגלישער אָפיציר מיט אַן אַראַבער, אַ דאָלמעטשער, און געוואַרט אויף אַ פאַרהער.

נאָכ'ן פאַרמאַכן די טיר האָט דער קאַרפּאָראַל זיך אָנגערופן צו בײדע ייִדישע קליענטן.

— זעט איר וואָס אַ פעלאַך קען אָנבאַקן! און שולדיק זײט איר! װיסן זאָלט איר, אַז מען גיט אַן אַראַבער פון שייך מונים געלט, מוזן װײניגסטענס זײן אַ טוץ עדות.

— כ'האָב דאָך אָבער געקראָגן אַ קוויטונג! — האָט גדליה גע'טענה'ט.

— דאָס איז װײניק! זײ באַשולדיגן אײַך אין אויסנאַרן די קוויטונג, דערצו אין אַ פאַרזוך צו דערמאָרדן, ס'איז פונקט 291 פון קרימינעלען קאָדעקס. דער ענגלענדער מעג יאָ גלויבן און מעג נישט גלויבן.

פון יענער זײט טיר האָבן זיך געהערט קולות. ס'האָט געשריגן דער ענגלענדער. ס'האָבן געשריגן די אַראַבער. דערנאָך אַ האַלז־גאַרגלען, שבועות, בענטש־ווערטער. און װען די פעלאַכן זענען אַרויס־געקומען, זענען זײ געווען אײַנגעטונקען אין זיבן שווייסן.

מען האָט אַרײַנגערופן די ייִדן. דער פאַרהער האָט געדויערט לאַנג. קרייץ־פראַגן. דער ענגלענדער האָט געוואָלט זײן „נייטראַל", געוואָלט זײן גערעכט צו בײדע צדדים און געזוכט סתירות אין די רייד. איבערן טיש איז אויסגעוואַקסען אַ נייער שטוים מיט פּראָטאָקאָלן.

דער אָפיציר האָט אַרײַנגעשיקט די ייִדן, זײ זאָלן שטײן פּנים אל פּנים מיט די אַראַבער. אַליין האָט ער זיך געשטעלט אין דער אָפענער טיר און דורכן דאָלמעטשער געלאָזט הערן:

— שווער צו פירן די אויספאָרשונג. צוויי ייִדן, צוויי אַראַבער. איין עדות טענה'ט אַז מען האָט געגעבן ס'געלט, דער צווייטער — אַז מען האָט אויסגענאַרט די קוויטונג. אפילו אַ ריכטער מיט צוויי קעפּ, וועט אויך פון די פּראָטאָקאָלן נישט אַרויסקריכן. מײן פאָרשלאַג — פאַרגלייכט אײַך! כ'וויל נישט וויסן — האָט דער ענגלענדער זיך פאַר־

שטאָפּט די אויערן — ווער פון אייך איז גערעכט? פאַרגלייכט אייך! דערנאָך וועט איר צו מיר אַריינקומען.

ער האָט פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר. אין טונקעלען וואַרט-צימער, ווו איבער דער וואַנט איז געהאַנגען אויסמושטירט אַ רייהע ביקסן, האָבן ביידע צדדים זיך אָנגעקוקט ווי העגער. דער תימנ'ער האָט פון אומגעדולד געפּויקט מיט צוויי פינגער איבערן אייגענעם שטערן. גדליה האָט זיך גערוקט אַהין, גערוקט זיך אַהער, האָט געוואַרט ס'זאָל פון די אַראַבערס זייט פאַלן אַ וואָרט. די שטילקייט איז אָנגעגאַנגען. ער האָט זיך אָנגערופן:

— קענסט מיר קוקען אין די אויגן אַריין, אבו-טאַהיר?

— ביזט אַליין שולדיג, גדליה — האָט אבו-טאַהיר נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ — אַט מאַטערט מען מיך שוין אַ האַלבן טאָג.

— האָט מען דאָס געדאַרפט? — האָט דער תימנ'ער גרינס-הענדלער זיך צעקרעכצט.

— פאַרוואָס האָסטו גדליה, מיר נישט געגעבן דאָס גאַנצע געלט?

— ביזטו, הייסט עס, מודה, אַז כ'האָב דיר אַ טייל יאָ געגעבן? — האָט גדליה מיט נצחון זיך אויפגעשטעלט און אָנגעכאַפּט דעם פעלאַך — קום, וועסט עס איבערזאָגן פאַרן אָפיציר.

אבו-טאַהיר האָט אָנגעשטעלט אַ פּנים פון אַ תם:

— כ'האָב גאַרנישט געזאָגט.

— האָסט געזאָגט פעלאַך, האָסט געזאָגט! — האָט דער יידישער קאַרפּאַרעל אונטערקומענדיג אים געקלאַפּט איבער די אַקסלען — איצט קום. וועסט אונטערשרייבן דעם פּראָטאָקאָל.

אין צווייטן צימער, פאַרן ענגלענדערס טיש, זיינען סיי די יידן, סיי די אַראַבער געשטאַנען ווי שולדיגע. דער אָפיציר האָט כיטרע געלאַכט:

— איצט קוקט זיך אָן אין די פּנימ'ער און זאָגט, אַז איר האָט נישט איינער צום צווייטן גאַרנישט — צעריים איך די פּראָטאָקאָלן.

ווען די אַראַבער האָבן שוין געהאַלטן ביים נאָכגעבן, האָט אין גדליה'ן אַלץ גענומען פּראָטעסטירען. די גאַנצע אויספאָרשונג איז

אויסגעקומען ווי א פורים־שפיל. פאַרוואָס עפּעס זאָל ער פאַרשווייגן אזא עוולה? פאַרוואָס גישט אריינזעצן די עכברושים אין „חד-גדיא”? אזוי גלייכט מען אוים סכסוכים? און פון ווען אָן זיצן אין דער ארץ-ישראל-פּאָליציי רודף שלום׳ניקעס? איז דאָס אויך ענגלישע „סאָלאָ־ביאָלע פּאָליטיק”?

דער אָפיציר האָט צוגעשטופּט די אראבער. ביידע פעלאכן האָבן אויסגעשטרעקט צוויי גרויסע ידים און געוואָרט אויף שלום. די יידישע קליינינקעס האָבן זיך געדוקט פון זיי, ווי פון טמאים.

אין ארויסגאַנג, אויף די טרעפּ, האָט גדליה געלאָזט פאַרוים גיין דעם תימנ׳ער שכן. אליין האָט ער געקוקט היגטער זיך, געדוקט זיך אויף צוריק און אריבער געדעדט צום ענגלענדער:

— כ׳האָב זיי געזאָגט, די פעלאכן: קענען זיי באשטיין די יידן זאָלן קומען נאָך ארץ ישראל, זיי זאָלן קומען אין די טויזענטער, אין די מיליאָנען, וועלען זיי אָפּקויפן די אייער. קענען זיי גישט באשטיין, זאָלן זיי זיך זעצן איבער די אייער און אליין זיי אויסבריען...

אין אַ קאַראַאימישען הויף

ארום „דעם „יפו'ער טויער", האָט נחמיה, א קאַראַאימער קוישן־פלעכטער און בעל־הבית פון הייזער, געשפּרייזט מיט א צונויפגעלייגטן קיטל אונטערן רעכטן אָרעם. ער האָט זיך געפּלאָנטערט צווישן די אַראַבישע אייזל־טרייבערס און טרעגער־יונגען, וואָס זענען געווען צעשטעלט ארום די אָפּגעשונדענע ווענט. ער האָט געזוכט זיינע צוויי בנים, וואָס צעפירן אויף שטופּ־וועגעלעך געפלאָכטענע באַמבוק־קוישן. אין דער לינקער האַנט האָט ער געהאַלטן א געעפענטן לוח. יעדע ווײַלע האָט ער אריינגעשטאָכן זיינע פאַרלאָפענע אויגן אין דעם אויפגעמישטן בלאַט. נישט בלויז אז ס'איז היינט פרייטיק, דערצו שפּעטער נאָכמיטאָג, איז אים געלעגן אין זכרון, נאָר אויך די גענויע שעה און די רגע'ס ווען מען דאַרף אין די אַשכנזישע הייזער ליכט־צינדן.

ער האָט געצווינגן אין דער זייט צום מגדל־דוד. א פעלז, גרויס ווי א מויער, האָט פאַרשטעלט דעם אַראָפּגאַנג אין א געטרעפּלט געסל. פאַר א וואַנט, אין א טויער איז געשטאַנען א הויכע זקנה, איינגעהילט אין א ווייסער פלאַכטע. דאָס לויזע קאָפּ־טוך האָט צוגעדעקט נישט בלויז דעם שטערן, דעם שייטל, נאָר אויך א האַלב פּנים, אַז מען האָט קוים די נאָז ארויסגעזען. זי האָט דערשנאַפּט דעם פאַרביילויפענדיגן קאַראַאימער און אים גערופן מיט איר אָנצייטיגן מויל.

— נחמיה! נחמיה! ביי דיר וועל איך זיך דערוויסן! כ'זע, דו האַלסט אַן אָפענעם לוח. ווען טוט א פרום ווייב היינט ליכט צינדן?

צוליב א דבר־מצוה האָט נחמיה זיך אָפּגעשטעלט ביי דער זקנה און געענטפערט:

— פיר א זייגער מיט זיבן מינוטען!

— גוט וואָס דו האָסט ארויסגעלייענט פונ'ם לוח! אַז ביי מיינע שכנים די אַפּיקורסים קען מען גאַרנישט דערגיין די פּינקטלעכע

מינוט — האָט די זקנה גערעדט מיט צער — אַלע יהודים וואָס זיצן אויסער דער אַלטשטאָט, די בעלי-עגלות, די פּירות-הענדלער, אַרבעטען אַ שטאָך אין שבת אַריין!

— מיינסט די מענטשן פון דער יפו׳ער גאַס? — האָט דער קאַראַאימער אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן — כ׳קען זיי, די זויפערס! די פרעסערס! זיי וועלען קיין חלק נישט האָבן אין דער תחיה!

די זקנה האָט אַרויסגעשפּרייזט פון טויער.

— כ׳זע, דו פאַרנעמסט זיך צום טאָל, נחמיה, וועמען זוכסטו אין די נידעריגע גאַסן?

— כ׳גיי אהיים טרייבן מיינע בנים, די קווישן-הענדלער.

— זיי טוען אויך אַריינהאַנדלען אין שפּעטן פרייטאָג?

— אויך!

— און דאָס איז נאָך נישט דער ערגסטער חטא — האָט די זקנה גענומען וואָרפן ווערטער ווי פיילן — די פערסישע ווייבער טראָגן אָן רכילות... מען פלוידערט אַז דו, ר׳ נחמיה קענסט נאָך דערלעבן צו קריגן אַן אשכנזי פאַר אַ מחותן! דיין עלטערער זון טרייבט זיך אַרום מיט אַ זייערינגע מויד. און וועגן דעם יונגערען? זאָל איך דערציילן? קען מען דען מצער זיין אַ פאָטער?

— אַזוי? רעדסט אויך אַזוי? — האָט נחמיה צוזאַמען מיט די רייד אויסגעשפּיגן שטיקער סלינע אויף דער באָרד און איז באַלד אַנטשוויגן געוואָרן.

ער האָט אויפגעהויבן די האַנט־פּלאַך איבער די אויגן און געקוקט צו מזרח. די ניסן-זון, וואָס האָט געצונדן די שטיינערנע מויערן פון מגדל-דוד, האָט אויך געפּלייצט ליכט איבער די טאָליגע, נידריגע גאַסן. ער האָט זיך אָוועקגעדרייט פון דער זקנה.

— אַ גוטן שבת-קודש!

— שבת קודש! אַ פאַרכטיגער שבת! אַ הייליגער שבת! — האָט די זקנה נאָכגעשריגן.

די גאַסן אין טאָל האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אַזוי נידריג, ווי דאָס וואָלטן געווען אויסגעגראָבענע ראָווען. פלויטן און בלינדע ווענט

האָבן זיך געצויגן אויף אַ לענג. מער לײדיגע הויפן, ווי פאַרבויטע בנינים האָבן זיך געטונקען אין זון. און צווישן די פּלויטן האָבן דאָ און דאָרט אַרויסגעשפּראָצט אײנצעלנע הויכע טײטלבוימער ווי צע־עפנטע שירעמס.

נחמיה האָט זיך אונטערגעאײלט. ער האָט וואָס גיכער געוואָלט אהיים טרײבן די בנים. ער האָט געוואוסט אַז אין זײן הויף וואַרט שוין מסתמא אויף אים דער רויטער רפאל. דער מעקלער, וואָס ברענגט אים אַ סוחר אויף אײן הויז. ער, נחמיה, וועט פרייטיג פאַרנאַכט קײן משא ומתן נישט פירן. אויספירן וועט אבער, דער רויטער רפאל, זײן חתוך-הדבור, אויספירן וועט דאָס ווײב בת-שבע, וואָס האַלט מיטן מעקלער. און דאָ ווערט שפּעט. אבער ווו נעמט מען די צוויי יונגען?

ער האָט זיך געהויבן איבער די גראָזיגע בערגלעך. די בערגלעך האָבן געפירט אין אַ געדיכטער מאַרק-גאַס. פון דער מאַרק־גאַס ביז צו אַלט-שטאָט האָט זיך ווידעראַמאָל אַראָפּגעלאָזט, ווי אַ לײטער, אַ געטרעפּלטער הויף. הענדלערס מיט בוידן-שטײערס, רוכלניקעס, וואָס טראָגן זײער גאַנץ האָב און גוטס אויף די אַקסלען — האָבן פול גע־מאַכט די לופט מיט זײער טומל. אויף דער שוועל פון אַ טיף, טונקל געוועלב, ווו דער פּראַנט אין געווען באַהאַנגען מיט אַלטע קאָלירטע קלײדער, איז געשטאַנען אַ פעטער ספרדי, אין אַ רויטן קאַפּל מיט אַ קנאָפּ און אויסגעזונגען מיט אַ ניגון:

קאַפּ-טיכער, גאַרטלען און סוטאַנעס
אָן שבועות און אָן טענות!
פאַרקויפט אײך פון יעדן מין —
אַ ירושלימער הענדלער, אַ בעל-דין...

דער ספרדישער הענדלער האָט מיט אַמאָל אָפּגעהאַקט אינמיטן זינגען. ער האָט דערזען דעם אָנקומענדיגען נחמיהן, האָט ער גיך פאַרמאַכט אַ האַלבע, הילצערנע טיר פון זײן געוועלב, און דאָס פּנים האָט זיך צעגאָסן מיט שמײכל און חניפה:

— נעם נישט פאַר אומגוט, נחמיה, כ׳פאַרמאַך שוין דעם שער־הרחמים. דער פדיון קומט אָן בקריעת ים־סוף. מען האַלט נאָך אַ

שפּאַלט אָפּן, אפשר וועט זיך באַווייזן א קויפער נאָך א געפלאָכטענעם גאַרטל, צו נאָך אַן אַקסל-בײטל...

ווי דער הענדלער האָט זיך געהאַלטן אין פאַרענטפערן פאַרן קאַראַאימער, האָט נחמיה אים געלאָזט שטיין און זיך פאַרנומען צו א זייטיגער מויער. פון א ליק זענען אַרויסגעפאַרן צוויי שטופּ-וועגע-לעך אָנגעלאָדן מיט האַנט-קוישן. און הינטער זיי, ווי נאָכשטופּערס, זענען נאָכגעלאָפן ביידע זין. אויף זייערע קעפּ — שפּיציגע קאַפּטורס און איבער די אַקסלען — אָנגעשנאַלטע בײטלען.

נחמיה האָט א קוק געטון אויף די פאַרשפּעטיגטע בנים, אַן רייד. זיינע אויגן זענען געפאַלן אויף די צעוואַקסענע יונגען, ווי שפּיציגע רימענס. און אין זיין שטומען בליק איז געווען רוגזה און דראַאונג.

עמרם, דער עלטערער בן, מיט אַן אָנגעלאָפענער מכה אויף דעם שטערן, האָט אַרויסגעלאָזט דעם דישל פון וועגעלע און א פאַר-שולדיגטער גענומען קלייבן ווערטער אויף אויסצופּלעכטן א תירוץ. נחמיה האָט אים נישט געגעבן קיין צייט צו עפענען דאָס מויל. ער האָט א טאַפּ געטון דעם בײטל, וואָס איז ביי אים געהאַנגען אויף א רימען, און זיך צעשריגן:

— כ'זע דער פדיון איז ביי דיר נישט אָנגעשוואָלן. אָבער דאָס יאָגעניש נאָך ממון, שטופּט דיר אַלץ איצט, אַזוי שפּעט, איבער די ירושלימער גאַסן... א בושה פאַר מיר, א בושה פאַרן קאַראַאימער בעזינדל!

עמרם האָט געזוכט זיך צו פאַרענטפערן:

— טאַטע, ס'איז נאָך פרי. אין די אשכנזישע גאַסן און אין די ספרדישע הויפן, גייט ערשט אָן דער האַנדל-וואַנדל.

— ברענג מיר נישט קיין ראיות פון די אשכנזים און פון די ספרדים! — האָט נחמיה מיט אויסגעשפּרייטע הענט געטריבן דעם זונ'ס טענה — איר, בנים מיינע, וועט אנהויבן דעם שבת ווי איך, פרייטיק מיט השכמה. כ'וועל נישט הייסן מער ברענגען קיין באַמבוק-געהילץ. אוים פלעכטעריי! אוים קאָרב-בינדעריי! איידער א פרנסה וואָס פירט צו א חטא, וועל איך פאַרקויפן מיינע הייזער און כ'וועל

זיך אַוועקזעצן מיט אַ ליכט ביי די קברים! כ'וועל גיין מיט אַ צדקה־פּושקע איבער די שוועלן.

זבולון דער יונגערער זון, מיט אַרויסגעשפּראָצטע בינטלעך האָר אַרום די פאַרברוינטע באַקן, איז געשטאַנען אַ פאַרשעמטער מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ס'איז אים שווער געווען אויסצוהערן דעם פאָטערס טעביזער. און ווען די רוגזה ביי נחמיהן האָט זיך גענומען זעצן, האָט ער געעפנט דעם געלט־ביטל. מיט אַ קלימפּער האָט ער אַריינגעשאָטן די מטבעות אין אַ גרינגעם שניפּ־טוך. ער האָט עס פאַר־קניפּט איינמאָל, אַ צווייט מאָל און דערלאַנגענדיג דאָס קניפּל דעם פאָטער האָט ער געזאָגט:

— דער גאַנצער פּדיון טאַטע!, נעם און איל זיך אַ היים. רפאל דער סרסור [1]) וואַרט אויף דיר אין הויף.

— כ'בין זיך משער אַז ער וואַרט! און ער ברענגט מיר ווידער דעם אַשכּנזישען סוחר? ער ברענגט מיר ברוך וויינהענדלער? איינס — האָט דער קאַראַאימער געעפנט די רעכטע האַנט־פלאַך און גענומען איינבייגן איין פינגער נאָכן צווייטן — וועל איך נישט ריידן מסחר פרייטיג נאָכמיטאָג, צוויי, וועל איך נישט פאַרקויפן די מויער פאַר אַ שיבוש. דריי, צו וואָס ברענגט ער מיר אַשכּנזים, ווען איך זוך גאָר אַ קורדישן יהודי, פאַר אַ סוחר, ווי האָסטו אים געזען, רפאלן?

— אין די פּערסישע הויפן.

— שטענדיק שטעקט ער צווישן די מענשן פון שושן־הבירה, אָבער אַז מען דאַרף אַ סוחר, שלעפּט ער אים פון מאה־שערים אַרויס... אַלץ וואָס כ'קען פאַרקויפן, איז איין בנין, דעם פראָנט־בנין, וואָס שטייט צו דער מלכים־גאַס...

נחמיה איז געוואָרן עטוואָס אויפגערוימטער. די באַקן האָבן זיך געקאָרבט מיט שמייכלען און העויות. דער שמועס וועגן זיינע איי־גענע הייזער, האָט אויף אַ רגע אָפּגעווישט דעם כעס, אַרויסגעבלאָזן די רוגזה. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ קלאָץ, וואָס איז אַרויס־

---

1) סרסור — מעקלער.

געוואַקסן פון דער שוואַרצער ערד. ער האָט אַריינגעפּלאַכטן צען פינגער אין דער באַנוול-באָרד און די ליפּן האָבן זיך געווינט מיט חשבון און ציפערן. צוויי אַלפים מיט צוויי מאות וועט ער אָפּנעמען פאַרן בנין, דערפאַר, וועט ער אוועקגעבן אַ פּאַרמעגן צו אַ ישראלי פון אַן אַנדערע עדה. ער וועט אוועקשטופּן אַ מויער פון דער אייגענער שכונה, בעת דער גאַנצער קאַראַאימישער קוואַרטאַל ציט זיך אויף עטלעכע שפּאַן. אויב דער בנין וועט איבערגיין אין די הענט פון אַ ספרדי צו אַשכנזי, וועט מען ברעכן דעם חוק פון „לא תבערו אש בכל מושבותיכם" ... מען וועט אום שבת צינדן לאָמפּן און ברענען פייערן, מען וועט קאָכן און בראָטן. און די מנוחה וואָס רוט איבער די קאַראַאימישע גאַסן וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ טומל. ער האָט זיך אָנגערופן צו די זין.

— הערט, בנים, מיינע, ס'איז נאָך אַ גרויסער ספק צי רפאל דער סרסור וועט ביי מיר עפּעס אויספירן.

— ווילסטו נישט פאַרקויפן די מויער, טאַטע? — האָט זבולון זיך געפרעגט.

— דאָס יאָ, כ'דאַרף די מזומנים. אַבער ווער ס'זאָל ווערן מיין שכן אויף יענער זייט וואַנט, דערויף וויל איך זיין דער בעל-דעה.

— ברוך וויינהענדלער איז דער אמת'ער סוחר — האָט עמרם, דער עלטערער זון זיך אָנגערופן — און ער האָט די מזומנים אויך!

— דער אַשכנזי? — האָט נחמיה אָנגעשאַרפט די אויגן אויפן בן — דער וויין-צאַפּער? ווילסט מיר אַריינזעצן דאָ זיין משפּחה? די טומלערס?

— נסים מזרחי איז ביי מיר ביכלער! — האָט זבולון זיך אַריינגעמישט — און ער איז וויליג צו געבן אַ גרעסערן פּרייז.

— נישט דו עמרם און נישט דו זבולון. ביידע וועט איר ביי מיר נישט אויסדינגען! — האָט נחמיה אויסגעשריגן די ווערטער ווי אַ באַשלוס — איר ווילט מאַכן פון אונזער גאַס אַ שטיק מאה-שערים? איר ווילט זיך אויסמישן מיט די יהודים פון די פרייליכע גאַסן? צו פרי, בנים מיינע, צו פרי! ווי לאַנג כ'האָב נישט קיין ווייסע שנורן אין

מיין באָרד,ווי לאַנג דער מאָרך ביי מיר איז נאָך נישט פאַרקילט, קען איך נאָכקוקען יעדע זאַך בשבע עינים... און אייך, זאָגט מען דאָך מיר, ציט גאָר צו די מיידן? סיי דיך! סיי אים! — האָט ער שרייענדיג, געפירט מיט דער האַנט פון איין זון אויפן צווייטן — שכנים טראָגן מיר אַלץ אונטער! מען וויים, אַז עמרם יאָגט זיך אין די נעכט נאָך דעם וויין-צאַפּערס מויד. זבולון שטעלט אויך אריין אַ פוס אין נסים מזרחי'ס הויז. באַלד וועט אייער שוועסטער צפורה אויך ציען צו אַ פרעמדן יונג... און אַז ס'טרייבט אייך צו מיידן — איז אַ שאָד צו פאַרלירען רייד איצט, פאַר שקיעה... אויב ס'ציט אייך צו הפקרות, איז אהיים צו דער שכונה, אהיים צו די קאַראַאימישע הויפן!

* * *

אין קאַראַאימישן הויף האָט שוין געוואַרט רפאל דער סרסור אויף אַ שטיינערנער באַנק. ער איז געווען רויט ווי אדום. דאָס פעטע פנים, געגאָלט און נאַקעט, קיין שפור פון אַ פאה. די באַקן און דער שטערן ביז איבער די אויערן, זענען געווען באַשאָטן מיט אומציילינע זומער-פלעקן, ווי מיט געלבלעכע פעלד-בלעטלעך.

רפאל איז געווען באַוואָפנט מיטן גאַנצן כלי-זין פון אַ פרידלעכען מזרח-מענטש. אַ בייטש, געשליפענע קרעלען און אַ באַצירטן מאַכמע-דאַנישען שטילעט. ביים באַווייזן זיך פון נחמיה'ן מיט זיינע בנים, האָט רפאל זיך אויפגעשטעלט. ער איז זיי אַקעגן געגאַנגען ביז צום טויער נישט ווי אַ גאַסט, נאָר גלייך ער אליין וואָלט געווען דער באַלע-באָס און מכניס-אורח. ער האָט זיך פאַרנויגט. פון זיינע ליפּן האָבן זיך געקייקלט ווערטער ווי האָניג-טייגלעך:

— ווי ס'ציט אַ קעמל צום מדבר אַזוי ציט מיך צו ציגל, צו שטיינער... כ'בין שוין ס'הריטע מאָל דאָ. און וואָס איך האָב ליב איז, אַז אַ בנין זאָל נישט זיין קיין טויטע זאַך. ס'זאָל זיך רוקן ווי אַ פערד, ווי אַן אייזל... היינט שטייט דער בנין אין דער הינטער-שטאָט און מאָרגן — אין רוממה צווישן די מיוחסים. היינט זאָלן די מזומנים באַלאַנגען צו דיר נחמיה, און די געביידע צו ברוך וויינהענדלער און

א חודש שפּעטער, זאָל ווידער ברוך ווײַנהענדלער זײַן דער בעל־אלפים און אַן אַנדערען ישראלי דער בעל-נכסים.

בעת רפאל האָט גערעדט, האָט נחמיה זיך נישט צוגעהערט. ער האָט, גייענדיג איבערן הויף, זיך נישט אָפּגעשטעלט, נאָר געשפּרייזט מיט גיכע טריט. דער סרסור איז אים נאָכגעגאַנגען. ביי יעדן שריט וואָס ער האָט געשטעלט, האָט ער געמאַכט א נייע הבטחה.

— מיינסטו דאָך אַז איך רעד צו די ווינטן, צו די רוחות? גע-נאַרסטו זיך, נחמיה. כ׳האָב א פּאַרטיגע זאַך. א לולב מיט אַן אתרוג... כ׳מיין, מען קען זיך שטעלן בענטשן. און דו קענסט דעם בעלן. ער וויל דעם בנין וואָס שטייט צום פּראָנט, צו דער מלכים-גאַס. „את רחל בתך הקטנה"... דאָס האָט ער זיך אויסגעקליבן! ער וועט קויפן און צאָלן. כ׳גיב מיין הבטחה, ער וועט ציילן אלפים.

ביי דער הויז־טרעפּ האָט נחמיה מיטאמאָל זיך פאַרהאַלטן. ער האָט א קוק געטון אויף רפאלן וואָס טיילט די הבטחות, פּונקט ווי די אלפים, און א כעס האָט זיך אין אים אויפגעוועקט. די בליקן האָבן זיך גע-הויבן צו די וואָלקנס, וואָס רוקן אַן מיט פינסטערניש, דערנעטערן די נאַכט. ער האָט זיך געבייזערט.

— רעד נישט מער, רפאל, רעד נישט! ס׳איז שפּעט, ערב-שבת און דו טרייבסט מסחר! נישט איצט איז די צייט פון משא ומתן! גיי ארויס פון הויף. גיי ארויס, איידער כ׳בין דיך מביש. און אַז דו וועסט נישט גיין מיט גוטן וועל איך דיך באַוואַרפן מיט קוישן!

אנשטאָט אָפּצוּוואַרטן וואָס רפאל וועט באַשליסן, צי ער וועט יאָ גיין, צי ער וועט בלייבן, איז נחמיה גלייך צוגעלאָפן צו עמרמ׳ן, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין אויסשפּאַנען פון זיין וועגעלע. ער האָט א כאַפּ געטון איין קויש, א צווייטן, א דריטן און א באַוואָפענטער, גלייך ער וואָלט געטראָגן הייסן וואָפן, איז ער אַקעגן געלאָפן זיין שונא, דעם רויטן רפאל.

עמרם איז דעם פאָטער פאַרלאָפן דעם וועג און אים אָנגענומען פאַר ביידע הענט:

— טאַטע, וואָס איז די רוגזה? וואָס איז די חמימה? שלאָגן

נאַר? און דו פאַרגעסט אַז רפאל האָט אויך אַ תפילין־האַנט? ער קען אויך דערלייגן! אויב דו ווילסט נישט מיט אים ריידן, שיק אים צו דער מאַמען. זי האָט אים גערופן.

אַז עמרם האָט אַרויסגענומען די קוישן פון זיין פאַטער׳ס הענט, האָט דער כעס ביי נחמיה׳ן גענומען נאָכלאָזן און ער האָט זיך גערוקט אויף צוריק. ס׳איז אונטערגעקומען דער צווייטער זון זבולון און גע־נומען ציען רפאל אויף אַ זייט.

פון׳ם ברונים וואָס אינמיטן הויף, האָט זיך דערנעענטערט מיט שלייכענדיגע טריט נחמיה׳ס טאָכטער, צפורה, אַ באָרוועסע. אירע בלויע, אָפענע אויגן זענען געווען טונקל און בלינד. מיטן זעקסטן חוש פון אַ בעל־מום, האָט זי דערשנאַפט די געפאַר פון אַ געשלעג. זי האָט אָנגעכאַפּט דעם פאַטער פאַר אַן אַרבל און גענומען קושן זיין האַנט:

— שלאָג נישט טאַטע, צפורה האָט מורא פאַר קלעפּ, טרייב נישט רפאל׳ן. ער איז אַ גוטער. ער האָט ליב צו דערציילן פון ווייטע לענדער. ער ווייס פון באַוואַסערטע מדבריות, פון קעמלען מיט פליגלען...

רפאל, נאָך רויטער ווי אדום, מיט פייער אויפן פנים, מיט פייער אין די האָר, האָט זיך גענומען בלאָזן, ווי אַ פּענכער. אָבער דאָס, וואָס דער צווייטער צד אין דער משפחה, דאָס ווייב און די טאָכטער — האַלטן מיט אים, האָט אים נישט געלאָזט זיין געפאַלן. ער האָט אַ שמייכל געטון אין דער לופט מיט דער בייטש קרעלען — אַ צייכן פון מונטערקייט. דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען אַ בייטל מיט געשטויסענע טאַבאַק־בלעטער. ער האָט אַ צי געטון מיטן אייגענעם חוטם צוערשט, און דערנאָך האָט ער דערלאַנגט עמרמ׳ן, זבולונ׳ען צו די נאָז־לעכער, זיי זאָלן אויך אַריינציען דעם ריח פון די שמעקענדיגע בלעטער. און דאָס צעפלאַמטע פנים האָט געשיינט און געשטראַלט.

די הויז־טיר האָט זיך געעפנט, און איבער די טרעפּ האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ געל־הויטיגע פרוי, אין אַ ווייס קלייד, מיט ברייטע, שוואַרצע פּאַסן, ווי אַ טלית. אויף די פיס — סאַנדאַלן פון פּראָפּן־

האַלץ. דאָס איז געווען נחמיה'ס ווייב. זי האָט גערופן רפאל'ן מיט די הענט. און דאָס פּנים, אַ מיושבדיקס, האָט טרויעריג געלאַכט:

— רייד צו מיר, רפאל, רייד צו מיר! מען קען נאָך האַנדלען. ווי לאַנג כ'טו נאָך צינדן און הייצן די פייערן, מעג מען טרייבן מסחר. און מיר וועט מען ציילן די אלפים. וועמען ברענגסטו פאַר אַ סוחר? טאָקע ברוך וויינהענדלער?

רפאל האָט איר אָקעגן געטראָגן אַ וויכן, צוגעלאָזענעם בליק:

— מע האַלט דיך פאַר אַ ווילדע, בת-שבע, און דו רעדסט ווי אַ בר-דעת.

— פאַר אַ ווילדע האַלט מען מיך? — האָט בת-שבע רייִדענדיג, געצווינגן דעם סרסור פאַר די לאָצן — דאָס האָט מיין מאַנסביל אזוי אריינגעשטעלט מיין נאָמען אין די מענטשענס מיילער. ער וואָלט מיך אריינגעזעצט אין אַ דול-הויז אויך! כ'שטיי אים ווי אַ פּישביין אין האַלז... אָבער איך האָב צו ריידן איבער דעם פאַרמעגן. די הייזער זענען מיין ירושה, דו ווייסט עס. ס'קומט פון מיינע זיידעס. כ'וויל איינס פאַרקויפן. נחמיה וויל אויך! ער וויל, דער מטורף! נאָר מיינסט ער טרייבט דיך צוליב שבת? ער טרייבט דיך, ווייל ער קען דיין פּרצוף נישט אָנקוקען.

— וואָס, ער האַלט מיך פאַר אַ וואָלף?

— אַלע ישראלים האַלט ער פאַר וועלף, דער פרומער לאָם! ער האָט פיינט אונזער געביין. ער געטרויט נאָר די קורהעסטאַנער יידן, ווייל זיי זענען אויך אזוי פּרעמד צו די ספרדישע משפחות. כ'רעד צו אים, צו נחמיה'ן: מיר זענען, וויינציג, אונזער שטאַם גייט אונטער. מען דאַרף זיך מישן מיטן בלוט. מען דאַרף זוכען פאַר אונזערע זין — מעכטמער צווישן ספרדים און אשכנזים. און ער שיט איבער מיר קללות: „בעסער וואָלסטו געבליבן אַן עקרה, וואָלסט מיר נישט גע-בוירן קיין רינד, קיין קינד, איידער כ'זאָל אַנשליסן מחותנ'שאַפט מיט די תלמוד-יידן"...

— און דו וואָלסט איינגעגאַנגען דיינע יונגען זאָלן זיך משדך זיין

מיט אשכנזים? — האָט רפאל געצויגן ווערטער, ווי אַ וואָרזשאַנגערין ציט קאָרטן.

— זיי זענען זיך שוין משדך! ביידע, אי עמרם, אי זבולון — האָט בת-שבע געטייטלט אויף די זין, וואָס זענען געשטאַנען אינמיטן הויף, און היציגע אריינגערעדט אין פאָטער — ביידע יאָגן זיך נאָך אשכנזישע מיידן. און הלואי זאָל אַ ליגן שטעקן אויף מיין צונג. יעדן טאָג קען עמרם אהיים קומען מיט אַ בשורה: מאַמע, כ'גרייט צו די אירוסין 2).

— מיט וועמען?

— טאַקע מיט אַן אשכנזיה.

ביי רפאלן האָבן די זומער-פלעקן אויפן רויטן פנים אויפגעלויכטן:

— הייסט עס, כ'קען שוין רייטן אויף צוויי קעמלען מיטאַמאָל! אי כ'וועל זיין דער מעקלער ביי דער קניה פון דיין הויז, אי כ'וועל זיין דער שדכן ביי די אירוסין פון דיין זון. און ווייסטו, ווער ס'איז די טאַכטער, נאָך וועלכער עמרם יאָגט זיך? זי איז ברוך דער ווייַנהענדלערס!

— ס'אַרט מיך נישט, רפאל! ס'אַרט מיך נישט צי ס'איז אַן אשכנזישער ווייַנהענדלער, צי אַ ספרדישער וועקסל-שפּילער... אַז ס'פאַלט מיר גאָרנישט איין זיי פונאַנדערצושיידן. כ'וויל אַ ישראליש קינד. כ'האָב ליב פרייליכע מענטשן. כ'האָב ליב אשכנזים. דערפאַר וויל איך זיי אויך פאַר שכנים, ארום אונזערע הויפן.

— צוויי מאָל מזל-טוב דיר, בת-שבע! מזל-טוב פאַר דער קניה! מזל-טוב פאַרן זיווג! — איז רפאל אויפגעשפּרינגען און פון גדולה אַ וואָרף געטון די בייטש קרעלען איבערן אייגענעם האַלז.

— שלאָג נישט אַן קיין מזלות! — האָט נחמיה, דערהערענדיק די מזל-טובס, געלאָזט שטיין די טומלדיקע בנים און צוגעשפּרייזט צום ווייב — אַז ס'וועט קומען צו שמחות, בין איך אויך דאָ! און כ'וועל

---

2) אירוסין — תנאים.

נישט אַריינלאָזן אין דער משפחה יעדן ירושלימער ריקאָ! און כ׳וועל אליין אויסקלייבן מחותנים! און טאַקע צווישן די קאַראַאימער!

— קאַראַאימער, קורדעסטאַנער, אַרפעלער — אַלע זענען אייגענע מיוחסים אין ירושלים — האָט רפאל, האַבנדיג אויף זיין זייט בת-שבען, זיך נישט פארלוירן פון נחמיה׳ס געשריי — כ׳ווייס, דו נחמיה וועסט איצט א שפיי טון און זאָגן: „א ספרדי מיט אַן אלף, איז אויך א כלב״. דו קענסט אויפעסן א תלמוד-ייד מיט די ביינער! אָבער נאָך קידוש, אַז דו וועסט זיך אויסניכטערן פון דער רוגזה, וועסטו אַזוינס איבער די ליפּן נישט ברענגען. קיין שטרייט! קיין געפעכט צווישן אונז! איין ישראל! איין ברוך הוא!

דער סרסור האָט אויסגעשטרעקט זיין רעכטע האַנט צום קאַראַ־אימער — א צייכן, אַז בייזע רייד וועט ער אַפּשטויסן, און גוטע — וועט ער צונעמען באהבה. נחמיה האָט זיך אַוועקגעדרייט פון אים. בת-שבע האָט אים א צופּ געטון פאַר אַן אַרבל:

— רייד מיט מיר! האַנדל מיט מיר! מוצאי שבת, וועסטו ברענגען דעם סוחר, און אַז איך וועל זיין דער פאַרקויפער וועט מען ציילן די אלפים. און דו, נחמיה — האָט זי נאָכגעשריגן דעם מאַן, וואָס האָט זיך דערווייטערט מיט פלינקע שפרייזן — נעם די בנים — טוישט די סוטאַנעס און גייט אקעגן דעם שבת-קודש!

* * *

נאָך קידוש, ווען דער פרייטאָג צו נאַכטס-מאָלצייט איז שוין געווען אָפּגעגעסן אין קאַראַאימישן הויז, האָט דער הויף-טויער זיך געעפנט און ס׳האָט זיך פאַמעליך אריינגערוקט א פּאָרעל. דאָס איז געווען עמרם, דער בכור, וואָס האָט פאַר א האַנט געצויגן נאָך זיך דבורה׳ן. דבורה, א געוויקסיגע, מיט צוויי צעפּ פאַרוואָרפן איבער די אַקסלען, איז געווען אַנגעטון אין א ווייס-געבלימלט קלייד. זי האָט זיך נאָכגעשלעפּט נאָך עמרמן אַן חשק. זי האָט פּרובירט זיך צוריקציען:

— לאָז מיך דאָ בלייבן.

— קום, כ'וועל דיך אַריינפירן אין הויז.

— וועסט נישט מורא האָבן?

— אַ פאַרדינער האָט נישט קיין מורא, דבורה. ווי לאַנג איך בין דער העגדלער אין דער משפחה, ווי לאַנג איך ברענג אהיים דעם פדיון, מעג איך אליין מיר אויסקלייבן אַ בחורה.

— אָבער דיין טאַטע איז אַ שטרענגער. שכנים האָבן מורא פאַר אים.

אַנשטאָט צו פאַרענטפערן דעם טאַטענס שטרענגקייט, אַנשטאָט אָפּצושפּעטן פון די שכנים'ס מורא, האָט עמרם אַרויפגעלייגט זיין שווערע האַנט אויף דבורה'ס אַקסלען. ער האָט זי איינגעקלאַמערט און זי געפירט, ווי מען פירט אַ געפאַנגענע. זי האָט זיך ביי אים געבעטן:

— גיי אליין אַריין, עמרם!

— קום דבורה, אַן בושה! קום! איך וועל פאַר דיר ריידן.

מיט אַ גערויש האָט דאָס טויער זיך ווידער געעפנט און ס'איז אַריינגעלאָפן אַ הויכער ייד, אין אַ שטריימל, אין אַ אַטלאַסענער קאַפּאָטע און אויף די פיס לעדערנע שטעק-שיך מיט הויכע, ווייסע, געוויקלטע זאָקן. אין דער פינסטער האָט דער גאַנצער הילוך און אימפּעט פון'ם ייד דערמאָנט נישט אַן אַשכנזישען חסיד פון'ם קוואַרטאַל מאה־שערים, נאָר אַ קאַזאַק פון די טשערקעסן-הויפן.

דאָס איז געווען ברוך וויינהענדלער, דבורה'ס פאָטער.

עמרם האָט נאָך נישט באַוויזן זיך אויסצודרייען און אַ קוק טון ווער ס'פאַלט אַריין אין הויף, ווי ברוך האָט אין דער טונקלקייט דער־טאַפּט דבורה'ן און האַסטיג זי גענומען שלעפּן פאַר אַן אָרבל.

— אותו רגע קום אהיים, הערסט דבורה? מיט אַ „פרענק" שלעפּסטו זיך נאָך אַרום.

— טאַטע, רייס מיך נישט! — האָט דבורה זיך גענומען וויינען.

— כ'זאָל דיך נישט רייסן? אין אַזאַ אַנשיקעניש האָסטו זיך אָנגעהאָנגען? און אַן פרייטיג צו נאַכטס? ס'איז דאָך נחמיה'ס בכור, נחמיה דעם קאַראַאימערס!

— ער וועט אויך זיין ר׳ ברוך דעם אשכנזי׳ס — האָט דבורה טראַציג געענטפערט.

— וועמעס וועט ער זיין? — האָט ברוך פאַרשאַרצט א געדיכטע פאה איבערן רעכטן אויער, ער זאָל בעסער קענען הערן — מיינסט, ער וועט זיך מיט מיר מתחתן זיין? מיינסט, דו האָסט אים אויסגעקליבן צו זיין...

— דו ווייסט גאַנץ גוט וואָס איך מיין, טאַטע! — האָט דבורה מיט א קוויטש זיך באַפרייט פון פאָטער׳ס הענט.

— רעדסט ליצנות דבורה? צי דו רעדסט טאַקע באמנות? א בחור א חתן פאַר דיר? גוט! כ׳קען אים געפינען אין א ישיבה, צווישן ווילנערס. און כ׳דאַרף אים נישט זוכן ביי די „פרענקן"

— און וואָס האָבן דיר די פרענקן אזוינס שלעכטס געטון? — האָט עמרם, א באַליידיגטער זיך אַנגענומען פאַר זיין שטאַם.

ברוך האָט א קוק געטון אויף דער טאָכטער, דערנאָך אויף עמרמ׳ן און זיך צעפלאַמט:

— דיר בחור, האָב איך נאָר איינס צו זאָגן. כ׳שטיי מיט דיין טאַטן אין האַנדל איבערן הויז. און אויב דו וועסט נישט אויפהערן ארומצושלעפן מיין טאָכטער אין די נעכט, ווערט אוים קויף! רפאל הער מעקלער האָט מיט מיר גערעדט פון דורכפירן א מסחר, אָבער נישט קיין שידוך!

— ער האָט א שלעפ געטון דבורה׳ן פאַר א האַנט. ער האָט זי האַסטיג געפירט צום טויער און געשריגן:

— פאַראַן גענוג ישיבות אין ירושלים, פאַראַן גענוג למדנים! צו דעם דאַרפסטו זיך ארומשלעפן מיט א פרענק? מיט א פרענק פאַרך?

ווי נאָר דאָס הויף-טויער האָט זיך פאַרמאַכט, האָט א צווייטע טיר זיך געעפנט און נחמיה אליין, אין א ווייסן קיטל איז אַנגעקומען. פון הויז איז ארויס זיין ווייב ביי-שבע, און נאָך זיי ביידן — זבולון.

נחמיה האָט געשריגן אין דער פינסטערניש אריין:

— ווער מאַכט אַן אזוינע קולות?

ער האָט געשטעלט ברייטע שפרייזן, זוכענדיג צו טרעפן די

טאָכטער און ער האָט זיך גאָר אָנגעשטויסן אויפן עלטסטען זון:

— עמרם?

— איך!

— כ'זע אַז דו! און אַן דער בתולה אויך! פאַרכטיגער און אָפּ־געהיטענער זון מיינער!

עמרם אַ געקרענקטער האָט זיך געגרייט צו זאָגן דעם אייגענעם טאַטען דאָס, וואָס ער האָט נישט געקענט אַריינזאָגן דבורה'ס פאָטער. נחמיה האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ. ער האָט אָנגעקליבן אויף די ליפּן ווערטער, בייזע און שטעכיגע, גרייט זיי צו וואַרפן אויפן זוהן'ס קאָפּ. בת-שבע וואָס איז געשטאַנען הינטער אים, האָט אים אָפּגע-האַלטן:

— שוויַיג איצט נחמיה, מיט דיין תוכחה! שבת הייַנט!

זי האָט געלאָזט דעם מאַן מיט די זיהן הינטער זיך און גענומען שפּרייזן פאָרויס:

— קומט אַריין אין הויז! כ'וועל שטעלן אויפן טיש געשאָבענע רעטעכער און פּירות!

* * *

מוצאי שבת גלייך נאָך הבדלה, ווען רפאל דער סרסור האָט גע-קלאַפּט אין דער טיר פון ברוך וויינהענדלער, כדי אים אהין צו פירן אין נחמיה'ס הויז, האָט ברוך נישט געוואָלט עפענען. ער האָט זיך געדרייט איבערן חדר אין זיין פאַרגאַרטעלטן שטוב-כאַלאַט און אַריינ-גערעדט אין זיין ווייב.

— כ'וועל אים נישט אַריינלאָזן! הערסט חנה, כ'וועל אים נישט אַריינלאָזן, דעם רויטן פרענק!

— פרענק, צי נישט פרענק — האָט דאָס ווייב אים גענומען איינשטילן — מסחר איז מסחר! האַלטסט דאָך ביים דורכפירן אַ קויף, יאָ? און אַלע ספרדים זענען ביי דיר אַלץ איינס?

— אַלע יונים האָבן איין פּנים, און אַלע פרענקן האָבן איין רויטע יאַרמעלקע. כ'געטרוי זיי נישט!

— רפאל׳ן מעגסטו געטרויען. ער איז פונקט אזא ערלעכער זאק־פייפער ווי אנדערע מעקלערס, און וויפיל מאל האט ער שוין אפגע־שלאגן די שוועל, ווילסטו אים איצט נישט ארייגלאזן? כ׳גיי עפענען.

— וועסט נישט עפענען, חנה!

— האסט חרטה? ווילסט בטל מאכן דעם קויף? דארפסטו אים אויך נישט לאזן שטיין הינטער דער טיר. רוף אים אריין. ער וועט דיך נישט בייסן!

ברוך האט פארדרוס געהאט, וואס זיין ווייב באנעמט נישט, זעט גארנישט, וואס ס׳טוט זיך הינטער אירע פלייצעס. און אז דבורה פארשווינדט פון שטוב אן פרייטיג צו נאכטס, ווער דערשנאפט עס? ער, דער טאטע! און אז מען דארף הבורה׳ן צוריק אהיים ברענגען פאר די צעפ? הויבט ער אויף די פיס. ער מאכט א שפרייז פון מאה־שערים ביז צום קאראאימישען קווארטאל! און זי, חנה? א ווייך־הארציגע! זי איז גאר א מליץ יושר פאר דעם פרענק. ער האט זיך צוגעבויגן צום ווייב:

— פארשטייסט טאקע גארניט, וואס דא טוט זיך? רפאל מיינט נישט בלויז דעם הויף־קויף. ער האט נאך א כונה.

— וואס פאר א כונה? — האט דאס ווייב געפרעגט.

— ער וויל דיך מאכן פאר נחמיה׳ס מחותנסטע!

חנה האט פארגאפט געקוקט אויפן מאן, ווי ער וואלט איר פאר־טרויט א גרויסן סוד. פון פארקלערטקייט, האט זי מיט די פינגער גענומען אראפשארן פון טיש די געבליבענע קרישקעס פון שלוש סעודות. דערנאך האט זי טיפער אראפגערוקט דאס שווארצע שייטל־טיכל איבערן שטערן און פול מיט באוואָרעניש, א פרעג געטון:

— דו מיינסט, אז אונזער דבורה גייט ארום מיט נחמיה׳ס זון?

—איך מיין? כ׳זאג נישט קיין בויך־סברות! און כ׳האב געכטן דבורה׳ן געבראכט צו פירן פון נחמיה׳ס הויף. אמת?

חנה האט זיך אויפגעשטעלט. זי איז צוגעגאנגען צום מאן און א זאג געטון.

— קיינער הייסט דיך נישט שליסן קיין שידוך מיטן קאראאימער!

— איז בעסער אַז כ'וועל אָפּהאָקן באַלד ביים אָנהויב, אַז כ'וועל נישט האָבן קיין מגע ומשא וועגן ערשטן עסק, וועגן דער קניה, וועט צום צווייטן עסק אינגאַנצן נישט קומען.

— דאַרפסטו דעם מעקלער דאָס אַלץ אויסריידן. און דווקא אָפּענע ווערטער. זאָג אים, דו זוכסט אַ פאַרקויפער, נישט קיין מחותן. כ'רוף אים שוין אַריין.

זי האָט זיך געלאָזט אין צווייטן חדר צו דער טיר. ברוך האָט איר נישט פאַרהאַלטן, און ווי נאָר זי האָט דעם ערשטען דריי געטון מיט דער טיר-קליאַמקע, האָט אַריינגעשפּרייזט דער רויטער רפאל.

פון רפאלן האָט נישט אַראָפּגעקוקט דער שבת. ער איז גע-גאַנגען אָנגעטון אין אַ וואָכעדיגן מלבוש; אַ קאָלירטע זשופּיצע. אויך דאָס פריידלעכע וואָפן — אַ בייטל געשליפענע קרעלן און דעם מאָכ-מעדאַנישן שטילעט — האָט ער איצט נישט געטראָגן מיט זיך. אפילו די גרויסע פּנים-שפּרינקעלעך וואָס האָבן תמיד בעת'ן ריידן זיך געצונדן ווי פייער-טראָפּנס, זענען איצט געווען איינגעלאָפן.

פאַר אים איז געגוג געווען אַ שנאַפּס צו טון מיטן חוטם, צי די לופט אין הויז איז נישט צו שווער, צי מען קען זי איינאָטעמען. ער האָט געוווסט אַז ווען מען קומט צו אַן אשכנזי אין שטוב, דאַרף מען אָננעמען זיין פירונג, פאַרשטיין זיין לשון, ריידן מיט זיין נוסח... מיט דער היימישקייט פון אַ בן-בית. האָט ער גלייך צעקנעפּלט די זשופּיצע. ער האָט זיך אַרויסגערוקט אַ שטול און זיך אַ פּאַטש געטון אין די הענט אַריין:

— גוט וואָך, אַדון ברוך! גוט וואָך גברת חנה!

— גוט וואָך, רפאל, גוט וואָך! — האָט חנה געענטפערט מיט ישוב און געלאַסנקייט, איינמאָל פאַר זיך, איינמאָל פאַר'ן מאַן.

ברוך האָט שטייענדיק אינמיטן צימער אָפּגעמאָסטן רפאלן פון קאָפּ ביז פוס, און באַשלאָסן אַז ער האָט נישט קיין יידישן אויסקוק. סיי זיין צורה, סיי זיין הלבשה פּאַסט זיך מער פאַר אַ ישמעאל, איידער פאַר אַ ישראל... ער האָט אים גלייך אַ וואָרף געטון אַ געבייזער:

— מיינסט רפאל, אַז כ'בין דיין קאַמעראַנט?

— קאַמעדיאַנט? — האָט רפאל אויפגעכאַפּט דעם זאַג, ווי א פרעמד-וואָרט — וואָס, ברוך, ווילסט זיך מיט מיר קריגן צו דער פולער וואָך?

— נישט קריגן! כ׳וויל דיר נאָר זאָגן אַז מיט דעם קויף איז אויס! כ׳קויף נישט!

רפאל וואָס האָט איצט געדאפּט אַראָפּפאַלן ביי זיך, נישט האָבן קיין לשון מער, האָט זיך דוקא נישט פאַרלוירן. ער האָט איבער־געוואָרט א ווילע, ווי מען וואָרט איבער א ווינט, וואָס טראָגט זיך פאַרביי. און ווען ברוך האָט זיך אַלץ געהאַלטן ביים לעצטן וואָרט, האָט ער א פרעג געטון:

— וואָס איז געשען? א בלינד אייזל האָט זיך אוועקגעשטעלט צווישן אונז? דער מוכר מיטן סוחר קענען זיך נישט צונויפקומען?

— ניין. ס׳איז דאָ אַן אַנדערע זאַך. און דו דאַרפסט עס וויסן.

— אויב ס׳איז פאַראַן אַזא זאַך אין ירושלים, און איך ווייס עס נישט, שעם איך זיך מיט מיין עלטער... און כ׳וועל וויינען אויף מיין בושה. אָבער דו ר׳ ברוך, אַן אשכנזישער למדן, א חסיד פון מאה־שערים, דאַרפסט נישט פאַרשעמען א ספרדישען עם-הארץ... זאָג, וואָס איז די סיבה?

ברוך האָט נישט פאַרטראָגן וואָס דער פרענק מאַכט זיך שאינו יודע לשאול... געבראָטן איז ער ווי א טערק און א פנים שטעלט עם אָן, ווי א פערס. ער האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר אַן אַרבל:

— זאָג רפאל, וואָס ביזטו? א מעקלער צו א שדכן?

— א מעקלער! אודאי א מעקלער! — האָט רפאל זיך גענומען רוקן אויף צוריק — פון ווען אַן איז רפאל דער סרסור א שדכן?

— טאָ וואָס פירסטו מיר אונטער אינמיטן דרינען א שידוך?

— א שידוך פיר איך אונטער? פאַר וועמען?

— פאַר דבורהן.

ערשט איצט האָט רפאל זיך געכאַפּט וווּ ס׳ליגט דער שטיין. מיט איין שאַר, האָט ער געוווּסט, קען ער דעם שטיין אוועקשטופּן. ער האָט

אַנגעשעפּט אַ פול מויל מיט לופט, ווי אַ לויפער, וואָס גרייט זיך אַ שפרונג צו טון פאָרויס און אַנגעהויבן:

— אויב דאָס איז דער אָפּהאַלט, וואָס דאָס יונגוואַרג שפּאַצירען אין די נעכט, קוקן צו דער לבנה און פאַרטרייבן די פאַרליבטע האָזן — זאָלן זיי שפּאַצירן. פון דער לבנה-ליכט ברעכט נישט אויס קיין פייער און פון האָזן-ניס — ווערן נישט געבוירן קיין זכרים... לאָז זיי שפּאַצירן, ברוך, לאָז זיי אַזוי!

— נישט איך וועל זיי לאָזן! ס'ווערט שוין אָפּגעשטעלט! און כ'קויף נישט!

— דו זאָגסט אויך אַזוי, חנה? — האָט רפאל אויסגעדרייט זיין מענה-לשון צו ברוכ'ס ווייב — וואָס האָט צו טון אַ קאַץ מיט הינערישע פעדערען?... און אַז צווישן הבורה'ן און עמרמ'ן וויקלט זיך אַ שנור, דאַרף מען פאַרזען אַזאַ שעת-הכושר? אַזאַ מציאה? ס'איז דאָך אַ גאָלדענער אתרוג, איינגעלייגט אין אַ ביקס פון עלפאַנטביין... דאָס הויז איז אויף דער מלכים-גאַס, אַ שטיינערנער מיוחס! ס'שטייט צווישן די מויערן פון קאָנסולען און וועזירן! און נעמען קען מען עס איינגאַנצן פאַר צוויי אלפים...

חנה וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל און געפּלאָטערט, אַז אַ קריגעריי זאָל נישט אויסברעכן, האָט אַ רגע זיך פאַרטראַכט. רפאל'ס לעצטע ווערטער האָבן געמאַנט פאַרזיכטיקייט. נישט בלויז פאַרזיכטיקייט האָבן די ווערטער געמאַנט, נאָר אויך ישוב-הדעת וואָס קומט פון ווייבערישער אויסגערעכנטקייט. יאָ מציאה צי נישט מציאה. אַ אומגעזעענעם חפץ וואַרפט מען נישט אַוועק. זי האָט געזאָגט.

— היץ זיך נישט ברוך, האָסט באַשטעלט אַ מענטש — האַלט וואָרט! בעסער, זאָלסט אַהין גיין אין נחמיה'ס הויז. און אַז וועסט נישט קענען דורכקומען — קיינער צווינגט דיך נישט. דו ווייסט דעם וועג צוריק נאָך מאה-שערים.

און זי האָט זיך אויסגעדרייט מיט אַ פרומע העויה צו רפאל'ן:

— מען דאַרף אַ מענטש נישט צופיל איבעררייידן. אַז ס'וועט זיין באַשערט פון גאָט, וועט עס אַליין קומען...

רפאל האָט זיך אזש אונטערגעשאָקלט מיט זיין שווערן גוף, אזוי האָט ער אָנגעקוואָלן:

— דו חנה, רעדסט מיט חכמה! כ'בין בטוח אז ביי נחמיה'ן וועל איך קיין צען ווערטער נישט פארלירן. מען קען זיך פאַר-לאָזן אויף ברוכ'ן. און דאָס וואָס דבורה מיט עמרמ'ן חבר'ן זיך צוזאַמען — האָט ער ריידענדיג געפירט מיט א פינגער פון איין וואַנט צו דער צווייטער — אויב כ'וועל זיי קענען פונאַנדערטרייבן, בנאמנות שלי! כ'וועל עס טון. כ'פארשטיי, ברוך, כ'פארשטיי. כ'בין אויך א טאַטע. כ'האָב טאַקע א „פרענקיש" האַרץ, אָבער ס'קלאַפּט ווי א פויק...

— אויב אזוי, גיי איך! — האָט ברוך א זאָג געטון — נאָר מיט איין תנאי! דו, רפאל, זאָלסט שווייגן. גענוג! ריידן זאָל דער בעל-דבר, דער קאַראַאימער!

— ווי דו האָסט געזאָגט, האַר און געביטער! — האָט רפאל זיך א פאַטש געטון אין די הענט — א וואָרט — א באַפעל, א דבור — א געבאָט!

ברוך האָט איבערגעבינדען דעם גאַרטל פונ'ם כאַלאַט און אַרויפ-געצויגן אויף זיך אַן אויבער-קאַפּאָטע. שטייענדיגערהייט האָט ער גע-טוישט די ווייכע שטוב-לאַטשן אויף א פּאָר פארשפּיציגע קאַמאַשן. און ווען ער האָט זיך געלאָזט צו דער טיר, איז רפאל א צופרידענער אים נאָכגעגאַנגען און אים אונטערגעאיילט:

— נו, צו דער פולער וואָך, ברוך! לאָמיר אריבערשפּרייזן די שוועל. און טאַקע מיטן רעכטן פוס!

* * *

ביי נחמיה'ן האָט מען שוין געוואַרט אויף ברוך ווייַנהענדלער פון א קיילעכדיגער שעה. די בני-בית זענען געווען אויסגעזעצט אַרום א רונדיגן, דרייפוסיגן טיש, ווי אויף א משפחה-שמחה. דעם אויבן אָן האָט פאַרנומען נישט נחמיה, נאָר זיין ווייב בת-שבע. דער גע-דאַנק אַז זי איז דער בעל-דעה איבערן פאַרמעגן האָט איר צוגעגעבן

חשיבות. נעבן איר איז געזעסן די בלינדע טאָכטער, הינטער זיי ביידן — זבולון. און קעגנאיבער אויף אַ הויכן אויסגעבעטן שטול, ווי אויף אַ היסב-בעט האָט זיך אָנגעשפּאַרט נחמיה, אַ צערודערטער.

עמרם, אַן אומגעדולדיגער האָט זיך געדרייט ביי דער הויז־טיר, ווי אַ וועכטער, און אויסגעקוקט דעם קויפער מיטן מעקלער, ווי מען קוקט אויס ווייטע, אָנקומענדיגע געסט.

ווי נאָר ברוך האָט אריבערגעטרעטן די שוועל, האָט ער גלייך זיך אָפּגעשטעלט ביי עמרמ׳ן. ער האָט גענומען וואָרפן אויף אים אויגן, ווי פיילן. ער האָט זיך צעשריגן:

— אַז דער יונג, וועט שטיין פאַר מיינע אויגן, שרייב איך ניט אונטער... כ׳טונק נישט איין די פעדער פריער.

ביי רפאלן האָט זיך אַ גאָס געטון די גאַנצע רויטקייט אין קויפּ אריין. ער האָט געהאַט אַן עול איצט איינצוהאַלטן ברוכ׳ן, ווי ער האַלט איין אַ צערייצט פערד. ער האָט געדאַרפט צוימען דעם קאַראַ-אימער, ער זאָל זיך נישט וואַרפן אויפ׳ן אשכנזי, פאַרן באַליידיגן זיין זון. און ער האָט געפּרואווט איינשטילן און צוגלעטן דעם איבעררייד

— איידער דו גייסט חתמענען ברוך, דאַרפסטו זיך אַרומקוקען איבערן הויז. קוק אָן דעם ערשטן שטאָק, דעם צווייטן, שפּאַציר אריין אין די חדרים. באַטראַכט די שכנים. מען קויפט דאָך נישט דעם אייזל צוליבן זאָטל, נאָר מען קויפט דעם האַלז־שנור פאַרן קעמל...

— מען דאַרף גאָרנישט אַרומקוקען. גענוג געקוקט! גענוג באַ-טראַכט! — האָט נחמיה גענומען געוואַלדעוועט — דאָס האָב איך און דאָס פאַרקויף איך! און דער פּרייז — צוויי אלפים מיט צוויי מאות!

— ס׳איז געשטיגן? — האָט ברוך אַ קוק געטון אויף דעם רויטן רפאל — ביי מיר אין הויז האָסטו אָפּגערעדט אַ קיילעכדיגן סכום?

— אַז ס׳וועט האַלטן דערביי! אַז מען וועט צוקומען צו אָט דעם פּינטעלע — האָט רפאל באַרואיגט ברוכ׳ן — דעמאָלט בין איך אַ פּאַרמיטלער! בין איך אַ סרסור. ס׳ערשטע טו דיר אויס דעם אויבער-

בגד, רוק ארויס א בענקל — און ער האָט אויפגערופן נחמיה׳ס ווייב — וואָס האָסט דו צו זאָגן, גאַסט-ביטערין בת-שבע?

בת־שבע האָט זיך דערשפּירט אין דער הויט. מיט נצחון האָט זי אַ קוק געטון אויפן מאַן. זי האָט געשנאָבלט מיטן מויל און געמיינט אַזוי צו זאָגן: „זעסט, אַז ס׳קומט מיט מענטשן מסחר דורכצופירן, רעדט מען צו מיר?” אויף רפאל׳ס אַרויסרוף, האָט זי געענטפערט געשעפטס-מעסיג:

— ווי דו ביזט איצט נישט קיין גאַסט, אזוי בין איך נישט קיין ביטערין. א פּאַרקויפערין בין איך. און אַז ברוך איז דער קויפער — בין איך ווילי̇ג אוועקצוגעבן די מויער. פון צוויי שטאָק באַשטייט דאָס הויז. אַכט צימערן אויפן ערשטן און ניין צימערן אויפן צווייטן. די שכנים זענען אָרענטלעכע בעלי-מלאכות, ערלעכע צאָלערס...

ווי בת־שבע האָט געהאַלטן אינמיטן אויסלויבן ס׳הויז, די שכנים, האָט עמרם מיטאמאָל זיך צוגעשטעלט צום טיש. ער האָט א קוק געטון בחפזונדיג צוערשט אויף ברוכן, דערנאָך אויפן פּאָטער און זיך צעשריגן:

— הער טאַטע, דיר שטעל איך א תנאי! איידער דו וועסט געבן דיין הסכמה. צי ס׳וועט יאָ ווערן פון קויף, צי נישט — דאָס וואָס קומט פאָר צווישן מיר און דבורהן זאָל אים, דעם סוחר נישט אָנגיין. ער זאָל זיך נישט מישן.

— א תנאי שטעלסטו? — האָט ברוך זיך א שאָקל געטון — וואָס הייסט דו שטעלסט מיר א תנאי? און אַז כ׳וויל נישט מיט דיר שליסן קיין מחותנשאַפט? און ווי קומסטו, אַן איינגעשפּאַנטער דישל-שלעפּער צו דבורה׳ן? אַן איידעם ווילסטו ביי מיר זיין? א דר׳ערד-ליגער וועסטו זיין!

— און אויב דו מיינסט, מיר שטייט אָן דיין מחותנשאַפט, שטייסטו אויך אויפן קאָפּ, נישט אויף די פּיס — איז נחמיה אקעגן געשפּרונגען ברוכ׳ן — אין מיין משפחה האָט נאָך קיינער זיך נישט מתחתן געווען מיט א תלמוד-ייד. און איך וועל עס אויך נישט!

— דו יחוסט זיך גאָר? די טרוקענער קאַראַאימער! דו אָפּגע-

שונדענער ישראל! פאַרשטייסט דאָך אפילו נישט דעם פּירוש המילות!

— בעסער אזוי! אַלע תורה־מפרשים זענען געווען פעלשער! ווען נישט אייערע תנאים וואָס האָבן געזוכט אַ באַהאַלטענעם טייטש אין יעדן הייליגן אות, וואָלטן שלעכטע נביאים נישט ארויסגעקומען, וואָלטן פאַלשע משיחים זיך נישט באַוויזן.

— כ׳קען נישט הערן! כ׳קען נישט הערן! — האָט ברוך זיך פאַרשטאָפּט די אויערן — רעדסט דאָך ווי אַ סמבטיון־ייד. דו קליפּה אָן אַ יאָדרע. די אויסגעהוילטע שאָל!

— אזוי צו גבלן? צו קרויגען מיך און מיין בן־בכור מיט תוכחה־נעמען... דערצו האָסט דו נישט געדאַרפט אַזש אהער שפּאַנען פון מאה־שערים!

— האָסט מיך געלאָזט רופן.

— איך האָב גערופן?

— פּרעה האָט נישט געגעניצט און דו האָסט ניש גערופן! און אַז דו האָסט מיך טאַקע נישט גערופן, האָב איך דאָ נישט וואָס צו טון געננוג. קיין משא ומתן מער, כ׳גיי!

ער האָט זיך אַ לאָז געטון צו דער טיר, אין געאיילט האָט ער נאָך אָנגעכאַפּט רפאלן פאַר אַן אַרבל און אין אים אריינגעשריגן:

— און דו, רויטער רפאל, כ׳האָב געשריגן, דו מאַכסט מיך פאַר אַ קאָמעדיאַנט. מער זאָלסטו מיין שוועל, נישט איבערטרעטן. כ׳געטרוי נישט דיין רויטע יאַרמעלקע און כ׳געטרוי נישט דיין רויטן קאָפּ!

רפאל, צעטומלט און צערודערט האָט דערשפּירט ווי אַלץ גליטשט זיך ארויס פון זיינע הענט. דאָס פּנים האָט גע׳שרפה׳עט. דער קאָרק האָט געברענט. ער האָט געוואָרפן קולות אין ביידע זייטן:

— יהודים, וואָס טוט זיך דאָ? וואָס טויג אייער למדנות? רעדט ווי סוחרים, נישט ווי די קורדעסטאַנער ווייבער... איר זייט זיך צו־נויפגעקומען דורכפירן אַ קויף... בת־שבע, פאַרהאַלט דעם סוחר! פאַרוואָס שיקסטו נישט ארויס נחמיה׳ן?

בת־שבע האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט. זי האָט אָנגענומען

די בלינדע טאָכטער פאַר א האַנט, און נישט א קוק טוענדיג אין מאַנ׳ס זייט האָט זי זיך געקלאָגט:

— ער צעשטערט אַלץ! א חורבן וועט ער ברענגען אין הויז. אזא וואָלף! אזא שונא!

נחמיה מיט ביידע זין האָבן זיך גערוקט צו א זייטיגער טיר. בת־שבע מיט דער טאָכטער זענען אריין אינ׳ם צווייטן צימער, און אינדערמיט איז געשטאַנען דער רויטער רפאל. מיט צענומענע הענט האָט ער געפּרואווט צונויפפירן ביידע צדדים, ווי מען וויל צוגויפ־נעמען ביידע עקן פון א פונאַנדערגעלאָזענע שנור.

* * *

מיט א טאָג שפּעטער, אין פרימאָרגן, האָבן אין קאַראַאימישן הויף זיך באַוויזן צוויי אומגעבעטענע לייט, וואָס קיין ירושלים׳ער הויז־ווירט קען זיי נישט אויסמיידן. ער מוז זיי באַגעגענען איינמאָל אין זיבן יאָר. די לייט האָבן געטראָגן ברייטע אַראַבישע פּאָלע־הויזן, גרויע רעק מיט מעשענע קנעפּ און רויטע פעסקעס. געווען זענען זיי שמאים — שאַצערס פון הייזער, און זייער עובדא איז באַשטאַנען פון ציילן און מעסטן די הכנסה און הוצאה פון יעדן פאַרמעגן און וויפיל שטייערן דאָס דאַרף אריינטראָגן אין דעם רעגירונגס־שאַץ. אין „טאַבו".

פאַר נחמיה׳ן איז דער וויזיט געווען אומגערעכט. ס׳איז געווען נאָכן אָנבייסן. דו בנים זענען אוועק אין שטאָט אריין מיט אָנגעלאָדענע וועגלעך. ער האָט זיך גראָד געקליבן זעצן צום פלעכטן קוישן, ווי ער האָט דערהערט טריט. ער איז אראָפּ פון די טרעפּ. הערקענענדיג די בייזע שילוחים, איז ער זיי אקעגן געגאַנגען מיט א פאַרוואָלקנט פּנים. זיי האָבן אים באַגריסט, פירענדיג מיט דער רעכטער האַנט אויפן האַרצן און אויפן שטערן.

ביי נחמיה׳ן האָבן זיך געקרימט די באַקן:

— ווידער שטייערן צאָלן?

— מען זעט זיך איינמאָל אין זיבן יאָר, נחמיה — האָט איינער

פון די שאַצערס, אַ געוויקסיגער אַראַבער זיך אָנגערופן — און דו גייסט אונז אָקעגן מיט אַזאַ זויער פּנים?

— האָסט מיך געמעגט לאָזן וואַרטן נאָך זיבן יאָר, נאַשאַשיבי. די „טאַבו" וואָלט נישט פאַראַעמט געוואָרן — האָט נחמיה אַרויס-געקרעצט.

דער שאַצער האָט זיך געכאַפּט אַז ער איז איצט נישט געקומען צו גאַסט. זיין אַמט איז אָפּצושאַצן געביידעס. און ער האָט צוזאַמען מיטן באַגלייטער, אַ ספרדי, גענומען שפּאַנען אַרום די בנינים, אָפּ-מעסטן יעדע וואַנט מיט אַזאַ גענויקייט, ווי ער וואָלט געציילט איטליכע ציגל באַזונדער. ער האָט זיך געווענדעט צו נחמיה'ן:

— ס'איז גאָרנישט צוגעוואַקסן פאַר די פּאָר יאָר? האָסט נאָך נישט אַרויפגעבויט אַ פּאָר שטאָק?

— האָסט מורא, כ'האָב ווייניג דאגות מיט דעם בנין, וואָס שטייט? נאַשאַשיבי האָט געלאַכט מיט אַ גאָרגל-געלעכטער:

— כ'וויל דיין שטייער-צאָלונג זאָל זיין גרעסער. ס'זאָל מער אַריינפאַלן אין דעם רעגירונגס-שאַץ.

נחמיה האָט געוווסט, אַז נאָך אַזאַ שפּרוך וואַרט דער „ערלעכער" שאַצער אויף אַ „מתנת-יד"... דעמאָלט וועט ער מעסטן מיט חסד, וועט ער שאַצן מיט רחמנות... די ווערט פון הויז וועט פאַלן. און אים נחמיה'ן, וועט עס אָפּגילטן מיט אַ קליינעם שטייער. ער, נחמיה וועט אָבער קיין שוחד נישט געבן. ער וועט אפילו קיין הייזער נישט אויס-האַלטן. און מיט אמאָל האָט אים גענומען פאַרדריסן פאַרוואָס ער האָט איינגעריסן מיט ברוכ'ן. איצט דאַרף ער אַ קויפער, און טאַקע באַלד.

נאַשאַשיבי, דער שאַצער האָט געעפנט אַ ברוינע אַקטן-טאַש. ער האָט אַרויסגענומען אַ שטויס פּאַפּיר-בויגנס און אויפן אויער אַריינ-געדבר'ט אין זיין באַגלייטער. מיט אַ בליי-פעדער האָט ער פאַרזיכטיג געצירקלט אַראַבישע בוכשטאַבן, ווי געהיימע צייכענס. לויט דער לאַנגזאַמקייט פון זיין אַרויסברענגען די אותיות, האָט מען געקענט זען, דאָס ער איז נישט קיין גרויסער קענער אין שריפט. ער האָט

געמעקט און געצירקלט, דערנאָך האָט ער דערלאַנגט אַן אויסגעשרי־בענעם בויגן נחמיה'ן.

— ווייסטו נחמיה, אז די שטייערן זענען געשטיגן?

— אויב אזוי וועט מיר מער נישט לוינען צו האַלטן די הייזער — האָט נחמיה נישט געאײַלט זיך צוצונעמען דעם בויגן.

— אַלע ירושלימער באַלעבאַטים ריידן אזוי, וווען דער שאַצער קומט צו זיי. דו שרעק נאָר נישט די רעגירונג... שרעק נישט דעם ענגלענדער... וועסט דו נישט האַלטן דאָס הויז, וועט עס שטעקן אין אַנדערע הענט. שטייער-צאָלערס וועלן שטענדיק זיין!

דער שאַצער האָט צוגעקנייטשט דעם בויגן אויף פיר. ער האָט עס געשטופּט נחמיה'ן אין דער כאַלאַט-קעשענע און גערעדט מעשה־באַטמער:

— כ'האָב געשאַצט יעדעם צימער אויף צוויי פונט. כ'האָב אויס־גערעכנט די ריינע הכנסה פון א גאַנץ יאָר. דעם שטייער-צעטל פון טאַבו, וועסטו קריגן צוגעשיקט מאָרגן.

נאָשאַשיבי מיטן באַגלייטער האָבן אַרויסמאַרשירט פון הויף.

פאַר נחמיה'ן האָט דער אָנזאָג געקלינגען ווי א גזרה. מאָרגן וועט ער קריגן אַריינגעשיקט דעם טאַבו-צעטל. מיט בת-שבען איז ער צעקריגט. רפאל דער סרסור ווייזט זיך נישט. מיטן קויפער האָט ער איבערגעריסן. טאָ פאַר וועמען וועט ער זיך אַראָפּריידן?

און אזוי ווי נחמיה איז געשטאַנען א פאַרזאָרגטער, איינגעטונקען אין מחשבות, האָט אומבאַמערקט זיך אַריינגעשאַרט אין הויף רפאל. נחמיה האָט אויפגעריסן די אויגן. ער האָט זיך דערפילט מונטערער און א זאָג געטון:

— רפאל, כ'בין אין א קלעם!

ביי רפאל'ן האָט ס'רויטע פּנים געלאַכט מיט פולע בינטלעך ברוינע שפּרינקלעך.

— כ'ווייס. כ'האָב געטראָפן אַרויסגיין די מלאכי-חבלה, די שאַצערס. ביזט פאַר זיי א גוטע מעלק-קו, נחמיה.

— כ'וויל דאָס פּטור ווערן. כ'וויל מער נישט האַלטן די מויער. אָבער ווי קריג איך אַ נייעם קויפער?

— האָסט נאָך דעם אַלטן קויפער נישט פאַרלוירן... מיינסט רפאל האָט היטעלעך אויף די אויגן? כ'זע נישט וואָס ס'טוט זיך ביי דיר? כ'אַרבעט שוין פון נעכטן מיט ברוכן. כ'וויל אים צוריק געווינען אויף אונזער זייט.

— און ער לאָזט זיך ריידן?

רפאל האָט באַלד נישט געענטפערט, ער האָט זיך אַרומגעקוקט צי קיינער שטייט נישט הינטער זיינע פּלייצעס. און אַז דאָס קרימעניש, די אומרואיגע העוויות אויף נחמיה'ס פּנים זענען געוואָרן גרעסער, האָט ער אַ זאָג געטון:

— וועסט מוזן אַסאַך נאָכגעבן.

מיט זיין שווערן, אָנגעבלאָזענעם גוף האָט ער זיך געשטעלט איבער נחמיהן, אַ שטרענגער, אַ נוקם ונוטר. ער האָט געציילט אויף די פינגער די הנחות, ווי מען ציילט פּרעה'ס מכות:

— וועסט זיך נישט טאָרן מער יחוס'ן! וועסט דאַרפן אַראָפּלאָזן פון פּרייז! וועסט נישט קריגן פון אים ס'גאַנצע במזומנים! וועסט מוזן לאָזן אַ משכנתא 3) אויף העלפט געלט...

נחמיה וואָס איז אין דער אמת'ן גרייט געווען איינצוגיין אויף הנחות, האָט איצט נישט געקענט פאַרטראָגן ווי רפאל טוט אים פאַר-שעמען, ווי ער ברייט אים מיט די רייד. ער האָט גלייך געוואָלט זאָגן, אַז ס'בלייבט ביים אַלטן. אַזאַ קויפער דאַרף ער נישט. ער קען אַזוי אויסהאַלטן נאָך אַ פּאָר יאָר, איז גראָד דעמאָלט אַרויסגעקומען דאָס ווייב בת-שבע.

בת-שבע מיט בייזע תרעומות צו נחמיהן, מיט גוטע אויגן צו רפאל'ן האָט אַ פּאָר רגע'ס באַטראַכט ביידע מאַנסבילן און לסוף זיך אָנגערופן.

---

3) משכנתא — היפּאָטעק.

— נחמיה? הויבסט ווידער אָן פון דאָס נייַ? שיקסט ווידער־אַמאָל רופן דעם קויפער?

רפאל האָט זיך געשטעלט אויף נחמיה׳ס זייט:

— ער מוז! די שאַצערס האָבן זיך איצט געלאָזט זען... און אַ נייע גזרה האָבן זיי געבראַכט... די שטייערן זענען געשטיגן...

— ווען איך בין אין דיין הויט, רפאל — האָט בת־שבע נישט געוואָלט אויפגעבן איר בינטל טענות — וואָלט איך נישט געלאָפן פאַר נחמיה׳ן. כ׳וואָלט נישט צונויפגערוקט אַ וואַנט מיט אַ וואַנט.

— אַז איך, רפאל, קען מוחל זיין אויף מיין כבוד, דאַרפסטו אַ ווייב, נישט לייגן קיין שטיינער פאַר די פיס. און דאָס זענען אייערע מזלות, וואָס כ׳בין איצט אַריינגעפאַלן אין הויף. דער קויפער שטייט הינטער מיר.

סיי בת־שבע, סיי נחמיה — ביידע האָבן זיך גענומען אַרומקוקן, זוכענדיג איבערן הויף ברוך׳ן, און אַז ס׳האָט זיך קיינער נישט באַוויזן, האָבן זיי אָנגעשטעלט אויף רפאל׳ן פאַרוווּנדערטע, פרעגענדיגע אויגן.

רפאל האָט אַ פּאָך געטון מיט דער האַנט צום טויער, און באַלד האָט אַריינגעשפּרייזט ברוך. הינטער אים איז נאָכגעגאַנגען זיין ווייב חנה, אָן אויסגעשטראָצלטע.

אַ שמייכלענדיגער האָט רפאל אויסגערופן:

— ער גייט. און נישט אַליין גייט ער. זיין ווייב קומט מיט. אַ צייכן, ער גייט פאַרענדיגן די קניה. איצט וויל איך מער נישט הערן קיינע טענות ומענות. איך וועל אויסשטעלן דעם כתב און איר ביידע צדדים, וועט לייגן די חתימות.

— כ׳זאָג נאָכאַמאָל — האָט ברוך זיך גלייך געוואָלט באַוואָרענען — קיין מחותנשאַפט גיי איך דאָ נישט שליסן. כ׳קום קויפן אַ הויז.

— ר׳ ברוך, האסט דאך עפּעס געגעבן דיין הן־צדק, אַז ועסט שווייגן? — האָט רפאל צוגעלייגט אַ פּאָר פינגער צו די ליפּן, ווי אַ וואָרנונג.

— בעסער אַז מען רעדט זיך אויס אין פּאָרויס, בעסער, אַז מען

וויים אַלץ קלאָר — האָט חנה זיך אַריינגעמישט מיט אַ פרום פּנים.

— אַ מאַמע דאַרף אויסהיטן אירע קינדער, ווי אַ שוואַלב אירע עופה׳לעך — איז בת-שבע, ריידענדיק גענטער צוגעקומען צום הערל — איר באַוואָרענט נאָר אייער טאָכטער! און מיין עמרם וועט אויך אָפּשטיין. ער וועט אַנידערפאַלן אויף די קניען, ווי אַ מידער קעמעל.

רפאל האָט זיך אַ טאָפּ געטון ביי די בויך-טאַשן. דאָס כלי-זין, וואָס עס טראָגט מיט זיך אַ פרידליכער מזרח-מענטש — געשליפענע קרעלען, אַ באַצירטער מאַכמעדאַנשיער שטילעט — דאָס כלי־זין איז געווען ביי אים. רפאל׳ן האָט דאָס „צירונג" צוגעגעבן בטחון. אין אזוינע רגע׳ס האָט ער זיך געפילט יומא דפגרא׳דיג, ווי אַ שלעפּ-אייזעלע, וואָס קריגט אַרויף אויף זיך אינמיטן וואָך, אַ פאַרביגן זאָטל מיט פּאַטשערקעס.

ער האָט אַרויסגעשלעפּט די קרעלן ווי אַ כשוף-שטעקעלע. ער האָט אַ שמייכל געטון דערהמיט אין דער לופט, בעת דאָס רויטע פּרצוף האָט אָנגעקוואָלן:

— איצט, אַז מיר האָבן דעם מנין, קען מען אַריינגיין אין הויז און זיך זעצן צום טיש. אַלע זענען דאָ. ס׳פעלן בלויז די בנים. אָבער זיי ווילן מיך דאָך סיי ווי נישט האָבן.

דאָס געבינטל האָט זיך געלאָזט איבער דער הויז-טרעפּ, איינער נאָכן אַנדערן. רפאל האָט געשמיסען מיט די קרעלן, און אַ צופרידענער אונטערגעטריבן דאָס הייפל.

— מיטביידע פיס!

— מיט אַ מזל׳דיג וואָרט!

— אַ וואָרט — ווי אַ קמיע! און מען וועט זיך נישט פונאַנדערגיין צוליב אַ מאה!

אַ תהום

דאָס קאַלטע ליכט פֿון דער טבת-זון האָט באַגאָסן די צווייגן פֿון די פּאָר שקמה-ביימער, וואָס זענען געוואַקסן אַרום קבוץ-הויף.

דער נאָכמיטאָג האָט זיך געלאָשן. שפּעטע זון-שטריפֿן האָבן זיך געווישט איבער דער אויסגעגעסענער גראָז-פֿלאַך, מיטשלעפּנ־דיק מיט זיך שטיקלעך שיין פֿונ׳ם שטאָל, פֿון די עופֿות-שטייגן און אַפֿילו פֿון דער קינדער-היים, פֿונוואַנען ס׳האָבן אַרויסגעפּראַלט ראַשיקע, פֿריילעכע קולות.

אַקעגן, צווישן די בערג־קייטן, אויף אַ פֿיר-עקיקער פֿלאַך האָט זיך אויסגעשאָטן אַ יונגער פּרדס, געשניטן און געקעסטלט, ווי אַ שאַך-ברעט. הינטערן פּרדס, אינם טאָל, האָבן ווייסע פּאַר־שפּיצטע געצעלטן, ווי טורעמס, שורה׳ווייז אַרומגערינגלט אַ לאַנגן באַראַק. אין דעם באַראַק און אין די געצעלטן איז געווען צעלייגט אַ מחנה. דאָרט זענען געווען עטלעכע פּאַרטיעס שטיין-האַקערס, לאַנד־מעסטערס, אַרבעטער מיט געציייג.

די פּאַרטיעס שטיין-האַקערס זענען געקומען אויפֿרייסן פֿעלזן-ווענט, אָפּשטעכן בערג, אויספּלאַסטערן אַ שאָסיי — אַ דורכגאַנג און בינד־ליניע צום נאָענסטן ישוב.

די מחנה האָט געהערט צוזאַמען דעם קבוץ-הויף.

דורך די קרייד-בערג זענען אָנגעפֿאָרן צוויי לאַסט־אויטאָס, געלאָדן מיט חצץ. די אויטאָס האָבן זיך אַריינגעקאַטשעט אין די בערג, שווערע, מיט אַזאַ נישט זיכערקייט, ווי זיי וואָלטן זיך געהאַלטן ביים איבערקערן. רעכטס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט ווילדע גראָז-טאָלן, לינקס — שטיקער פֿאַלכאַ-ערד. די פֿאַלכאַ־ערד, וואָס איז מאָגער, עקר׳דיק און טויג נישט פֿאַר ווייץ, טויג נישט פֿאַר קאָרן, איז דאָ

צווישן די שטייניקע פעלזן, געווען שיטער באַזאַטן מיט ווייגשטאָקן און פּרוכטביימער.

איבער דער ווייסער סטעזשקע, וואָס האָט געפירט פון קבוץ-ווערדל צום הויף, איז געגאַנגען דער זיבעציק-יאָריקער הלל, און געשטופּט פאַר זיך אַ קינדער-וועגעלע. דאָס האָט ער געפירט אַהיים זיין יינגסט אייניקל פונעם טעגלעכן פּאַרנאַכט-שפּאַציר. אויף הללן איז געלעגן אַ מידקייט, וואָס קומט אויפן דאָרף-מענטש נאָך די אָראָפּגענומענע תבואות פון די פעלדער.

ס'איז ביי אים געווען טבת אין געמיט.

דער קאָפּ ווייס, די באָרד ווייס, און ווייסע פעדים ציען זיך פון האָריץ, פון מוח, פון חוט־השדרה. פעדים זענען דאָס? שנורן, געפלאָכטענע שטריק, וואָס בינדן דעם אַלטן גוף און שלעפּן אים צו דער ערד.

דער סך־הכל איז געווען ביי הללן איינגעקאַרבט אין די רינגעלעך און קנייטשלעך פון דער גערונצלטער הויט. אַכט און זעכציק יאָר אין גלות — אַ צעטראָמפּלט לעבן. אַ פּאָר צענדליק יאָר פון דער זייט, אַ פּאָר צענדליק יאָר פון יענער זייט. בלויז צוויי יאָר אין ארץ־ישראל, ווו אַלץ ווערט איבערגעאַנדערשט! ס'הויבט זיך אָן פון בראשית. און פאַר הללן איז שווער געווען אויסצופירן: וואָס וועגט איבער?

דער טעגלעכער איינשטעל האָט הללן נישט צופרידן געשטעלט. נישט דאָס האָט ער געמיינט, צופיל בטלנות. ס'פעלט דער עול. דער מעת לעת ווערט צעטרענצלט. אינדערפרי און פאַרנאַכט ס'דאַווע-נען בציבור. נאָכמיטאָג דאָס זאָגן תהילים. דערנאָך דער שפּאַציר מיטן אייניקל. אַ חסד, וואָס אין די פאַרנאַכטן קומט מען זיך צונויף מנינימווייז הינטער די ביימער, ווי הינטער די אלוני־ממרא, מען שמועסט וועלט-זאַכן. אַנדערש, וואָלט הלל דאָס הײמישע לשון פאַרגעסן.

די קבוצניקעס — די בחורים, די בחורות — מיינען מיט די עלטערן ס'בעסטע. זיי ווילן די זקנים זאָלן רוען, געבן די הסכמה

אויף א וועלט, וואָס ווערט איבערגעקערט. אַליין זיצן זיי, די חרות־זוכער אין פעלד, אויף די טראַקטאָרס. און דאָס בענקעניש, דער רוף נאָך משיחן, וואָס ליגט ביי דורות יידן אין די תפילין, אין טלית, אין דער רצועה, הערט זיך איצט ביים יונגוואַרג, אינעם גרילץ פון מאָטאָר, אינעם פייף פון טראַקטאָר.

פון א בערגל, ווו ס'האָבן זיך געקאַלערט שטרייפן מיט געוויקסן איז אַנטקעגן געקומען א הויכער זקן. די רעכטע האַנט אָנגעשפּאַרט אויף א שטעקן און אין דער לינקער — א מדרש. דער זקן מיטן נאָכמיטאָג-שלאָף אין די אויגן, איז געגאַנגען אין א זיידענעם שלאָף-ראָק, פאַרצויגן מיט א קאָלירטן גאַרטל, אויף די פיס — א פּאָר טוכענע לאַטשן. די פאות, ווי לאָקן, פאַרלייגט אַרום די אויערן. און די קניפּלעך ווייסע האָר אַרום דער סאַמעטענער יאַרמעלקע — אויס-געצוואָגן און אויסגעקעמט.

הלל האָט אָפּגעשטעלט דאָס קינדער-וועגעלע. ער האָט זיך דער-פרייט צו באַגעגענען א ידיד און זיך באַגריסט:

— שלום ר׳ הענעך!

— נישט הענעך, ר׳ הלל, נישט הענעך הייס איך, נאָר חנוך. אַזוי וויל מיין טאַכטער.

— איר רעדט אויך נאָך די שטותרייען? — האָט הלל אויפ־גענומען חנוכ'ס טענה, ווי מען נעמט אויף א קינדערישע הלצה.

— פאַרוואָס שטותרייען, ר׳ הלל? ס'איז מיר א חידוש, וואָס איר פרעגט אַזוי — איז ר׳ חנוך געוואָרן ערנסטער — דען ווייסן זאָלט איר, ר׳ הלל, אַז פּונקט, ווי דער ייד אין גלות בעט אויס ביים רבונו של עולם א צווייליניג: געזונט מיט פרנסה, אַזוי מוז דער היגער ייד זאָרגן דאָ פאַר א צוויילינג: ארץ-ישראל און לשון-קודש, און הענעך איז נישט לשון־קודש.

— איר געפינט עס אין מדרש? — האָט הלל אים א ביכקע געטון אין פּנים אריין.

— איר לאַכט, איר חוזקט, ר׳ הלל. איר פאַרגעסט, אַז מיר זענען

עול־טרעגערס, און וועלט־איבערקערערס. ס׳יונגוואַרג ביים פּיאַש, ביים מאַקוש און מיר טאַקע ביים מדרש...

דאָס וועגעלע ביי הלל אין האַנט האָט זיך גענומען טרייסלען. דאָס קינד האָט זיך צעוויינט. הלל האָט אָנגעוויזן אויפן איינִיקל.

— ס׳פּראַצענט מיינס.

— און דאָס מוזט איר היטן. ס׳פּראַצענט מוזט איר היטן מער, ווי דעם קרן. אַנדערש קען מען אייך אָפּזאָגן פון פּאָסטן...

— איר, ר׳ חנוך, זייט פּטור פון דער דאגה?

— איך, געלויבט השם־יתברך, בין שוין פריי פון דעם אַמט. מיין איינִיקל איז מיט אַ קאָפּ העכער פאַר מיר און אַרבעט מיטן מאַקוש. אַ ווילער בחור, מיין אליהו.

— אייערער הייסט אליהו, מיינער — עמוס. נביאישע נעמען.

— אַז די זיידעס שמ׳ען פאַר נאַראָנים, גילטן די איינִיקלעך פאַר נביאים.

ביידע זקנים האָבן זיך צעלאַכט. זיי האָבן זיך געהויבן איבערן בערגל. די קילע זון־שטריפן האָבן זיך געלייגט איבער זייערע געבויגענע רוקנס און באַגלייט זייערע טריט ביז צו דער וואַסער־בירקע. ס׳האָט גענומען בלאָזן אַ באַרג־ווינטל. פון דער געשלענגלטער סטעזשקע, וואָס האָט ארומגעקרייזט דעם בעטאָן־טורעם, איז אָנגעלאָפן אַ מיידל אין אַ פּאָר קורצע הייזלעך, וואָס האָבן נישט צוגעדעקט די קניען. צוויי דינע אויסגעפלאָכטענע צעפּ האָבן זיך געוואַלגערט איבער דער לעדערנער קורטקע, וואָס איז געווען פאַרוואָרפן אויף די שמאָלע פּלייצעס. די זקנים, אוים חשד, אַז מען באַשיסט ווידער דעם קבוץ, האָבן עטוואָס איבערגעשראָקענע זיך פאַרהאַלטן.

— וואָס איז ס׳געלויף, צפּורה?

— געסט זענען געקומען. מען דאַרף זיי אַרומפירן, ווייזן דעם משק...

איבערן מערב־הימל האָט געברענט ס׳פייער פון שקיעה. אין הויף האָט געטומלט. פון די אָפענע שטאַלן האָט זיך געטראָגן אַ הירזשען. די פערד האָבן געמאָנט פּאַשע. אין די סטאַיניעס האָבן

באַרוועסע מיידלעך געמאָלקן די קי. זעכצן פּאָר הענט האָבן גע-אַרבעט ביי די אייטערס. פון הינטערן פּרדס האָבן אָנמאַרשירט רייעס-ווייז אַ פּאַרטיע פּעסטע, ברוינע יונגען מיט פּיאָשן, מיט מאָקושן און מיט וואַסער־רערן. די יונגען האָבן מאַרשירט מידע, ווי סאָלדאַטן פון טראַנשייען. דאָס האָבן זיי זיך צוריקגעקערט פון דער אַרבעט.

פאַרן גרויסן, געמויערטן הינער-שלאַק האָט געוואַרט הלל שנור, אַ צעוואַקסן ווייבל, אַ באָרוועסע, אין אַ קאָפּ-טיכל, ווי אַ יונגע פּויערטע. זי האָט איבערגענומען ס׳קינדער-וועגעלע פון זכן מיט אַ שטילן געבייזער:

— דער שווער האָט געמעגט פריער אהיים קומען. אין אַזאַ ווינט איז ס׳קינד איינגעשטעלט.

הלל האָט זיך נישט מער פאַרענטפערט. ער האָט זיך אוועקגע־דרייט. ר׳ חנוך איז מער נישט געווען. אָן אַ זייט פאַרן הילצערנעם בית-מדרש האָבן זיך פאַרזאַמלט אַ דריי מנינים עלטערע יידן — די טאַטעס פון די קבוצניקעס — און זיך געגרייט אַריינצוכאַפּן מנחה. די טאַטעס, אויסגעזאַרגטע, אין יאַרמעלקעס, זענען אַלע געשטאַנען מיטן פּנים צו מזרח און זיך געשאָקלט, ווי וואַלד-ביימער. הלל האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן די מתפּללים. די קולות האָבן זיך אויסגעמישט מיטן געפּילדער, וואָס איז געקומען פון די פּאַלעס ווינט אַנטקעגן. נאָכן דאַווענען האָט הלל זיך צוגעזעצט אין דרויסן אויף אַ באַנק. ער האָט אַריינגעאָטעמט די שטיקער נאַכט, וואָס האָבן זיך געקאָלערט איבער די בערג און געווישט די לעצטע שפּורן פון טאָג.

פון דער וואַסער-בירקע זענען אָנגעקומען אַ הייפל טוריסטן. די מענער מיט פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן, אָנגעהאַנגען איבער די גרויע רעק. די פרויען אין ספּאָרט־שיך אויף נידעריקע קלעצער. די טוריסטן זענען געגאַנגען פּייערלעך, ווי אויף אַ פּראָצעסיע. פאַר זיי האָבן מאַרשירט באַגלייטער און געוויזן די שטאַלן, דעם הינער-שלאַק, די ביבליאָטעק, דעם פּרדס.

צפּורה, מיט דעם לעדערנעם רעקל אויף דער האַנט און אַ בייטשל

האָר אין די אויגן, האָט זיך געשטעלט פאַרן בית-מדרש און גערעדט צו אַ גרופּע טוריסטן:

— און דאָס איז ס'געבעט-הויז ביי אונדז, אַ תּפילה־אָרט און פאַרברענג-פּלאַץ פאַר אונדזערע עלטערן.

אַ גרויער מאַן אין ספּאָרט-הויזן, מיט טונקעלע ברילן אויף די אויגן, האָט אַן אַנטציקטער באַטראַכט דעם מעשענעם מגן-דוד איבערן אריינגאַנג און זיך צעזונגען.

— וווּנדערבאַר! איז עס אמת, אַז די עלטערע גענעראַציע איז נישט געשטערט דאָ וויטער אָפּצוהיטן דעם רעליגיעזן לעבנס-שטייגער?

— און וואָס פאַרא דאָרפישע קולטור דאָ שטעקט! — האָט זיין פרוי, אין אַ צעפליגלטן מאַנטל, זיך צערעדט — פון איין זייט — אַ שטאָל, הינער־צוכט, פון דער אַנדערער זייט אַ געבעט-הויז. דאָ וווינט, פּראָגרעסיווע מענטשן און דאָ געטאָ־יידן אין קאַפּאָטעס. הערסט, היימאַן? אַ געמיש פון אייראָפּעישער טראַדיציע מיטן אָריענט. אָך, דער אָריענט! היימאַן, אַז אונדזער קעטי וועט הייראַטן, שיקן מיר דאָס פּאָר-פאָלק אויפן האָניק-חודש אין דעם קבוץ.

— ביסט גערעכט, פרידאַ — האָט היימאַן איינגעשטימט מיטן וויב — מען דאַרף די קינדער שיקן אין דעם קבוץ.

ס'האָט זיך אַרויסגערוקט אַ צווייטער טוריסט, אַ ברייטביינעקער גבר מיט אַ בייכל פון פאָרנט... פון דעם פאַפּירענעם זעקל, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט, האָט ער געשלעפּט ביסקוויטן. ער האָט זיי געשלונגען, ווי פּילן צו קאָפּ-ווייטאָק און גערעדט מיט אַ בויך־שטים:

— כ'זע נישט, פון וואָס דאָ איז זיך אַזוי צו באַגייסטערן. אַז אַלץ אַרום איז אַזוי פּרימיטיוו. אַ טייטלבוים, אַ קעמל, אַ געצעלט. אַלץ דיזעלבע אָריענטאַלישע לאַנדשאַפט. פאַרשטייט מיך, מיינע פריינט. דאָ לעבן סוף-כל-סוף מערב־מענטשן, ווי מיר, און נישט קיין בעדואינער. איצט די באַקוועמלעכקייט? ניין, כ'מוז ריידן מיטן פירער פון קבוץ. מען מוז ענדערן די באַקוועמלעכקייטן. אומבאַדינגט! איר, קבוצניקעס, דאַרפט אַזוי זיך נישט פּלאָגן. ריכטיק — האָט

ער זיך אויסגעדרייט איינמאָל צו מזרח, איינמאָל צו מערב — די אַראַבערקע דאָרט אויפן באַרג, וואָס באַלאַנסירט, ווי אַ דראָט-גייערן — באַאיינדרוקט מיך. ס'מאַכט שטימונג. באַזונדערס אירע פּאַרביקע קליידער־העפּטערייען. וואָס פאַרא שיינע דראַפּ-קליידונג מען באַגעגנט דאָ! כ'וועל עס אָנשרייבן מיין פעטער נאָך שטראַסבורג. ער אינטערעסירט זיך מיט קוריאָזיטעטן.

ביי די ווערטער האָט אַ דאַרער יונגערמאַן, מיט אַ בלייך, אויסגעזאָגט פּנים, אַ קבוצניק, אויפגעשפּרונגען אַ צעפּלאַמטער און אַריינגעציילט דעם טוריסט:

— אויב איר קומט אַזוי מעסטן ס'מסירת-נפש פון פּיאָנערן, האָט נישט געלוינט אייך אַריינצושפּאַנען אַזוי טיף אין מדבר. איך האַלט, ס'איז יאָ דאָ מיט וואָס זיך איבערצורעמען. ס'אַראַ קליינבירגערליכע השגות! און אַז איר וועט אַהער איבערפירן די אייראָפּעישע מיליע, דעם סנאָביזם, מיט וואָס וועט דאָס הייסן איבער־שיכטונג, איבערבויונג? אַז איר זעט נישט דאָ די איבער-פּראָצעסירונג פון דער נייער געזעלשאַפט, קענט איר אויך נישט באַמערקן דעם נייעם מענטש.

— אָך, דער נייער מענטש!... — האָט אַ דין, בויגזאַם ווייבל, אין אַ גרויסן רייזע-קאָסטיום, אָנגענומען דעם ברייטביינינקן גבר פאַר אַן אָרעם — ביטע, אַלפרעד, רייס איבער. קומסט דאָך אַליין לערנען ס'לעבן און נישט איבערציייגן קיינעם. כ'בין שוין מיד פון די דיסקוסיעס. כ'בין איבערהויפּט מיד. וואָס, פריילין? — האָט זי זיך אויסגעדרייט צו צפּורהן, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען הינטער דעם הייפל טוריסטן — ס'איז נישטאָ קיין באַזונדער אָפּרו-צימער פאַר געסט? מען דאַרף גיין אין שפּייז-זאַל? אינטערעסאַנט! זעסט, אַלפרעד, ס'ווערט נאַכט. צוריק צום אויטאָ וועל איך זיך מוזן דורכרייטן אויף אַ קעמל.

די נאַכט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבערן הויף. ס'האָבן זיך געצונדן קאַלטע פלעמלעך, דאָ אינעם פערד-שטאַל, דאָרט אין די קי-סטאַיניעס און געלעכערט די שטיקער פינצטערניש. פונ'ם שפּייז־

צימער האָט אַ גלאָק זיך צעקלונגען און גערופן דעם עולם צום נאַכט-מאָל.

דער שומר פונ׳ם געמויערטן טורעם, אַנגעטאָן אין וואַרעמע, שווערע מלבושים, ווי ער וואָלט זיך געקליבן אויף אַ ווייטער ים־רייזע, איז פאַרבייגעגאַנגען דאָס הייפל טוריסטן. ער האָט זיך אַ ווײַלע פאַרהאַלטן און געלאָזט פאַלן.

— מען צינדט אָן דעם שיין-וואַרפער. ווער ס׳וויל אָנקוקן די געגנט בייצנאַכט, זאָל אַרויפקומען אויפן טורעם.

ער האָט געמאָסטן צום טורעם. דערזעענדיק פאַרן בית-מדרש ר׳ הלל, האָט ער זיך צוריקגעדרייט:

— וואָס טוסטו איצט דאָ, טאַטע? ס׳איז קאַלט אינדרויסן.

— זעסט נישט, וואָס כ׳טו דאָ, יצחק? — האָט דער זקן גע-לאַכט מיט ביטול — כ׳בין דאָך אין קבוץ אַ „פּראָבלעם”, איינער פון אַלטן דור. און אַז טוריסטן קומען, שטיי איך אויף „אָנצושויען”, מען זאָל מיך באַטראַכטן און איבער מיר האַלטן וכוחים...

ווייטיק, מער ווי ווייטיק האָט דעם אַלטן הלל אַרומגענומען בשעת דער זון האָט אַ שווייגנדיקער זיך דערווייטערט מיטן הייפל צום טורעם. אָבער הינטער דעם ווייטיק, האָט זיך געוועקט אַ גאווה, וואָס זיין יצחק, אַ מויער-היטער, וואַכט איבערן שיין־וואַרפער, ער צינדט אָן ס׳אויג איבערן מדבר. ער דערנענטערט יעדן גר און תושב און באַווייזט די וואונדער פון דער שממה.

ער איז זיי נאָכגעגאַנגען איבער די טרעפּ.

אויפן טורעם האָבן די געסט זיך אויסגעשטעלט אין אַ האַלב-ראָד. יצחק, דער שומר, האָט מעשה-ותיק, איבערגעגעבן דעם טאָג, ווען דער קבוץ איז אַרויף אויפן באָדן. ער האָט דערציילט וועגן מאַלאַריע-באַצילן, וועגן מאַנגל אין וואַסער און וועגן די ערשטע אַראַבישע איבערפאַלן.

אַז ער האָט געענדיקט, האָט דער שיין-וואַרפער זיך אָנגעצונדן און אַ שטרייף־ליכט, ווי די שאַרף פון אַ לאַנגער פייערדיקער שווערד,

האָט צעשניטן ס׳חשכות אין צווייען. דער צווילינג-באַרג אַנטקעגן איז אונטערגעשפּרונגען אַ נאַקעטער און אויסגעקראַכנער.

יצחק האָט אָנגענומען ס׳הענטל פון פּראָזשעקטאָר און זיך געווענדעט צו די טוריסטן:

— געפעלט אייך? איצט וועלן מיר אָנקוקן די סביבה.

דער שיין־וואַרפער האָט זיך געדרייט, האָט געשפּיזלט מיט בלענדענדיקער ליכט און אָפּגעדעקט איין פלעק נאָכן צווייטן. ס׳האָבן זיך דורכגעקאָלערט בערג און טאָלן, שורות מיט אָנגעלאָדענע פרוכט-ביימער, ווי שערענגעס לעגיאָנערן.

ר׳ הללס מידער בליק האָט זיך געיאָגט מיט די פּאַסן ליכט, וואָס האָבן אָפּגעדעקט איין אַראַביש דערפל נאָכן צווייטן אין די בערג-קנייטשן. ער האָט געשפּירט, אַז מיטן דרייען פון הענטל, דרייט זיין זון איבער נישט בלויז בערג, ביימער, ערד, נאָר ער קערט איבער זיין אייגענע וועלט, וואָס איז געווען ביז היינט געשנורט און גע-בונדן מיט רצועות.

דער שיין-וואַרפער האָט געוועקט אַן אַראַביש דאָרף. אַ העלער שטרייף איז געשפּרונגען איבער די פענצטער פון׳ם בעקס הויז. ס׳האָט זיך געגליטשט איבער זיינע רחבות׳דיקע שייערן, איבער די שטאַלן, אריינגעבליקט אין די געצעלט-עפענונגען און געבליבן הענגען איבער די גרויע געקעסטלטע הייזלעך פונעם שכנותדיקן דאָרף, וואָס האָט זיך געשפּרייזט, ווי אַ חרובער בית-הקברות, איבער די בערג־פעלזן.

דער גרויער טוריסט אין די ספּאָרט-הויזן האָט געפרעגט:

— איז ס׳אַראַבישע דאָרף ווייט פון דאַנען?

— נישט אפילו קיין האַלבער קילאָמעטער — האָט הלל גע־ענטפערט פאַרן טורעם-היטער.

— און די אַראַבער האָבן קיינמאָל נישט באַשאָסן דעם קבוץ?

— אוי, האָבן זיי באַשאָסן!

אַ וואָלקן האָט פאַרצויגן דעם טוריסט׳ס פּנים און געוועקט פחד ביי די אַרומיקע. ס׳גאַנצע הייפל האָט זיך מיטאַמאָל דערשפּירט נישט זיכער צווישן די בערג, אין אַזאַ חשכות. דער שומר האָט האַסטיק אַ

דריי געטאָן ס׳הענטל פון שיין־וואַרפער, רעכטס איבער די בערג־רוקנס, ווי ער וואָלט וועלן דורכשטעכן די נאַקעטע קאַרקן, דורכבויערן דורך זיי אַ טונעל. דאָס ליכט האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון די צעקרישלטע פעלזן, ס׳האָט זיך געקרייצט אין די אָפּגרונטן, אין די תהומען און געבליבן איבער אַ תוהו ובוהו.

אַליין האָט דער אַלטער זיך אַראָפּגעלאָזט פונעם טורעם. ער האָט נישט געוואָרט, ביז דער שיין־וואַרפער וועט זיך פאַרלעשן און די טוריסטן וועלן אים באַשיטן מיט פראַגן, ווי לעבט ער אין דער קאַמונע? ווי לאַנג איז ער אַלמן? צי היט ער זיך אויס פון סקלעראָז?

הלל האָט קיין חשק נישט געהאַט צו זיין קיין צייג־זאַך פאַר די געסט, נישט שטיין פאַר אַ פאַרהער.

דריי מאָל אַ טאָג דיזעלבע וכוחים ביים עסן. ס׳יונגוואַרג בויט אויס וועלטן און מאַכט זיי חרוב. דער מאקוש, דער האַמער צעקרישלט טויזנט־יאָריקע פעלזן. באַרג־ערד, שטייניקע טאָלן ווערן באַשאָטן מיט אויסגעפּלאַסטערטע וועגן און ישובים. און ווען נישט אַלץ ווערט אויפגעקנוילט און אויפגעקניפּט — אָבער אַ גאַנצער דור שפּאַרט אַרויס פון אַ קלעם און פראַלט אַריין אין אַ נייער וועלט. און ביי הללן האָט די הוילקייט זיך נישט פאַרשאָטן, נישט פאַרדעקט. ס׳איז אַלץ געבליבן דער תוהו ובוהו.

ר׳ הלל האָט געצויגן צו זיין שטיבל. ער האָט געטראָגן אין זיך די קילקייט פון דער טבת־נאַכט.

פונ׳ם ווייס־געקאַלכטן שייער האָט אַרויסגעפלעמלט אַ שוואַכע לאַמטערנע־שיין. אַ שומר האָט פאַרריגלט דאָס הילצערנע טויער. צום שטאַל איז צוגעפּאַרן אַ וואָגן, געשפּאַנט אין אַ פרדה. דער אַנטרייבער האָט אַרויפגעלאָדנט ליידיקע מילך־קאַנען. הלל האָט אים אויסגעמיטן. ער האָט אויפגעשטעלט דעם קאָלנער פונעם באַלאַט און איילנדיק געכאַפּט אַ בליק הנטער זיך. דער שיין־וואַרפער האָט גע־בליצט איבער בערג און טאָלן, האָט געקרייצט קנוילן ליכט, אָפּדעקנדיק דאָ אַ צעשאָטן דאָרף, דאָרט אַ נישט־באַטרעטענע וויסטעניש.

הלל איז געגאַנגען מיטן בערגל.

וואָס העכער ער האָט זיך געהויבן, אַלץ טיפער האָט זיך אַראָפּ-געלאָזט דער אָפּגערונט — אַן אַוועקגייענדיקער דור. און פּונקט, ווי מען קען נישט פאַרוואַרפן אַ בריק איבערן תהום, אַזוי קען ער, הלל, איצט נישט פאַרלייגן אַ בריק צווישן זיין וועלט, וואָס ליגט הינטער אים אַ חרובע און דער נייער וועלט, וואָס פאַרשטעלט אים, וואָס וואַקסט אים אַריבער אַ געשטייגיקטע און געפּעלזיקטע.

פאַר׳ן בית-דין

צוואַנציג שמאַלע טרעפּ האָבן געפירט אַרויף, צום הילצערנעם הייזל, וווּ ס׳האָט געוואוינט אין דחקות דער מאַראָקאַנער חכם ר׳ עמנואל ביי, אַ רב, אַ דיין, אַ רודף־צדק.

אונטן, פאַר׳ן אַרויפגאַנג האָט זיך געשפּרייט אַ שוואַרצער סאַמעטענער טעפּיך, ווי אינדערמיט זענען געווען אויסגעהאַפטן מיט רויטע פעדים די צען געבאָטן. אויבן, אויף דער לעצטער טרעפּ, איז געשטאַנען אַ גרויסע צדקה־קערה פון ר׳ שמעון בר יוחאי און האַרט ביים פירהויז — צוויי טירן מיט מזוזות, אויסגעהאַמערט פון מעש און פון קופּער.

יוכבד, אַ צפת׳ער אַלמנה, אַ סאַרווערין אויף חתונות און ברית׳ן, האָט זיך געהויבן איבער די טרעפּ מיט אַ שוואַכקייט אין די פיס. דאָס איז זי געגאַנגען אָנקלאָגן דעם צפת׳ער טעפּיך־הענדלער סעיד פּאַרווילי, פאַרן מאַראָקאַנישן בית־דין. יוכבד איז געקומען אויס־געשטראָצלט אין איר גאַנצער צירונג. דאָס גרינע שפּיצן־טיכל וואָס האָט פאַרדעקט די קנויזלן האָר, איז געפאַלן אין אַ דריי־עק איבערן שטערן. דאָס שוואַרצע קלייד, גענייט אין פאַלדן און אין גלאָקן, ווי אַ רבנישע מאַנטילאָ, איז געווען פאַרהעקלט ביזן האַלז־קנאָפּ. אויף איין האַנט האָט זי געטראָגן אַן אָרעם־באַנד, אויף דער צווייטער — אַ קנויל מיט רינגען און איבערן מויל — אַ שווערער אָטעם פון הויבן זיך אויף צוויי שטאָק טרעפּ.

איידער יוכבד האָט אַ קוש געטון אַ מזוזה, האָט איינע פון די טירן זיך געעפנט און ס׳איז אַרויסגעקומען דער שמש אין אַ לאַנגען אויסגעריבענעם כאַלאַט. אַרום דעם ווייבערישן פּנים — אַ האַלז־באָרד. דורך דער ווייסער דורכזיכטיגער יאַרמעלקע האָט זיך אַרויס־

געזען דער שפּיץ קאָפּ, אויסגעגאָלט, גלאַנציג, ווי דער דנאָ פון אַן אויסגעשייערטן קעסל.

דעם חכם׳ס שמש ברכיהו, וואָס איז גרייט געווען צו טרייבן פון אַלע טרעפּ די שטאָטישע שנאָרערס און די בכבודי׳קע נדבה־קלייבערס, האָט אויפגענומען די סאַרווערין מיט א ווייך שמייכעלע:

— פאַר אַלמנות האָט ר׳ עמנואל ביי שטענדיק אַן אָפענע טיר, און אָפען אויער. ס׳טאָר זיך נישט געפונען קיין עושק אַלמנות צווישן די בני עמנו. און דו קומסט שוין ס׳צווייטע מאָל אָנקלאָגן דעם טעפּיך־הענדלער, וואָס לייקענט, אַז ער האָט פאַרבאהאלטן דיין געלט־פּקדון... אויב דו ביזט גערעכט, וועט אים דער חכם רודפ׳ן, ער וועט אים ארויסטרייבן פון צפת... אויף ווען ווילסטו באַשטעלן דעם בית־דין?

— אויף דריי טעג שפּעטער. אויפן מזל׳דיגן דינסטאָג. ס׳איז דעמאָלט דער יאָרצייט נאָך מיין גאָטזעליגען מאַן. אַן אָרעמע אַלמנה קען נישט געפינען קיין באַשיצער צווישן לעבעדיקע... און כ׳וויל, אַז זיין פרומע נשמה זאָל זיין אַ צד און אַ הילף אין מיינע טענות.

דער שמש האָט ארויפגערוקט די שפּיציקע יאַרמעלקע איבערן שטערן און געשאָקלט מיטן קאָפּ אין דער ברייט:

— ס׳קען נישט זיין! ס׳קען נישט זיין! דינסטאָג פאַלט אויס די ערשטע סדר־נאַכט. און אַלע זיצן אין די הייזער און וואַרטן, אליהו הנביא זאָל אריינקומען... קיין שטרייט, קיין געפעכט אין דער הייליגער נאַכט... אָבער וואָס שטייסטו אויף יענער זייט שוועל, יוכבד?

מיט שווערע, אָנגעלאָדענע טריט, האָט יוכבד אריבערגעשפּרייזט די שוועל.

דאָס שטיבל איז געווען גרויס ווי אַ קאַמער. מיט אַן אויסגעקרימטע סטעליע, פאַרשפּיצט אין אַ טורעם, ווי דער דאַך פון אַ טויבן־שלאַק.

דער חכם אליין, טונקל ווי אַ מאַראָקאַנער מדבר־רייטער, אין זיין ברייטער רבנישער גלימאָ 1), אויפן קאָפּ — אַ געלען טורבאַן און

---

1) גלימאָ — מאַנטל.

איבער בײדע אויערן שווערע, געוויקלטע פאות ביז צו די אַקסלען, איז געשטאַנען איבער אַ שטענדער. ער האָט געהאַלטן אַ גענזענע פעדער אין דער רעכטער האַנט, אַ שמאָל בײגעלע פּאַפּיר אין דער לינקער און אַ פאַרטראַכטער גערעדט שטיל, ווי ער וואָלט געפירט מיט זיך אַליין אַ חשבון:

— אַ מטבע פאַר דעם כולל, אַ מטבע פאַר דער צדקה־קערה, אַ מטבע פאַר דער צפת'ער תלמוד־תורה און דער בית־דין וועט צונויפגערופן ווערן — און ער האָט זיך אויסגעדרייט צו דער אַריינגע־קומענער — יוכבד מויאל, דו ביזט דער ערשטער צד. אין וואָס קלאָגסט דו אָן דעם צווייטן צד, סעיד פאַרווילין, אין גנבה?

— הײליגער חכם, רוף עס, ווי דו ווילסט. גנבה צי באַטרוג. כ'בין אַ וויסטע אַלמנה, אַ פאַרוועריך. שוין דרייסיג יאָר, ווי כ'באַדין צפת'ער שמחות, חתונות און ברית'ן, נישט בלויז ביי אונזערע מאַראָקאַנער ברידער, נאָר אויך ביי די ספרדים וואָס קומען פון שפּאַניע און פון טערקיי... מען קען מיך אין צפת, די ירא־שמים'ניקעס קענען מיך. זעסט די קאַרבן אויף מיין פּנים? הײליגער חכם! דאָס האָב איך קיינמאָל נישט געלייגט געגנוג שפּייז אויף מיין גומען. כ'האָב געקאַרגט פונ'ם ביסן און געשפּאָרט אַ מטבע צו אַ מטבע — טאָמער וועט איך שלאָף אויף דער עלטער — און כ'האָב עס געגעבן צו האַלטן פאַר אַ פּקדון דעם טעפּיך־הענדלער. ווער האָט אַלץ נישט גוט געזאָגט פאַר סעיד'ן? אַלע האָבן אים געקענט פאַר אַ נאמן. און איצט אַז כ'בין געקומען אָפּנעמען מיין שפּאָר־שיסעלע, לייקענט ער דעם פּקדון... הײליגער חכם! ליגן און באַטרוג קומט פון זיין מויל.

דער חכם ר' עמנואל ביי האָט אַרויסגעלייגט די גענזענע פעדער, דאָס בײגעלע פּאַפּיר און געפרעגט.

— און קבלות האָט ער דיר געגעבן ביים נעמען די מטבעות?

— ניין, הײליגער חכם! כ'קען נישט די חכמה פון שריפט און כ'האָב נישט פאַרלאַנגט פון אים קיין קבלות...

— און אַ שבועה האָט ער דיר געגעבן?

דין. וועסט אויך קומען, שוועסטער, וועסט זיין א באַגלויבטע זאָגערין!

ביי די ווערטער האָט זאהארא זיך אויפגעשטעלט אַן אָנגעצונדענע און א וואָרף געטון דאָס אָפּגעצופּטע עוף אויפן שטיין:

— איך זאָל אויך קומען? איך זאָל זיין א באַגלויבטע זאָגערין? ווי קען איך פאַר דיר גוט זאָגן, יוכבד, אז דו האָסט מיר קיינמאָל נישט דערציילט, אַז דו שפּאָרסט געלט ביי דעם טעפּיך־הענדלער. אָבער כ'האָב געוווּסט. הינטן־ארום האָב איך עס געוווּסט... גוטע שכנים, מאָגראַביער, האָבן מיר דערציילט פון דיין שפּאָר־קניפּל. ביזט דאָך מיין אייגן בלוט און פלייש. נישט בחינם איז דיין זעליגער מאַן אַראָפּגעגאַנגען יונג אין קבר... האָסט פאַר אים אויך געלייקענט... כ'וועל נישט קומען יוכבד, כ'וועל נישט זיין פאַר דיר קיין זאָגערין.

— באַזינג מיך נישט זאהארא, באַקלאָג מיך נישט! דאָס וואָס עס קומט דיר ביי מיר, וועל איך דיר אָפּשיקן אויף א מויל־אייזל. קיין דרשה־געשאַנק בין איך דיר נישט שולדיק געבליבן און קיין גמילת־חסד האָסט דו מיר נישט אקעגן געטראָגן. קום נישט! קום נישט!

יוכבד האָט זיך געקליבן שוין ארויסגיין פון הויף, ווי פון גאַס איז איר אַקעגן געקומען אַן עלטערער פאַרשוין, אין אַן אבאַיע, צונויפ־געלאַטעט פון זעק — און די פיס באָרוועס. פון דער גאָמבע האָט אַראָפּגעשלאָמפּערט אַן אויסגעגעסענער שטרייף באָרד און די קליינע אויגן, רויטע, אָנגעצונדענע, ווי ער וואָלט געליטן אויף טראַכאָמע. דער פאַרשוין האָט צוגעלייגט א באַוואַקסענע האַנט, צוערשט צום שטערן, דערנאָך צום הארצן און זיך באַגריסט:

— אַן אורח האָב איך! א גאַסט האָב איך! ווי איילסט דו שוין ארויס, יוכבד?

— מען דאַרף מיך נישט דאָ! דיין ווייב דאַרף מיך נישט! — האָט יוכבד געעפנט דאָס אייזערנע טירל.

— זי דאַרף מיך אויך נישט! זי פאַרטראָגט נישט קיין אייגענע מענטשן — האָט דער פאַרשוין זיך באַקלאָגט — הינערישע העלזלעך דאַרף זי! גענזענע בייכער דאַרף זי! אפילו מיט מיר טוט זי זיך

שעמען... זי האָט אַן אײדעלע פּרנסה, אַ פּעדערן־פּליקערין, און איך, נסים, בעטל ביי די קברים...

ביידע האָבן זיך געלאָזט צו דער גאַס. זאהאַרא האָט זיך אַ ריס געטון און איז נאָכגעלאָפן איבער דער טרעפּ. דאָס פאַרפלאָמטע פּנים ביי איר האָט זיך געקילט און זי האָט גערעדט שטיל:

— טומל נישט, נסים! פאַרטרייב נישט מיין שוועסטער. און אַז איך האָב איר אויסגערעדט אַ חטא, איז דאָס איר געקומען. זי האָט די שטראָף־רייד פאַרדינט. מען דאַרף פאַר מיר גאַרנישט אויסבאַהאַלטן. זאהאַרא זעט אַלץ. און כ'וויל ביי קיינעם נישט קיין חלק.

אויף דער גאַס האָט נסים, דער מאַנסביל זיך געשטעלט צווישן ביידע ווייבער. זאַלבעררים האָבן זיי געשפּרייזט. נסים האָט אויסגעטון דעם טורבאַן, האָט אים גוט אויסגעשאָקלט, דערנאָך האָט ער געהויבן די שוואַרצע, באַרוועסע פיס און גערעדט:

— און זי פאַרגינט קיינעם נישט, מיין ווייב זאהאַרא! איידל־שטיינער און צירונג זוכט זי בלויז אַ גאַנץ לעבן. גיב איר אַ שנירל פּערל מיט אַ בייטש קרעלן, וועט זי פאַרגעסן דאָס אייגענע הויז־געזינד און צוריק אַנטלויפן נאָך מאַראָקאָ!

זאהאַרא האָט אַ צי געטון דעם מאַן פאַרן בויך־באַנד, ער זאָל פאַרקלאָפּן די ציין. און ווען אַלע דריי זענען צוגעקומען צו אַ בערגל, ווו ס'האָט זיך געקרייצט אַ שייד־וועג, האָט יוכבד זיך אָפּגעזעגנט און ווידעראַמאָל דערמאָנט איר שוועסטער:

— וועסטו קומען צום בית־דין!

— אין דעם חכם'ס הויז? — איז זאהאַראַס מויל פול געווען מיט שלום־רייד — ווען וועט ר' עמנואל ביי זיך זעצן צום טיש?

— דעם ערשטן טאָג חול־המועד, מיטן באַשעפערס ווילן, דעם ערשטען טאָג.

— מען וועט קומען, מען וועט קומען! — האָט נסים גערעדט פאַר זיך און פאַרן ווייב — איינצושטילן צדדים אין אונזערע גאַסן זענען מיר שטענדיק גרייט. מען וועט קומען!

* * *

איצט איז יוכבד געגאַנגען צו איר שוועסטער זאַהאַראַ זאַלאַכי, אָנצוזאָגן איר די בשורה, אַז סעיד וועט גערופן ווערן צום בית־דין. זאַהאַראַ האָט געוווינט אין דער הינטער־שטאָט. די פרייד, וואָס יוכבד האָט אַראָפּגעטראָגן פון די צוויי שטאָק טרעפּ, האָט איר איינגאַנצן צענומען. דער גאַנג איז געוואָרן לייכטער און די שוואַכע פיס האָבן נישט געשפּירט די משאַ פונ׳ם ווייבערישן באַלייבטן גוף.

דער פאַרנאַכט האָט זיך געשטעלט איבער צפת. פלאַמיגע זון־שטריימן האָבן געצונדן דעם הימל און א ווינט האָט געיאָגט פון די נאַקעטע בערג אַרום.

זי איז דורכגעגאַנגען אַ געמויערטן, אויסגעוועלבטן טויער און האָט זיך געלאָזט מיט אַן ענגן וועג, וואָס פירט צו דער אַלטשטאָט. פון ביידע זייטן וועג, האָבן זיך געצויגן נידריקע ליימיקע מויערן. דער וועג האָט זיך געקאַלערט אַראָפּ, אַראָפּ, צווישן פלאַטשיקע הייזלעך און אָפּגעשונדענע פּאַרקאַנס, וואָס אַמאָל טיפער, ווי אין א שאול־תחתיה. און צפת, וואָס איז באַרגיק, וואָס ליגט צעוואָרפן איבער בערג־שפּיצן, האָט איצט אויסגעקוקט, ווי זי וואָלט זיך אַראָפּגעשאָטן אין א טאָל.

וואָס נענטער יוכבד איז צוגעקומען צום הייזל, וווּ איר שוועסטער זאַהאַראַ האָט געוווינט, אַלץ מער האָט די פרייד פון איר זיך אָפּגעטון און קאַרבן מיט זאָרג האָבן זיך געלייגט איבערן פּנים. זי האָט נישט געוואָלט אַריינקומען אין דער אָרעמער שטוב, אַן אויסגעצירטע. דאָס גאַנצע הויז־געזינדל וועט אויפשפּרינגען: „מיר זענען מחותנים — אָבער אַן מזומנים”. און אין גאַנג האָט די אויסגערעכנטע סאַרווערין גענומען אויסטון צוערשט דעם אָרעם־באַנד פון דער רעכטער האַנט, דערנאָך דעם קנויל מיט רינגען פון דער לינקער־האַנט. דאָס צירונג האָט זי פאַרשטעקט אין א פּאַלד־טאַש פון ברייטן גלאָקן־קלייד. דאָס האָט זי געטון, אום אָפּצויאָגן פון זיך א בייז אויג. דער מענטש בויגט זיך פאַר איידלשטיינער, וואָס פינקלען. דעם חכם גייט מען אַנטקעגן מיט תכשיטים און דעם געמיינעם מאַן — מיט אַן אויסגעקנייפּט לייב.

און איר שוועסטערס שטוב איז פול מיט געמיינע לייט. זי אַליין,

זאהארא פליקט פעדערן אין שלאַכט־הויז. איר מאַן בעטלט ביי די הייליגע קברים. און פרומקייט און גאָטפאַרכטיגקייט טראָגט זיך נישט צווישן די ווענט פון זייערע חדרים.

זי איז פאַרבייגעגאַנגען א הויכע וואַנט, באַוואַקסן מיט מאָך און גראָז און אריינגעטאָפּטשעט אין א מאַרק צווישן קופּעס הייזער. עטליכע שטיינערנע טרעפּ האָבן אַראָפּגעפירט אין א נידעריגן הויף, ווי אין א קעלער. דאָס טירל מיטן אייזערנעם הענטל פון הויז איז געשטאַנען האַלב אָפן.

יוכבד האָט זיך אַראָפּגעלאָזט מיט די טרעפּ.

א זקנה מיט א קאָפּ גרויע צעפּלעך איז געזעסן אויף א שטיין און געהאַלטן צווישן די קניען אַן אָפּגעצופּט עוף. זי האָט אויפגעהויבן א פּאָר שטייפע ברעמען.

— קומסט פון א ברית־מילה, יוכבד?

— וואָס רעדסט דו זאהארא? האָסט פאַרגעסן די ישראלישע דינים? — איז יוכבד ריידענדיג אַראָפּ פון דער לעצטער טרעפּ — ווייסט דו דען נישט? אז אין די פאַרנאַכטן קענען זיין בלויז אירוסין 2) און חתונות אָבער נישט קיין ברית־מילה? דאָס באַשניידן א זכר איז תמיד אין דער פרימאָרגן־שעה.

זאהארא האָט אָפּגעמאָסטן איר שוועסטער פון קאָפּ ביז פיס.

— קוקסט נישט אויס אין די קליידער צו קומען פון א חתונה־אָרט. ווו זענען די גאָלדענע קלימפּערלעך און רינגען? ווו זענען די געצוקערטע פייגן און טייטלען?

— פרעגסט ביי מיר אויף גאָלדענע קלימפּערלעך און רינגען? ווייסט דאָך, שוועסטער, אז כ'האָב א גאַנץ לעבן נישט פאַרגינען זיך איינצוקויפן קיין צירונג. כ'האָב געשפּאָרט פונ'ם גומען און געטראָגן יעדע צוגעציילטע פּרוטה צו סעיד פאַרוויליי. איצט לייקענט ער אַלץ... ער האָט גאָרנישט געזען, נישט קיין קעמלען, נישט קיין מדבר... כ'קום טאַקע איצט פון דעם הייליגען חכם. ער וועט סעידן רופן צום בית־

2) תנאים.

— ניין, הייליגער חכם! א בושה וואָלט צוגעדעקט מיין פּנים, צו פאַדערן א שבועה פון אזא נאמן.

— און עדות האָבן צוגעקוקט, ווען דו האָסט צו אים געטראָגן די מטבעות?

— כ׳בין נישט דרייסט געווען צו פירן אהין עדות, הייליגער חכם! נאָר אויב שטומע ווענט קענען זיין עדות, האָבן זיי געהערט דעם קלימפּער פון די מטבעות, וואָס זענען געפאַלן אין דעם שפּאָר־שיסעלע...

ר׳ עמנואל ביי האָט געשווינגן. ער האָט געעפנט א זייטיג טירל פון׳ם שטיבל און איז דאָרט פארשוונדן. באַלד איז ער צוריק אריינגעקומען מיט א בלעכענעם טעלער אין איין האנט און מיט א צדקה־ביקס אין דער צווייטער האנט. דאָס האָט ער אונטערגעטראָגן דער סאַרווערין. יוכבד האָט געקרעכצט. זי האָט געעפנט א פארבאהאַלטענע טאַש אין א לויזן פאַלד פון איר ברייט קלייד, ווי א געהיימע טיר און ארויסגעשלעפּט א פּאָר זילבערנע קלימפּערס. איין מטבע האָט זי אריינגעוואָרפן אין דער צדקה־ביקס, א צווייטע אין דעם בלעכענעם טעלער. די דריטע האָט זי געשטופּט אין דעם חכם׳ס נדבה בייטל, וואָס איז געווען צוגעבונדן צום בויך־באַנד.

דער שמש, וועמען יוכבד האָט ביז איצט נישט געזען אינ׳ם ענגען שטיבל, האָט מיטאַמאָל זיך ארויסגעהויבן פון א ווינקל. ער איז נישט איינגעשטאַנען. ער האָט זיך גענומען דרייען ארום דער אַלמנה, ווי ער וואָלט געהאַט ווערים אין געזעס. די סאַרווערין האָט ווידעראַמאָל א קרעכץ געטון און ארויסגענומען א פערטע מטבע און דערלאַנגט דעם שמש.

אַן אונטערטעניקער האָט דער שמש איינגעצויגן דעם קאָפּ. די האַלז־באָרד איז פארשוונדען הינטער דעם כאַלאַט־קאַלנער. און א ווייך, ווייבעריש פּנים האָט תמעוואַטע געלאַכט. ער האָט באַלד זיך געווענדעט צום חכם:

— ווען וועט מען צונויפברענגען דעם בית־דין, ר׳ עמנואל ביי?

דער מאַראָקאַנער חכם האָט זיך געשטעלט פאַר דער אַלמנה און מיט א האָריגע האנט זיך געשטורכעט אין האַרצן אריין.

— מיט'ן ווילן פון הימל, מיט'ן גוטן ווילן, וועט דער בית־דין זיך זעצן דעם ערשטן טאָג חול־המועד. איך דאַרף אויסהערן ביידע צדדים און כ'וועל זוכן צדק... א דיין און א באַשיצער פון אַלע מאַגראַביער — דאַרף דער חכם זיין! ביי מיר וועט א מאַן, אפילו א שפּאַניאָלער קיין עושק אַלמנות נישט זיין. כ'וועל אים מחרים זיין, כ'וועל אים אָפּשטעלן דעם האנדל. ער וועט מיר אָפּגעבן חשבון פאַר יעדער קופּערנער פּרוטה...

די רייד זענען געווען ווי באַלזאַם פאַר דער סאַרוועריין. די שוואַכקייט פון די פיס איז איר אוועק. ס'האָט געלוינט צו הויבן זיך אויף צוויי שטאָק טרעפּ, צו הערן אַזוינע גערעכטע רייד. מיט בטחון אינם אייגענעם האַרצן, האָט זי זיך געגרייט אַרויסצוגיין. ביי דער טיר האָט זי א הויב געטון צוויי פינגער פון דער רעכטער האַנט צו דער מזוזה, דערנאָך האָט זי לייכט אונטערגעהויבן דאָס פאַלדן־קלייד און אין א פּאָזע, ווי זי וואָלט זיך געקליבן אַריבערצוגיין א וואַסער־גרוב, האָט זי גענומען אַרויסשפּרייזן. באַלד האָט זי געמאַכט א שריט צוריק און נאָכאַמאָל דערמאָנט דעם שמש.

— ברכיהו, פאַרגעס נישט אַז מען האָט מיר, אַן אַלמנה, אַן עולה געטון!

כ'פאַרגעס נישט. חול המועד, מיטן הימלס ווילן, וועל איך אהין טראָגן דעם בית־דין־צעטל צום טעפּיך־הענדלער.

— כ'וועל דיך באַלוינען, שמש. כ'האָב אָנגענומען א נייע סאַר־ווערשאַפט.

— קיין באַלוינונג! קיין אונטערקויף! — האָט דער שמש שטרענג א זאָג געטון — כ'וועל סיי ווי שטעלען די צדדים. כ'וועל ברענגען גוט־זאָגערס, כ'וועל רופן א נאמן. זיי וועלען טענה'ען פאַר דיר...

— גאָט דער אַלמעכטיגער זאָל מיך באַשירעמען! — האָט יוכבד א זאָג געטון און אַרויסגעשפּרייזט.

— דער צדק וועט זיין אויף דיין זייט, ווייב! — האָט דער שמש פאַרמאַכט הינטער איר די טיר.

* * *

דעם ערשטן טאָג חול־המועד, גלייך אין פרימאָרגן, האָט יוכבד זיך געלאָזט גיין צום באַזאַר פון די טעפּיך־הענדלער. זי איז געגאַנגען דורך א שמאָלען וועג, וואָס קלעטערט איבער צפת צווישן אָפּגעשונדענע דעכער און קאָלטונעוואַטע בערג. יוכבד האָט זיך געאיילט צו באַגעגענען דעם שמש, וואָס דאַרף אָפּטראָגן דעם בית־דין־צעטל צו סעיד פאַרוויילי.

זי האָט זיך אריינגעדרייט אין אַן אויסגעוועלבטן טויער און איז פאַרבייגעגאַנגען די אַלטע צפת'ער „מצודה" — א זכר פון א פעסטונג.

מאַכיקע בערגלעך האָבן געפירט ארויף צו א חורבה. די חורבה, ווי אַן איינגעפאַלענער טעמפּל, איז געווען אונטערגעשפּאַרט פון דריי איינגעבראָכענע זיילן. הינטער די זיילן — רעשטלעך ווענט. פון די אָפענע לעכער האָבן ארויסגעקוקט שפּיציגע, אָפּגעקרישלטע שטיינער, ווי ארויסגעזעצטע ציין. ארום איז געווען שטיל. בלויז איינזאַמע וואָרענעס האָבן געקראַקעט צווישן צווייגן־געפלעכטן. און די „מצודה", א פאַרלאָזענע, האָט געדראָט מיט איינגעדרימלטער גבורה.

יוכבד האָט זיך געלאָזט באַרג־אַראָפּ.

דאָס געסל, אויסגעלייגט מיט טרעפּ וואָס האָט געפירט צו אַלט־צפת, איז געווען אַזוי שמאָל, ווי דער אַראָפּגאַנג אין א קעלער. די טרעפּ פון שטיין, די נידריגע מויערן פון שטיין און דער ווינט, וואָס האָט געבלאָזן פון די נאַקעטע בערג, האָט זיך געשטעלט אין דער נידער צווישן די צונויפגעקייטלטע ווענט. דער גאַנג ביי יוכבדן איז אויך געווען לייכטער, גיכער. ווייל איידער זי האָט באַוויזן רעכט א הויב צו טון א פוס, האָט זי שוין זיך אָנגעשטויסן פאַר א בויד מיט טעפּיכער.

דער הענדלער, א צעבאַקענער אַראַבער, אָנגעטון אין א געלער אַבאַיע, פול מיט ריסן און לעכער — האָט א שטויס געטון זיין בויד, וואָס איז געגאַנגען אויף רעדלעך. די בויד איז פאַרפאָרן אַן א זייט און פאַר יוכבדן האָט זיך געעפנט א טונקעלע גאַס. פון ביידע זייטן גאַס האָבן זיך געצויגן, ווי הייל־עפענונגען, אויסגעוועלבטע קלייטן. אין פראָנט פון די קלייטן, אויף די ביישטידלעך, אויף די קאַרניזן פון

די דעכלעך זענען געווען צעהאַנגען קאַפּ־טיכער, אַקסל־פּאַטשיילעס, טורבאַנען, פעסקעס און אַבאַיעס פון אַלערליי קאָלירן.

צווישן די הילצערנע בוידן האָבן זיך געדרייט טעפּיך־הענדלער. אַראַבער און ספרדים, אַזוי באַלאָדנט מיט סחורות, אַז מען האָט קוים די קעפּ אַרויסגעזען. זייערע אַקסלען און אָרעמס האָבן אויסגעזען ווי ווענט, באַהאָנגענע מיט טעפּיכער און סוטאַנעס. זיי האָבן פוילע געעשפּרייזט, לענג אויס די בוידן און מיט גאָרגלדיגע קולות געלאָזט וויסן וועגן די מציאות.

אין געדרענג, צווישן די שפּרייזענדיגע הענדלער, האָט יוכבד געזוכט סעיד פּאַרווילי'ן. דאָס וואָס זי האָט אינ'ם טעפּיך־באַזאַר נישט באַגעגנט דעם שמש, האָט איר נישט אָפּגעהאַלטן צו בלאָנדזשען אין דעם געפּילדער. זי האָט שטאַרק געוואָלט אָנכאַפּן סעיד'ן, אַריינ־קוקען דעם שונא אין פּנים אַריין, אים אָנזאָגן אַז ס'וואַרט אויף אים אַ בית־דין־צעטל, אַז ס'איז נאָך דאָ אַ דין און אַ דיין ביי ישראל. זי האָט נישט געוווסט, ווו אים צו זוכן, און איצט האָט זי שוין אָנגעהויבן צו גלויבן, אַז אַזאַ פּוחז קען מען טרעפן אין אַן אַראַבישער קלייט, זיצן און ציען אַ נאַרגילע, אָדער אין אַ טרונק־שטוב איבער אַ טיש מיט וועריפל... און אַז ער וועט זיך אָפּזאָגן צו קומען? — איז ביי יוכבד'ן דורכגעלאָפן אַ חשד — אַז ער, סעיד, אַ שפּאַניאָלער, וועט זיך נישט לאָזן משפּטען פון אַ מאַראָקאַנער חכם? ער וועט זיך אויסבאַהאַלטן פון דעם בית־דין?

פון צווישן די טומלענדיגע הענדלער האָט זיך אַרויסגערוקט אַ אָנגעקרעפּטער מאַן מיט אַ פּאָר גאָבעלינען אויפ'ן רעכטן אַקסל. ער האָט זיך אָנגעשטויסן אָן יוכבד'ן. פון צעטראָגנקייט האָט ער אַ הויב געטון דעם קאָפּ מיט די ברוינע בייטשן באָרד. ער האָט ברייט אויפ־געריסן די אויגן אויף איר, ווי אויף אַ נישט־גוטען און זיך גערוקט אויף צוריק. יוכבד האָט זיך אַ פּאַטש געטון אין די הענט אַריין:

— דערקענסט מיך, סעיד?

— יוכבד די סאַרווערין? כ'דערקען דיך. כ'דערקען שטענדיג מענטשן, וואָס טראָגן אַ ברכה אויף די ליפּן — האָט סעיד געזוכט אַן

אויסוועג — אָבער, אז דו ווילסט זיך שעלטן מיט מיר, וויים איך נישט ווער דו ביזט.

— נאָר שעלטן וויל איך? כ׳וועל דיך שלעפּן צו אונזער חכם ר׳ עמנואל ביי. וועסט שטיין פאַר א בית־דין!

— מיך וועסט דו שטעלן פאַר א בית־דין? מיך? — האָט סעיד אָנגעשטעלט א פּנים, ווי א צדיק תמים.

— יאָ. האָסט מיך בארויבט!

— און אז כ׳וועל נישט גיין?

— וועסט נישט גיין? — איז יוכבד שרייענדיג גרייט געווען אויסצורייסן זיינע בייטשן באָרד — דער שמש וועט דיך שלעפּן. רבנים וועלען דיך אויפרופן. כ׳בין א בארויבטע אלמנה!

סעיד האָט אריבערגעוואָרפן די פּאָר גאָבעלינעס פון רעכטן אַקסל אויפן לינקן, פון כעס זיך פאַרשטאָפּט די אויערן, נישט צו הערן די געשרייען און דאָס יראַ־שמים־פּנים, וואָס איז צוריק מיט א רגע געווען ווייך, צוגעלאָזן, איז איצט געוואָרן שטרענג און פרעמד.

— איך דערקען דיך נישט!

יוכבד האָט געזען ווי ער ציט אָפּ. אויס מורא, זי זאָל אים נישט פאַרלירן פון אויג, האָט זי זיך גענומען פּלאָנטערן דורך די אָנגעשטאָפּטע בוידן און וועגעלעך. סעיד איז פאַרשוווינדן צווישן א מענגע קאָפּ־טיכער און רויטע פעסקעס. און אז יוכבד האָט זיך געקליבן אויפצו־הויבן א געשריי ווי נאָך א גנב, איז איר אַקעגן געקומען דער שמש ברכיהו. דער שמש האָט פון חידוש אויסגעוויקלט א פאה און אריינ־געשטאָכן אין יוכבדן דאָס רעכטע אויג, ווי א שפּיז.

— דו פאַרלויפסט מיר דעם וועג, יוכבד, וואָס טוסטו אין דעם מארק פון די ישמעאלים?

— כ׳יאָג זיך נאָך סעיד׳ן — האָט יוכבד ריידענדיג דערשפּירט ווי דאָס איינענע האַרץ פּלאַטערט.

— און איך האָב געטראַכט אז דו גייסט איינהאַנדלען א טעפּיך, א געשאַנק פאַר מיר — האָט ברכיהו געשמייכלט.

— איך האָב סעיד'ן געפּאַקט! — איז יוכבד נישט געווען גרייט אויסצוהערן דעם שמש'ס וויצלען זיך.

— און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט?

— כ'האָב אים אריינגעשריגן.

— און ער האָט דיך אויסגעהערט?

— ער האָט געזאָגט, ער דערקענט מיך נישט.

— דערפאַר וועט ער דעם כתב יאָ דערקענען! — האָט דער שמש ארויסגענומען פונ'ם בויך־באַנד א צעוויקלטע מגילה, באַדעקט מיט א געצירקלטן כתב — ער וועט עס דערקענען. ס'איז געשריבן מיט א גענזענער פעדער און ס'איז גע'חתמעט נישט מיט קיין געלייטמטער האַנט.

יוכבד האָט געפּלאָמט און אָנגעכאַפּט ברכיהו'ן פאַר א פּאָלע:

— דאָס איז דער כתב? דאָס איז דער בית־דין־צעטל? קום, וועסט אים נאָכיאָגן.

— קיין פאַרדעכטיגען יאָגט מען נישט נאָך, יוכבד, נאָר מען גייט אויף זיינע שפּורן. און דאָס לאָז איבער פאַר מיר. דערלאַנגען א בית־דין־צעטל — געהער נישט צו קיין ווייבער. דערויף בין איך שמש ביים חכם עמנואל ביי.

— פאַרהאַלט מיך נישט, ברכיהו. כ'וויל דיר גיכער ווייזן דעם באַטריגער!

דער שמש האָט צו איר זיך צוגעבויגן.

— זאָגסטו, ער שטעקט צווישן די בוידן?

— אהינצו האָט ער געאיילט.

— און איך וועל אים גאָר זוכן אין א טרונק־שטוב.

— האַלסט אים פאַר א זויפער?

א געבויגענער אַראָבער מיט אַן אָנגעפּולטן לאָגל איבער די פּלייצעס האָט זיך פאַרבייגערוקט.

ברכיהו האָט א שטויס געטון יוכבד'ן און אָנגעוויזן מיט א פינגער אויפן לאָגל־טרעגער:

— זעסט ווי דער לאַגל איז אָנגעפילט מיט וואַסער? אַזוי איז סעיד'ס בויך פול מיט ווײַן.

— כ'זע, דו קענסט אים גוט, דעם שפּאַניאָלער! — האָט יוכבד געזאָגט.

— כ'קען אַלע עזות־פּנימער פון צפת. און נישט בלויז די געמיינע לײַט קען איך. כ'ווייס אויך פון די מיוחסדיגע יהודים, די „פּרענקן". כ'קען די פּקדון־נעמערס און צינזן־קלייבערס. כ'קען די שינדערס און די אָפּגעשונדענע...

זיי האָבן זיך געלאָזט איבערן באַזאַר. דער דורכגאַנג צווישןביידע זײַטן באַזאַר אויבן איז געווען צוגעדעקט מיט אַ דאַך און פֿינסטער געמאַכט דעם וועג. אַלערליי געוואַנטן — טוך־שטיקער, פֿאַרביקע לייוונט־העפּטערייען, האָבן געפלאַטערט איבער די שוועלן. דער באַזאַר געדרייט און געוויקלט — האָט זיך געצויגן לאַנג און טונקל, ווי אַ טונעל.

פֿאַר אַן אָפֿענער טרונק־שטוב, וווּ אין דער טיר איז געווען אַרויס־געשטופּט אַן אומגעלייגט ווײַן־פֿאַס מיט אַ מעשענעם קראַן, האָט ברכיהו אָפּגעשטעלט זײַנע פֿיס. אַ רגע האָט ער אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך געישוב'ט: יאָ אַריינקריכען אין דעם טומאה־הויז? נישט אַריינקריכען? דערנאָך האָט ער אַריינגעשפּרייזט. יוכבד איז אים נאָכגעגאַנגען.

אויף נידריגע בענקלעך זענען געווען אויסגעזעצט ספרדישע יידן פֿון אַלערליי ווײַטע לענדער. זייערע ברייטע גופים געהילט אין אַבאַיעס, אין כאַלאַטן, און אויף די קעפּ טורבאַנען, פֿעסקעס און שקאַרמעצן. פֿאַר טייל בענקלעך זענען געווען צעשטעלט נאַרגילעס. טייל האָבן נעבריט די ליפּן מיט טעפּלעך טערקישע קאַווע. אַנדערע האָבן געזופּט פֿון ברייטע כוסות ווײַן. די ווערפֿל־שפּילער, וואָס זענען געזעסן אין די ווינקלען, האָבן געפֿילדערט און געראַוויכערט און די געדיכטע קנוילן האָבן פֿאַרוואָלקנט די נידריגע סטעליע.

דער באַלעבאָס פֿון דער טרונק־שטוב האָט אַרויסגעלייגט פֿון האַנט דעם שיטערן קאַנטשיק, וואָס ער האָט געהאַלטן אָפּצוטרײַבן

די פליגן. ער איז אפער פון הינטערן באַנק און אריינוואַשענדיג די נאַסע הענט אינ׳ם בריטן בויך־באַנד, האָט ער זיך דערפרייט אויף א קול מיטן שמש.

— ווּעמען זע איך ביי מיר? טאַקע ברכיהו׳ן אליין? מסתמא זוכסטו דאָ א זויפער, א מאַגראַביער, וואָס טיילט מטבעות דעם שענקער און קלעפּ — דעם ווייב... און די אָ — האָט ער אָנגעוויזן אויף יוכבדן — אודאי דעם זויפערס ווייב?

— ווען דו טרעפסט אזוי אָנצופילן א וויין־כוס, ווי דו האָסט איצט־געטראָפן, וואָלסטו דאָס טרונק־הויז שוין לאַנג פארמאַכט און דיינע פאַלשע ציין געלייגט אויפן אפיקומן.

— טאָ וועמען זוכסטו?

— כ׳זוך א טעפּיך־הענדלער.

— פון די בני־עמנו?

— וואָס דען? פון די בני־ישמעאל?

— כ׳וועל שווערן, אַז דו מיינסט סעיד פּאַרווילי?

— יאָ.

— קיין אורח, קיין בענקל־זיצער איז ער ביי מיר קיינמאָל נישט, אָבער א קונה, א פּדיון־געבער, דאָס איז ער דוקא יאָ! און מיט א מזומנע מטבע אויך! אָט האָט ער מיט א חודש פריער צוגענומען א דריי טוץ קרוגן מיט וויין און צען קוואָרט ביר.

— אויף א שמחה?

— וואָס דען, אויף א לויה?

— סעיד איז אַן אַלמן. ער לעבט אָן קינד, אָן רינד, טאָ ווער קען ביי אים פאַרזוכען פון וויין־געטראַנקען?

דער שענקער האָט זיך צוגעבויגן צו ברכיהון, אים איינצורוימען א סוד:

— דאָס האָט ער חתונה געמאַכט זיינע א שוועסטערן טאָכטער, א יתומה, א בעלת־מום. די שמחה איז געווען מיט טאַצן און מיט פּויקן. דער חתן, א קאָרדאָוועער שערער האָט גענומען זיין באַשערטע מיט פארמאַכטע אויגן און מיט אָפענע ציין... און די שפּאַניאָלער שמועסן,

אַז ער האָט דעם חתן אוועקגעגעבן אויך א נדוניאָ, א קניפּל מיט מזומנים...

ברכיהו האָט זיך א קלאַפּ געטון מיט א פינגער איבער די ליפּן, ווי עפּעס, וואָס מען דערכאַפּט נישט מיט די אויערן, נאָר מען דער־שמעקט מיט דער נאָז — וואָלט פאַר אים קלאָר געוואָרן. ער האָט פאַרפלאָכטן דריי פינגער ווי א פייג און זיי געשטופּט דעם שענקער אין פּנים אריין!

— ווייסט דו, צי ער זיצט איצט אין זיין מקום?

— דאָס קענסטו ביי מיר נישט דערגיין. אָבער דאָ זיצט א קלעזמער, א ווערפל־שפּילער, וווינט ער אין דער מערבים־שכונה. שמועס מיט אים!

ער האָט דעם שמש צוגעפירט אין דעם ווינקל, ווו אויף ראַגאָזשעס זענען געזעסן מיט פאַרלייגטע פיס הינטער זיך, ביינדלעך־וואַרפערס און ווין־זויפערס. ער האָט הינטערוויילעכץ א שטוים געטון א ברייטן פּאַרשוין מיט א האַלב־אָפּגעדעקטן לייב. די פּלייצעס, דער קאַרק זענען ביים פּאַרשוין געווען פאַרגאָסן מיט פאַלדן פעטס. דער שענקער האָט גערעדט צום שמש.

— זעסט דעם קאַרק זיינעם? ווי דער האָרב פון א קעמל...

דער פּאַרשוין האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו זען, ווער עס שטייט איבער אים און ער האָט זיך צעבייזערט:

— ווילסט טרייבן ליצנות אויף א שפּאַנישן קלעזמער? טרייב! אָבער וויים, כ'בין נישט קיין פּוחז. און צו מיין סאַרק טוסט אויך גאָרנישט דערלייגן.

— דאָס רעדסטו זיך איין, דו שפּאַנישער אָקסן־טרייבער! — האָט דער שענקער ארויסגעלאָזט א בויך־געלעכטער — זינט איר ווערפל־שפּילער האָט זיך דאָ צעלייגט, שטעלט נישט אריין קיין פוס, קיין איין פורמאַן, קיין איין ערלעכער הענדלער. פון די אַשכנזים איז אָפּגעדעדט! און דערצו האָט מען פון אייך נישט קיין כזית פּרנסה. ווי זאָגט דער שפּרוך: „כ'בין אויף דער הייליגער שטאָט חס, וואָס אַזאַ ערב־רב שטייט איין אין צפת"...

דער פעטער פאַרשווין האָט אָפּגעמאָסטן דעם שענקער מיט אַזאַ שנאה, ווי מען מעסט אָפּ אַן איינגעשפּאַרטן קאַראַאימער. מיט די האַריגע הענט האָט ער זיך פאַרשטאָפּט ביידע אויערן.

— צעדול מיך נישט! כ׳וויל גאַרנישט הערן די ליצנות־רייד! נאָר אויב דו וועסט דאַרפן אַ פידל־געוויין אויף אַ חתונה, אַ פּויקן־קלאַפּעריי אויף אַ שמחה, לאָז מיר וויסן. כ׳בין דאָ, צדוק איז דאָ!

יוכבד האָט געמאַכט אַ טריט פאָרויס. זי האָט אָנגעקוקט דעם שמש מיט אַ צאַפּל אין די אויגן און געהאַט אַ חשד, אַז ער האָט אַזוי שטייענדיק, אַריינגעצויגן אַ כוס וויין... וואָס דען מאַכט ער זי צום נאַרן? וואָס רעדט ער פון וועג? זי האָט אים אַ שאָקל געטון:

— ברכיהו, מאַגראַביער שמש! האָסט פאַרגעסן נאָך וועמען דו ביזט געקומען?

—כ׳האָב נישט פאַרגעסן, יוכבד, דער קלעזמער זיצט אויך אין דער מערבים־שכונה. ער וויים, ווו ס׳שטעקט סעיד. ער וועט מיך פירן צו אים.

— כ׳וועל קיינעם נישט פירן! — האָט דער קלעזמער אויפ־שטייענדיק אָפּגעשטריטן — כ׳בין נישט קיין מלשין! כ׳בין אַ קלעזמער און אַז דו, אַ שמש, זוכסט סעיד פאַרווילי׳ן, מסתמא האָט ער צרות, האָט ער אַ שטרייט אָדער אַ בית־דין. ניין, נישט צדוק וועט דיך פירן. כ׳בין נישט קיין מוסר...

— ווילסט אויסבאַהאַלטן אַ באַטריגער? — איז יוכבד אים אַקעגן געשפּרונגען — ווילסט אויסבאַהאַלטן סעיד׳ן פון גערעכטיג־קייט?

צדוק האָט אָנגעוויזן מיט אַ פינגער אויף יוכבד׳ן.

— ווער איז דאָס ווייב?

— דערקענסט נישט יוכבד, די סאַרווערין? — האָט דער שמש געפרעגט — זי גייט זיך לאָדן מיט סעידן.. מען דאַרף איר העלפן אים אָפּזוכן.

— נישט מיין געביין! — האָט דער קלעזמער זיך אָפּגעטרייסלט. אויף שטום־לשון האָט ברכיהו אַ ווינק געטון צו יוכבד׳ן. זי

האָט באַשטעלט ביים שענקער א קוואָרט וויין. אַז דאָס קריגל איז שוין געשטאַנען אויפן טיש און דער קלעזמער האָט זיך געכאַפּט אָנצוגיסן דאָס ערשטע גלאָז, האָט דער שמש פאַרשטאָפּט מיט א פינגער דעם האַלז פונ'ם קריגל.

— פריער רייד! ווו געפינט מען דעם טעפּיך־הענדלער?

— אין דער מערבים־גאַס.

— אין וואָסערע מויער?

— ביי די בוימאייל־הענדלער.

— איצט מעגסטו טרינקען, דו לוט איינער!

בשעת יוכבד איז געשטאַנען און גענאַפּט אויפן קלעזמער, וואָס זויפט פאַר איר געלט, האָט ברכיהו מיט פלינקע שריט זיך געיאָגט צו דער גאַס. ביים ארויסגאַנג האָט ער איבערגעלאָזט א האַנט־פאָך פאַרן שענקער און א זידל־וואָרט פאַר די אורחים, די עובר־בטלניקעס.

ער איז כמעט אריבערגעשפּרונגען די שוועל.

איצט האָט ברכיהו זיך ארומגעקוקט, אַז ער האָט פאַרשפּילט צייט און פאַרלוירן דרך. ווען נישט די טרונק־שטוב, האָט ער שוין געקענט האָבן אָפּגעגעבן דעם בית־דין־צעטל, און מיט גדולה אויך! און דאָס וואָס יוכבד רעדט, אַז סעיד וועט וויכן פונ'ם בית־דין, ליגט זיך אויך נישט אויף דער פאה. דער שפּאַניאָלער טעפּיך־הענדלער וועט נישט מעיז־פּנים זיין. ער וועט אָננעמען דעם צעטל אפילו ווען ער אליין איז פון טאָלעדאָ. און דער בית־דין וואָס דאַרף פּוסק זיין, באַשטייט פון אַ מאַראָקאַנער חכם און דיין.

דער וועג צו דער מערבים־גאַס איז נישט געווען קיין מרחק. דאָס געסל האָט זיך געבערגלט. די אויפגעשפּאַלטענע ערד איז געווען שיטער ברוקירט מיט שטיינער, און צווישן די שטיינער האָבן ארויס־געשפּראָצט מאָך און בינטלעך גראָז.

אויסגעפּעטסטע סקאַלעס האָבן זיך געוואַלגערט פאַר די פיס. נאָך די סקאַלעס — א רינשטאָק, פאַרגאָסן מיט עיפּוש. ברכיהו האָט דערקענט נאָך די פלעקן אויף די שטיינער, דאָס ער איז נאָענט צום הויף פון די בוימאייל־הענדלער. ער האָט א הויב געטון די רגלים.

ער האָט בלויז באַוויזן פאַרבייצושפּייזן אַ פּאָר הייזער, איז ער שוין געשטאַנען פאַר א הויף מיט א צעעפנטן טויער.

צוויי אַראַבער אין שוואַרצע אָנגעבלאָזענע פּאָלע־הויזן, ווי די געזעסן וואָלטן ביי זיי געווען אָנגעשוואָלן — זענען געווען באַשעפטיגט מיט אויסקוועטשן פעטן בוימאייל. אויף איבערגעדרייטע פעסער זענען געשטאַנען רונדיגע בלעכערנע פאַנען. איין אַראַבער האָט אָנגע־שאָטן אויף די פאַנען פון א זאַק ארויס, פולע איילבירטן. דער צווייטער האָט מיט צוויי שווערע שטיינער געשטויסן און געקלאַפּט די אייל־בירטן, אַזש א געדיכטע פעטסקייט האָט גענומען ארויסרינען. און ווען די איילבירטן זענען שוין געווען צעמאָלן, ווי אויסגעקוועטשטע בלעטלעך, האָט דער ערשטער אַראַבער צוגעטראָגן צו איטליכער פאַן א דינע בלעכענע רער און דורך געהיימע געעפנטע לעכלעך האָט דער בוימאייל גענומען רינען אין די אונטערגעשטעלטע קרוגען אריין. אַזוי האָבן די אַראַבער געקוועטשט בוימאייל. בוימאייל פאַר הענדלער, בוימאייל פאַר גאָרקיכן, בוימאייל צו בראָטן פליישן און געפעפערטע מאכלים.

— סאַלום־אַלייקום 3) פאַבריקאַנטן! — האָט ברכיהו באַגריסט די בוימאייל־קוועטשערס.

— אַלייקום סאַלאַמי 4) עפענדי! — האָבן די אַראַבער פאַר־וואונדערט אויפגעהויבן די קעפּ — וואָס טוסטו דאָ? דו, מוגראַביער יאהוד, וואָס טוסטו אין אונזערע ערטער? וועסט דאָ אין גאַנצן מאַרק נישט געפונען קיין מאַדראַסע 5).

— כ׳וויים, קיין מאַדראַסע וועל איך דאָ אין דעם טמא־אָרט נישט אַראָפּברענגען, אָבער ארויסשלעפּן א יאהוד פון דעם עיפּוש און אים פירן צו א מאַדראַסע, דאָס וועל איך יאָ טון...

— זוכסט עמיצען? — האָט איינער פון די אַראַבער, ארויפ־

3) שלום עליכם.

4) עליכם שלום.

5) שול.

גערוקט דעם טורבאַן און גענומען ווישן דעם שווייס פון שטערן.

— יאָ. סעיד, דעם טעפּיך־הענדלער.

— וואָס? א שווינדל? — האָט דער צווייטער אַראַבער געפרעגט — ווילסט אים פירן צו דיין חכם?

— מיינע זאַכן! — האָט ברכיהו געהיימניספול געוויזן אויף זיינע פאַרשלאָסענע ליפּן — דו ווייז מיר בלויז זיין הויז.

דער אַראַבער איז נענטער צוגעקומען צו ברכיהון. ער האָט אין דער זעלבער צייט אי געאַרבעט מיט די הענט, אי געגאָרגלט מיט א מענה־לשון.

— דריי אריין רעכטס. הינטערן וואַנט, דאָרט שטייט א מויל־אייזל מיט א קעמל. שטופּ אוועק דעם אייזל, ווייל ער איז איינגעשפּאַרט און גיב א גלעט דעם קעמל, ווייל ער פאָלגט, וועט ער מיט זיין קני א שטויס טון דאָס טויער פון הויף. אין הויף ליגן זאָטלען, געשפּאַן, אייזענס און הינטער דעם אַלעם — סעיד'ס שטיבל.

ברכיהו האָט געפאָלגט. ער האָט אוועקגעשטויסן דעם אייזל. ער האָט א גלעט געטון דעם קעמל. און ווען דאָס הויף־טויער האָט זיך געעפנט, איז ער געקראָכן ביז איבער די קניען צווישן אַלטן געשפּאַן, צעפּאָרענע זאָטלען און אייזן־ברוכוואַרג. א פאַרגאַפטער האָט ער זיך ארומגעקוקט צווישן חורבות און געזוכט א לעבעדיקן ייד. פון אָנהויב האָט ער א טראַכט געטון, אז דער אַראַבער האָט אים אָפּגענאַרט, געמאַכט „מאַסחאַרא" און ער האָט שוין גענומען זיך פּלאָנטערן אויף צוריק, כדי מסלק צו זיין דעם ליגנער. מיטאַמאָל האָט ער דערבליקט פון דער ווייטנס א ווייס שטיבל מיט אַן אָפן פענסטער. צוקומענדיק צום שטיבל, האָט ער קיינעם נישט געטראָפן. ער האָט זיך איבערגעבויגן ביז אין דער העלפט איבערן פענסטער און געזוכט א פּנים.

סעיד, א צעיאַכמערטער, א רויטער כאַלאַט פאַרוואָרפן אויף זיינע אַקסלען, איז געשטאַנען איבער א שטויס טעפּיכער. מיט דער פלייסיג־קייט און געדולד פון אַן אַנטיקוואַר האָט ער איבערגעקוקט יעדן טעפּיך, געזען צי ס'איז נישטאָ קיין איבערגעריסענער דרימען, קיין דורכ־געלאָזע „אויגן". נעבן אים, אויף א באַנק איז געלעגן אַן אָפענער בוך

מיט חשבונות, ווו ס'זענען געשטאַנען די נעמען פון די קונים, די סומען, וואָס זיי האָבן איינגעצאָלט. סעיד האָט געטראָגן די טעפּיכער פון גאַס צו גאַס, פון שטוב צו שטוב. די סחורה האָט ער אוועקגעגעבן אויסצוצאָלן ראַטעסווייז. איינמאָל א וואָך, איידער ער האָט זיך ארומ־געלאָזט מיט א פּאַק פרישע טעפּיכער אויף די אַקסלען, האָט ער תמיד בודק געווען יעדעס שטיק, ווי מען איז בודק אַן אתרוג, צי ער איז נישט פּסול. דער קאָפּ איז ביי אים געווען פול. וויפיל פעדים אינ'ם שטיק טוך — אַזויפיל חשבונות אין קאָפּ. און פאַראַן צאָלערס וואָס מען דאַרף אונטערהעצקען, ווי מען העצקעט אונטער אַן אייזל, ער זאָל נישט אָפּשטיין אינמיטן וועג, ער זאָל דערציען, ביזן לעצטן שפּרייז. אַזוינע צאָלערס האָט ער, סעיד, גאַנצע מנינים. ער האָט ארויסגענומען א שטיק קרייד און געצייכנט אויף דער באַנק די צאָל נעמען, וואָס זענען הינטערשטעליג. ס'איז אויסגעוואַקסן א גאַנץ בינטל. סעיד האָט געמעקט די נעמען און ווידעראַמאָל געצייכנט. און ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן, האָט ער אריינגעלאָזט די הענט אין די אַרבל פונם רויטן כאַלאַט. ער האָט אָנגעלייגט אויפן אַקסל די טעפּיכער גרייט ארויסצוגיין און דערזען אין אָפענעם פענסטער ברכיהון מיט א מגילה אין האַנט.

פון איבעראַשונג האָט סעיד ארומגעוויקלט מיט צוויי פינגער א בייטש פון זיין ברוינער באָרד. ברכיהו האָט געפרעגט:

— דאָס איז דיין מקום־מנוחה? דו באַהאַלסט דאָך זיך אויס, גלייך דו וואָלסט עמיצן א בעל־חוב געווען!

— א בעל־חוב? — האָט סעיד אויפגעהויבן די הענט — אָבער דיר קום איך גאַרנישט? שוין? און וואָס ווייסט דו, א מאַגראַביער שמש, פון בעלי־חובות?

— ס'איז מיר גענוג אַז דו ווייסט! — האָט ברכיהו אונטער־געטראָגן דעם צעוויקלטן צעטל — און אַז דו ביזט יאָ אַזאַ בר־תנאַ, קוק אריין אין אָט די קליינע נקודות.

— כ׳וועל נישט קוקען! — האָט סעיד אָפּגעקערט דעם קאָפּ.

— לייען!

— כ׳וועל נישט לייענען!

— אָבער מעגסט דאָך איינגראָבן דיינע אויגן אין דעם כתב.

— כ׳ווייס וואָס דו ווילסט.

— איך וויל? דער מאַראָקאַנער חכם ר׳ עמנואל ביי וויל!

— כ׳ווייס וואָס אין דעם כתב שטייט.

— טאָ וואָס זאָגסטו?

— כ׳וועל נישט קומען.

ברכיהו האָט צוריק איינגעוויקלט די מגילה. ער האָט געקוקט ווי צווישן אים און סעידן שטייט א מחיצה — א פענסטער. וואָלט סעיד געווען א הדיוט, וואָלט ער אים דערלאַנגט. און מיט דער גראָבער האַנט אויך. סעיד איז אָבער אן איידעלער ישראל. ער קען זיך אויף א נקודה און אויף א דגוש. ער האָט געוואָלט זיין געלאַסן און זיך געבייזערט.

— אז א חכם רופט, סעיד, דאַרפסטו יאָ קומען!

— ווער רופט מיך? א מאַראָקאַנער חכם? א מאָגראַביער?

— א מאַראָקאַנער צי א שפּאַניאָלער. א ישראלישער חכם איז א חכם!

— ביי אונז הייסט א מאַראָקאַנער חכם א פּושקע־קלייבער!

— כ׳רוף דיך צום בית־דין, סעיד פאַרווילי!

— כ׳וועל נישט קומען! כ׳וועל נישט קומען! — האָט דער טעפּיך־הענדלער זיך צעשריגן.

מער איז ברכיהון נישט געבליבן צו זאָגן. ער האָט צוריק ארויסגע־שלעפּט דעם קאָפּ פון׳ם פענסטער. פון יענער זייט האָט סעיד פאַרהאַקט א לאָדן. דער שמש האָט פאַרשטעקט דעם בית־דין־צעטל. דורך א הינטער־טויער איז ער ארויס פון דעם הויף. ער האָט זיך געאיילט. ער איז געגאַנגען אָנזאָגן דעם חכם עמנואל ביי, אז דער שפּאַניאָלער טעפּיך־הענדלער, וויל זיך נישט שטעלן פאַר דעם מאַראָקאַנער בית־דין.

* * *

דער מאַראָקאַנער חכם איז געווען פאַרנומען מיטן אויסליידיגען די צדקה־ביקס פון זיין שוועל, ווען דער שמש איז צוריקגעקומען פון די באַזאַר־געסלעך. דער חכם האָט געציילט די מטבעות געלאַסן, מיט ישוב־הדעת. אויך דער שמש האָט גערעדט אָן געאייל, אַזוי, אַז דער קלאַנג פון יעדען גרוש איז אויסגעפאַלן צוזאַמען מיט איטליכען וואָרט וואָס האָט זיך ארויסגעשאָטן פון ברכיהו׳ס מויל. דער חכם האָט ארויסגעשלעפט פון א מאַנטל־פאָלד א לייוונטענעם זעקל. ער האָט אריינגעוואָרפן די ניקעלנע מטבעות מיט א קלימפּער און דאָס זעקל באַהאַלטן אין דער טיש־שופלאָד.

אויסדרייענדיג דעם קאָפּ צום שמש, האָט ער מיט א פינגער אויסגעראָלט א לאַנגע פּאה, ווי א לאָק:

— זאָגסט דו, אַז ער ווייכט פון אונז? ס׳שטייט אים נישט אָן צו קומען אויף א פאַרהער?

— יאָ, חכם. ער ווייכט. דערצו האָט ער מבזה געווען אונזער בית־דין.

— ס׳וועט אים נישט העלפן, דעם שפּאַנישן אָקסן־דרייצער.

— ווי זאָגסטו חכם? — האָט דער שמש צוגעלייגט א האַנט צום רעכטן אויער.

— כ׳זאָג, אַז צווישן דער אַלמנה און דעם טעפּיך־הענדלער וועט די געזעצנע פעדער זיין דער פּוסק!

— מיינסטו חכם, אַז מען וועט ארויסגעבן א פּסק הינטער זיינע אויגן?

— נישט הינטער די אויגן, נישט! ער וועט זיין דערביי. ער וועט שטיין פאַר מיר, ער וועט שטיין פאַר׳ן דיין. ער וועט אויך שטיין פאַרן שפּאַניאָלער חכם.

— פאַרן שפּאַניאָלער חכם? — האָט ברכיהו נישט באַנומען דעם מיין.

— יאָ, כ׳וועל רופן דעם שפּאַניאָלער חכם צום טיש. אַז דער הענדלער וויל נישט, מיר זאָלן זיין די פּוסקים,וועט דער שפּאַניאָלער

חכם אויך זיין א פּוסק, און ביי אים וועט ער מקיים פּסק זיין. כ׳וועל טאַקע איצט פאַר מנחה אריבערגיין צו אים. גיב מיר די גלימאַ און דעם טורבאַן!

פונ׳ם צווייטן חדר האָט דער שמש ארייגעבראַכט די גלימאַ דרבנן, א צעקנאַדערטע, מיט פלעקן און קנייטשן. נישט נאָר האָט די גלימאַ נישט דערמאַנט קיין פּאַראַד־בגד, נאָר ס׳האָט אויסגעזען ווי א בעטלער־זשופּיצע. דער חכם האָט אונטערגעהויבן די הענט. דער שמש האָט ארויפגעוואָרפן אויף אים די גלימאַ, ווי א פּעלערינע. פון דער וואַנט האָט עמנואל ביי אראָפּגענומען דעם טורבאַן. פון א ווינקל האָט ער ארויסגענומען דעם שטעקן. ביידע האָבן געפּירט מיט די פינגער צוערשט איבער דער מזוזה, דערנאָך איבער די ליפּן און זיך ארויס־געלאָזט אין גאַס.

גייענדיק איבער די טרעפּ האָט דער חכם ארייגערעדט אין זיין שמש.

— מען וועט זיי צונויפרופן ביי איין טיש. א שפּאַניאָלער, א מאַראָקאַנער, נישטאָ קיין מיוחסים. די דינים זענען דינים און די חוקים זענען חוקים. און וועלכער צד ס׳וועט זיין חיב, דער וועט מקיים פּסק זיין!

— אין אַלזשיר וויים נישט דער חכם פון אזוינע בזיונות — האָט ברכיהו זיך אָנגענומען פאַר זיין דיין און פּוסק — מען הערט זיך צו אים צו, ווי צו א געבאָט־געבער. ס׳איז דאָ איין עדה מיט יהודים. איין אמונה, פּונקט ווי ס׳איז דאָ איין גאָט פון ישראל!

— זאָג עס נאָכאַמאָל — האָט דער חכם זיך צעשמייכלט — ברכיהו, אין אַלזשיר וויים מען נישט דערפון. און דווקאָ אין ארץ־ישראל איז א פּירוד־הלבבות. דער שפּאַניאָלער חכם מיינט, ער זיצט אויף דער אויבערשטער דיוטא... א ליגן! אין דער אמת׳ן גייט אָן די גאַנצע פּלוגתאָ צווישן די חכמים איבער זייערע מאָגענס... דער שפּאַניאָלער פּולט אָן דעם בויך א גאַנצע וואָך מיט פעטע עופות און דער מאַראָקאַנער מיט א קאַלבס־ביין און א סאַך מאָל מיט א טרוקענע פּיטע אויך...

— דו רעדסט וועגן ר׳ יצחק שאַלתיאל?

— יאָ. און צו אים גייען מיר איצט אין דער ספרדישער שול. ס׳איז די מנחה־שעה. אַז מען וועט אים דאָרט טרעפן — בין איך בטוח, אָבער צי ער וועט מסכים זיין אויף דעם „טיש״, ווייס איך נישט.

— ר׳ יצחק שאַלתיאל איז נישט קיין נושא־פנים. ער וועט אָננעמען דעם בית־דין־שטול.

זיי זענען שוין געווען אויף דער גאַס, ווען דער חכם האָט געגעבן צו פאַרשטיין זיין שמש:

ר׳ יצחק שאַלתיאל האַלט פון פולע צדקה־פּושקעס, פון כבוד און פון ווייבער. און מיט ווייבער וועט ער זיך קיינמאָל נישט איינרייסן צוליב די צדקה־פּושקעס. די שפּאַניאָלער ווייבער האָבן ליב זיך איינ־צושטעלן פאַר זייערס אַ בן־עיר, אַ רשע, צי אַ צדיק. זיי קענען נאָך אָפּשטעלן דאָס וואַרפן די פּדיונות...

זיי האָבן אַריינגעשפּרייזט אין מאַרק. אַ שערענגע אייזלען, באַלאָדענע מיט פאַרפלאָכטענע בינטלעך קאָקאָס־נים האָבן געשפּאַנט פאַרביי דעם ברונים. אַ פאַר׳חושכ׳טער אַראַבער אָנגעטון קרועה־בלועה, האָט איילענדיג אונטערגעטריבן די אייזלען. אינמיטן מאַרק האָט געקניט אַן אָפּגעשונדענער קעמל און געשמאַק געקייט די שאָלעכץ פון אַ צעקוועטשטן וואַסער־אַרבוז. פון די זייטיגע געסלעך האָבן זיך אַרויסגערוקט אשכנזים אין טונקעלע קאַפּאָטעס מיט ברייטע שטריימ־לען, ספרדים אין קאָלירטע זשופּיצעס מיט טורבאַנען. אַקעגן איבער דעם מאַרק האָט זיך אַרויסגעזען די ספרדישע שול מיט בלויע שויבן־טירן.

דער מאַראָקאַנישער חכם מיט זיין שמש האָבן זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן גיין. דער שמש האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט אין דער ריכטונג פון דער שול.

— ער גייט! ער גייט!

— ווער?

— דער שפּאַניאָלער חכם.

ר׳ עמנואל ביי האָט א קוק געטון פאַר זיך. פון אַנטקעגן איז אָנגעקומען דער שפּאַניאָלער חכם ר׳ יצחק שאַלתיאל. ער האָט גע־שפּרייזט אין זיין שוואַרצן, געפּרעסטן גלימאָ דרבנן, אויפן קאָפּ א סאַמעטענעם טורבאַן, פאַרשפּיצט מיט א רויטע פעדער. און אויף די פיס ברייטע, גלאַנציגע קאַמאַשן — נאָר צום אָנשפּיגלען זיך.

דער שפּאַניאָלער חכם האָט געשטעלט ברייטע, זיכערע טריט. א שטאָלצער, דעם קאָפּ געהויבן. קיין פּגם אויפן בגד, קיין קנייטש אויפן פּעטעון, אויסגעגלעטן פּנים און קיין איין גרויע האָר אין דער קאַנטיגער אשורישער באָרד. פאַר אים האָט געשפּרייזט זיין שמש, דער „קאַוואַס" אין א זיידענעם כאַלאַט, באַנייט מיט גאָלדענע און זילבערענע טאַשמעס. אויפן קאָפּ — א פעסקע מיט א טראָלד און ביי די לענדן א שווערד. אין דער רעכטער האַנט האָט דער קאַוואַס געהאַלטן א הויכן שטאָק מיט א זילבערנעם קאָפּ. שפּרייזענדיג פאָרויס, האָט ער געקלאַפּט מיט דעם שטאָק אָן די שטיינער, געבענדיג אָנצוהערן די דורכגייער, אַז דער שפּאַניאָלער חכם, ר׳ יצחק שאַלתיאל, גייט דורך דעם צפת׳ער מאַרק.

און אַנטקעגן, א געבויגענער, אין זיין אָרעמען, צעקנאָדערטן בגד, האָט געשפּאַנט דער מאַראָקאַנער חכם, מיט דראָבנע טריט. זיין שמש, נישט פאָרויס, ווי אַן אָנזאָגער, נאָר נעבן אים, ווי א גלייכער באַגלייטער. דער מאַראָקאַנער האָט זיך אונטערגעאיילט און געוואָלט זיך שטעלן פּנים אל פּנים מיטן שפּאַניאָלער.

דער קניענדיגער קעמל איז געלעגן צווישן זיי, ווי א מחיצה.

דער קעמל האָט אויפגעהערט צו קייען די שאָלעכץ. דאָס רעכטע אויג, א טעמפּס, האָט באַטראַכט דעם שפּאַניאָלער חכם, זיין רייכע הלבשה און דאָס לינקע האָט געשיקלט צום מאַראָקאַנער, צו זיין צעקנייטשטן הילוך. דער קעמל האָט זיך גענומען איינקאָרטשן, דער האָרב איז עטוואָס איינגעלאָפּן. און דער לאַנגער האַלז האָט זיך געצויגן צו דער ערד.

דער מאַראָקאַנער האָט אריבערגעשפּרייזט דעם האַלז פון׳ם קעמל און איז האַסטיג געבליבן שטיין נעבן דעם שפּאַניאָלער חכם. דער

שפּאַניאָלער האָט זיך צוריק געצויגן אויף א שריט.ביידע ספרדישע רבנים האָבן זיך אָנגעקוקט, נישט ווי חכמים פון צוויי עדה'ס, ווי ראשים פון איין אמונה, נאָר ווי צוויי דערווישן פון באַזונדערע מאַכמעדאַנישע מעטשעטן.

ר' עמנואל ביי האָט ארויפגעלייגט די רעכטע האַנט אויפן האַרצן און זיך באַגריסט:

— שלום, שפּאַניאָלער חכם!

— שלום, מאַראָקאַנער חכם! — האָט ר' יצחק שאַלתּיאל מיט א האַנט א מאַך געטון צום קאַוואַס, ער זאָל אָפּטרעטן.

— ווייסט דו, צוליב וואָס איך גיי דיר אַנטקעגן? — האָט דער מאַראָקאַנער חכם געפרעגט.

— כ'וויים נישט.

— א ישראלישע פּאָר דאַרף מאָרגן קומען צום בית־דין.

— ווילסטו מיין הילף? — האָט דער שפּאַניאָלער חכם פאַר־קנייטשט דעם קלאָרן שטערן — מיינסט צו זאָגן, אז דו קענסט אליין נישט פאַרטיג ווערן מיט א דין?

— פאַרגעס נישט, שפּאַניאָלער חכם, אין יעדן בית־דין דאַרפן זיך שטעלן צוויי צדדים.

— כ'פאַרגעס נישט.

— און די בני־עמנו זענען געטיילט נישט בלויז אויף שבטים, נאָר אויך אויף עדה'ס.

— אַלץ איינס — האָט דער חכם אָפּגעפּסקנט — די דינים און די חוקים זענען גילטיג פאַר יעדן שבט און פאַר יעדער עדה, פאַר כל ישראל!

— די צדדים, וואָס איך גיי משפּט'ן — האָט ר' עמנואל ביי ווייטער גערעדט — באַלאַנגען, איין צד צו דער מאַראָקאַנער עדה, דער צווייטער צד צו דער שפּאַניאָלער עדה.

— דאָס דאַרף נישט אָפּהאַלטן דיך, מאַראָקאַנער חכם, פון פּוסק פּסק צו זיין.

— ווי איז אָבער דער מנהג, אז איין צד, דער שפּאַניאָלער, האָט

די העזה צו זאָגן, ער וועט זיך נישט לאָזן משפּטען פון מיר, דעם מאַראָקאַנער. ווי איז דער מנהג, שפּאַניאָלער חכם?

ר' יצחק שאלתּיאל איז געבליבן שטיין מיט א פינגער אויף די פּליישיגע ליפּן. א סימן, אַז ער איז געווען אין גרויס פאַרלעגנהייט. דאָס ווייכע, פּנים האָט זיך געוואָלקנט און די דינע קאַרבן, וואָס האָבן דאָ און דאָרט זיך פאַרצויגן, ווי שנירלעך, האָבן דערציילט פון ספקות. ער האָט א הויב געטון די הענט מיט די ברייטע אַרבל און פאַרשטעלט מיט זיין רבנישער גלימאַ, דעם קאַוואַס. ער האָט געפרעגט:

—וועד זענען די צדדים?

— זי איז אַן אַלמנה, און ער — א פּקדון־נעמער.

— מיינסט צו זאָגן, ס'גייט דאָ וועגן אַן עושק־אַלמנות?

— כ'קען גאָרנישט זאָגן, איידער די צדדים וועלן זיך אַרויסריידן פאַר מיר.

— און דו באַשטייסט, כ'זאָל זיך אויך זעצן צום בית־דין־טיש?

— כ'באַשטיי חכם, און כ'וואַרט אויף דיין הסכּמה.

— כ'וועל קומען. כ'וועל נישט לאָזן מבזה זיין א ישראלישן בית־דין.

— כ'וועל דיך לאָזן רופן, שפּאַניאָלער חכם!

— ווי דו באַשטייסט, מאַראָקאַנער חכם!

ר' יצחק שאלתּיאל האָט זיך גענומען דערווייטערן. דער קאַוואַס מיטן שטאָק, מיט דער נאָכהענגענדיגער שווערד, ווי א לייב־וועכטער איז געגאַנגען אויף א פריער. זיי האָבן זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון דער ספרדישער שול.

ר' עמנואל ביי מיט זיין שמש זענען געבליבן שטיין פאַרן קניענדיגן קעמל. זיי האָבן נאָכגעקוקט מיט חידוש דעם שפּאַניאָלער חכם, וואָס איז מותר אויף זיין כבוד, גייט זעצן מיט זיי צום בית־דין־טיש און איז גרייט צו באַשטראָפן אַן אייגענעם בן־עיר, אַן עושק־אַלמנות.

* * *

אין דעם הילצערנעם הייזל פון'ם מאַראָקאַנער חכם איז געווען

גריט דער בית־דין־טיש. בײדע צדדים זענען שוין געווען פֿאַרזאַמלט. אויפֿן טיש איז געלעגן אויסגעשפּרייט אַ גרין פּרוכת, אויפֿן פּרוכת — אַ געניזענע פּעדער און צוויי פּאַרמעטענע בויגנס. פֿון איין זייט זענען געווען אויסגעזעצט יוכבד מיט אירע עדות, איר שוועסטער זאַהאַראַ, די הינער־פּליקערין, איר מאַן נסים, דער בעטלער בײַ די הייליגע קברים. פֿון דער צווייטער זייט טיש איז געזעסן סעיד, דער טעפּיך־הענדלער. בײַ סעיד׳ס זייט איז קיין עדות נישט געווען.

דער מאַראָקאַנער חכם האָט זיך געדרייט פֿון אויבן אָן, אַרום זיין אייגענעם שטול. הינטער זיינע פּלייצעס איז נאָכגעגאַנגען דער שמש. דער חכם איז געווען צעקעמט, צעגאַרטלט, די האַנט־פּלאַכן אָפֿענע — צוויי אויפֿגעהויבענע וואָג־שאָלן — אויף וועלכע מען דאַרף וועגן צדק און משפּט. נעבן אים איז געווען צוגעגרייט אַ לײדיגע שטול פֿאַרן שפּאַניאָלער חכם, וואָס דאַרף אָנקומען.

און בעת דער מאַראָקאַנער האָט געשפּרייזט אַ צערודערטער און געוואַרט אויף זיין גאַסט, האָט איין צד געזוכט מיט די אויגן צו באַגעגענען דעם צווייטן צד. די בליקן האָבן גענומען פֿירן מלחמה.

און ווען דער מאַראָקאַנער חכם איז אַרויס פֿון חדר, האָט יוכבד זיך אויסגעבויגן, האָט געזוכט אויפֿצוכאַפּן סעיד׳ס אַרונטערגעלאָזטע בליקן און אַ זאָג געטון:

— קענסט מיר אפֿילו נישט קוקען אין די אויגן אַריין, סעיד!

זאַהאַראַ, מיט אירע גרויע צעפּלעך, צעקעמט, צעראָלט, וואָס האָט זיך געפֿילט ביים טיש נישט, ווי אויף אַ משפּט, נאָר ווי אויף אַ שמחה, האָט אַריינגעלאַכט אין יוכבד׳ס אויער:

— אפֿילו די באָרד איז בײַ אים נישט צעקעמט, דאָס בגד נישט געטוישט. ווי אַן אָבל זיצט ער...

נסים, אין אַ געלאַטעטע אַבאַיע, האָט נישט פֿאַרטראָגן דעם איבער־רייד און מיט אַ יראת־שמים־פּנים געוואָרענט:

— שטיל ווייבער, שטיל. ס׳גייען אַרום צווישן אייך חכמים, ס׳גייט אַרום אַ שמש, מען וועט נאָך הערן! מען וועט נאָך הערן!

— ער מיינט דאָך, ער זיצט אויפן טעפּיך־מארק — האָט יוכבד אויף דאָס ניי אָנגעהויבן.

— קוק ווי ער שווייגט, דער לאָם! ווען נישט דער שפּאַניאָלער חכם, וואָלט ער צום בית־דין נישט געקומען.

— דער באַגלויבטער פּקדון־נעמער!

— דער נאמן!

— ער מיינט, ער וועט באַטריגן אַלמנות? — האָט זאהארא אויף א קול זיך אָנגענומען דער שוועסטערס קריוודע.

ברכיהו דער שמש האָט, דערהערענדיג דאָס געשריי, אריינגעאיילט מיט צענומענע הענט און זיך געבייזערט:

— פּסקנט נישט, ווייבער! איר זיצט פאר א בית־דין! איר זיצט אין דעם חכמ׳ס הויז.

א ווײַלע איז געווען שטיל. דאָס האָט אָבער יוכבדן נישט געשטערט זיך אויסצוטענה׳ן מיט די שטומע ווענט. אזויפיל תרעומות האָט זי געהאַט, אז זי האָט גענומען אויסרעכענען די חסדים און מעשים־טובים פון אירע אָבות. נסים, פול מיט צאָרן האָט געשווירן, אז ער וועט ארויסגיין פון חכמ׳ס שטוב, נישט גוט זאָגן פאר יוכבדן. שווערענדיג זיך, האָט ער זיך געקלאַפּט מיט פינף שפּיצן פינגער אין האַרצן אריין. ער האָט זיך געריסן צו דער טיר. דאָס ווייב זאהארא האָט אים געשלעפּט פאר די פּאָלעס פון דער אבאיע. ער האָט געזאָגט:

— איר ווייסט נישט! איר ווייסט נישט, ווי זיך אויפצופירן אין א חכמ׳ס שטוב. איך זיץ איבער די קברים. כ׳זע ווי מען איז עולה רגל, זאָג איך, פונקט ווי מען טוט איינרייסןביים קבר פון א טויטן הייליגן מאַן, אזוי דארף מען זיצן און שווייגן אינ׳ם הויז פון א לעבעדיגן הייליגן מאַן.

דער שמש איז צוגעקומען מיט א האַנט־פּאַטשערײַ:

— דער חכם ר׳ יצחק שאַלתיאל גייט!

אַלע האָבן זיך אויפגעשטעלט.

דורך דער געעפנטער טיר האָט זיך באַוויזן דער שפּאַניאָלער חכם, אַן אויסגעגלייכטער, א שטאָלצער. ער האָט געשטעלט געמאָסטענע

טריט. אין גאַנג האָבן די ברייטע אַרבל פון דער טונקעלער זיידענער פעלערינע זיך געוויגט, ווי פליגלען. און איידער דער שמש האָט באוויזן אים צו פאַרלויפן דעם וועג און אַרויסרוקן אַ שטול, האָט הינטער זיינע פּלייצעס, זיך אַרויסגעהויבן דער מאַראָקאַנער חכם.

ביידע חכמים האָבן זיך איבערגעקוקט און שווייגנדיגע פאַר־נומען זייערע ערטער.

הינטער זיי איז נאָכגעקומען דער שלוש, ר׳ יששכר, אַ קיילעכ־דיגער, פעטלעכער ספרדי מיט אַ ווייך, אויסגעגלעט פּנים. די העויה אַרום די דינע ליפּן האָט אָנגעזאָגט אַי פרייד, אַי טרויער. אונטער דער גאָמבע, אַרום האַלז האָט זיך געצויגן אַ ווייך, קרענצל באָרד.

דער שמש האָט אַ קלאַפּ געטון מיט אַ הילצערנעם העמערל איבערן טיש.

— דער בית־דין איז דאָ!

דערנאָך האָט ער אַריינגעשטאָכן אַ בליק אין דעם שלוש. דער שלוש האָט גענומען אַ צעוויקלטן פּאַרמעט־בויגן פון טיש און אויפן קול גענומען אַרויסלייענען:

— יוכבד מויאַל, די סאַרווערין פון צפת רופט צום בית־דין סעיד פאַרווילי, דעם טעפּיך־הענדלער פון צפת. יוכבד קלאָגט אָן סעידן, אַז זי האָט פאַר יאָרן געטראָגן צו אים מטבעות און געזאַמלט אַ פּקדון, און אַז ס׳איז געקומען די צייט דעם פּקדון אָפּצונעמען, האָט ער מסרב געווען עס אָפּצוגעבן. די אָנקלעגערין שווערט ביי די הייליגע קברים, אַז אירע טענות זענען אמת, די אָנקלעגערין פרעגט צי ס׳קומט אַ משפּט־צדק פאַר אַ באַטריגענער אַלמנה און צי ס׳איז דאָ אַ דין און דיין ביי ישראל.

דער שלוש האָט איינגעוויקלט דעם בויגן און זיך צוגעזעצט.

ר׳ עמנואל ביי האָט געפרעגט:

— יוכבד מויאַל, וואָס זענען דיינע טענות?

יוכבד די סאַרווערין האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט אַ צערור־דערטע. זי האָט זיך אַ נויג געטון מיט יראת־הכבוד אויף רעכטס —

צום מאַראָקאַנער חכם, אויף לינקס — צום שפּאַניאָלער חכם און אָנגעהויבן:

— הייליגע חכמים! שוין פופצן יאָר, ווי כ׳בין אַן אַלמנה און כ׳טו זיך דערנערן פון סאַרווערען אויף צפת׳ער שמחות. דאָס איינציגע וואָס מיין גאָטזעליגער מאַן האָט מיר איבערגעלאָזט, איידער ער איז אַראָפּ אין קבר, איז געווען אַ צעריסענער קיטל, אַ גאַרטל און אַ קאָפּ־טוך... כ׳האָב קיינמאָל נישט געטראָגן קיין טענות צום הימל, פאַר מיין אָרעמקייט. אָבער אַז דער באַשעפער האָט מיר געהאָלפן און כ׳האָב אָנגעהויבן צו פאַרדינען אין די הייזער פון די צפת׳ער עשירים, האָב איך יעדע אָפּגעשפּאָרטע מטבע, יעדן גרוש, געטראָגן צום טעפּיך־הענדלער סעיד פאַרווילי, ער זאָל דאָס האַלטן פאַר אַ פּקדון... גערעכטע מענטשן האָבן פאַר אים גוט געזאָגט. און איך אַליין האָב אים פאַר אַ נאמן געקענט. כ׳האָב מיר געגרייט אַ קניפּל אויף שפּעטער, ווען די עלטער וועט אָנרוקן. און אַז שוין איצט, הייליגע חכמים, האָט מיך גאָט געשטראָפט, און כ׳פיל אַ שוואַכקייט אין די פיס, אַ שוואַכעניש אויפן האַרץ, בין איך געגאַנגען צו סעיד פאַרווילי אָפּנעמען דעם פּקדון. און סעיד זאָגט זיך אָפּ. ער לייקענט... דערפאַר האָב איך אים געלאָזט רופן צום בית־דין, הייליגע חכמים, און כ׳וויל אַ משפט, אַ משפט פון דין און פון צדק!

יוכבד איז געבליבן שטיין מיט אַן אָפן מויל, ווי אַ קנויל נישט דערזאָגטע רייד וואָלטן איר געבליבן אויף דער צונג. ר׳ עמנואל ביי האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, זי זאָל זיך זעצן. אַ ווייַלע האָט ער זיך פאַרטראַכט, דערנאָך האָט ער געפרעגט:

— יוכבד מויאל, האָסט דו אויך עדות, וואָס ווילן רעדן פאַר דיר?

— מיין שוועסטער זאהארא און איר מאַן נסים ווייסן עפּעס צו זאָגן וועגן מיר — האָט זי אָנגעוויזן אויף די בייזיצענדיגע.

זאהארא האָט זיך אויפגעשטעלט. זי האָט פעסטער פאַרצויגן די גרינע טאַשמע אַרום אירע גרויע צעפּלעך און זיך פאַרנויגט.

— הייליגע חכמים! כ׳ווייס פון מיין שוועסטער מער, ווי פון זיך אַליין. ווען דער רחום וחנון האָט געעפנט אַ גרוב פאַר איר זעליגן

מאַן האָט ער אויך געעפנט פאַר איר א קוואַל פון יסורים... זי האָט זיך אָנגעליטן פאַר אַלע געמיינע לייט און אַליין איז זי א גוטע נשמה... זי איז פול מיט מעשים־טובים... זי לעבט ווי א פרומע און טוט גוטס ווי א צדיקת...

— עדות! — האָט ר׳ עמנואל ביי איר איבערגעשלאָגן — דער בית־דין וויל וויסן, וואָס קענסט דו דערציילן וועגן דעם אוועקגענעמ־בענעם פקדון?

— וועגן דעם פקדון? — האָט זאַהאַרא זיך געכאַפּט, אַז זי שטייט פאַר חכמים, נישט פאַר מאַראָקאַנער שענק־אביונים — וועגן דעם פקדון? כ׳האָב אפילו נישט געוווסט אַז יוכבד קלייבט א מטבע צו א מטבע... אַז דאָס האָט זי זיך געהיטן פאַר מיר, זיך אויסבאַהאַלטן מיטן אמת... איז דאָס נישט א חרפה צו דערציילן, אַז אַן אייגענע שוועסטער האָט זיך נישט פאַרטרויט פאַר מיר? נישט געזאָגט, אַז זי זאַמלט א קניפּל? וואָס וואָלט זי דען פאַרלוירן? כ׳וואָלט איר בלויז מיינע ווינטש־ברכות מיטגעגעבן. און צו מיין חלק עולם־הבא וואָלט דערפון גאָרניט צוגעקומען... איצט ברענגט זי מיך צום בית־דין, כ׳זאָל פאַר איר גוט זאָגן. מסתמא ווייס דער רחום וחנון פאַרוואָס ער באַשטראָפט... אָבער וואָס פלוידער איך? — האָט זאַהאַרא זיך דער־מאָנט, אַז די צונג איז ביי איר פאַרדרייט — כ׳רעד אויס אויף אַן אייגענער שוועסטער? כ׳שפּריי נאָך פעפער אויף די בלאָטערס? אַז די ליפּן מיינע דאַרפן פאַרשטומט ווערן! און אַז זי איז נישט געווען גערעכט צו מיר, דאַרף א שפּאַניאָלער, א פקדון־נעמער זי באַטריגן? א משפּט! פרומע לייט און חכמים! א משפּט!

דער שלוש האָט זיך אויפגעשטעלט האַסטיג. די העויה אַרום די ליפּן איז געוואָרן אויס פרייד, אויס טרויער, נאָר בלויז רוגזה. ער האָט אָפּגעשטעלט זאַהאַראַ׳ס רייד מיט א געבייזער:

— זעץ דיך! איצט עדות נסים! וואָס קענסטו דו דערציילן וועגן דעם אוועקגעגעבענעם פקדון?

נסים האָט, אויפשטייענדיג, געהאַלטן אין איין איבערבינדן דעם

בויך־באַנד. דער בלויזער יראת־הכבוד, אַז ער דאַרף ענטפערן אַ תלמוד־חכם האָט אים צערודערט:

— צופיל לשון־הרע ווערט דאָ גערעדט, צופיל בייזע רייד. מען פאַרשעמט אַ ברודער, אַ ישראלי. כ'קען נישט הערן! בנאמנות און בהן צדקי, כ'קען נישט הערן! ווייבער האָבן ווייכע הערצער, אָבער פאַר יעדער עולה זענען זיי זיך נוקם ונוטר! הייליגע חכמים! וועגן דעם פקדון וויים איך גאַרנישט, פונקט ווי דאָס ווייב זאַהאַראַ וויים גאַרנישט. נאָר צוליב וואָס האָט זי מיך געשלעפּט אהער? כ'זאָל זיין אַ שיינדל ביים בית־דין־טיש? מיין אביונישע פרנסה איז צו שפּרייזן ארום די קברים. כ'טרעט איבער דעם הייליגן שטויב. איך האָב דרך־ארץ פאַר אַ חכם, כ'האָב אמונה אין אייער צדק. און וואָס איר וועט פּסקנען, וועט זיין גוט.

דער מאַראָקאַנער חכם האָט צעפירט די הענט. ער האָט געלאָזט הענגען אַ פּאָר אויסגעשטרעקטע עלענבויגנס אין דער זייט פונ'ם שלוש, און די בליקן האָבן גע'טענה'עט: וואָס פאַר אַ פאַרהער? ווער דאַרף די דבורים? די צדדים דאַרפן שווייגן און ריידן דאַרף דער בית־דין!

די בליקן זענען פאַרקראָכן צום שפּאַניאָלער חכם. דעם שפּאַניאָלערס אויגן — די אויגן פון אַ קלוגן תנא — האָבן גערוט אויף אַ פאַרמעטנעם בויגן. אויפן מאַראָקאַנערס טענה, האָט ער פאַרצויגן די ברעמען און איבער זיין קלאָרן שטערן זענען אויפגעלאָפן געציילטע קנייטשן, ווי ס'לויפן אָן שיטערע וואָלקענדלעך אויף אַ ריינעם הימל. ער האָט צוריקגעשיקט אַ קעגן־טענה, וואָס האָט געמיינט צו זאָגן: „בית־דין, לאָז דיך הערן! דעם אָנגעקלאָגטן קומט דאָס וואָרט"!

דער שלוש מיט אַ העויה, ווי ער וואָלט אויפגעכאַפּט דעם חכמ'ס פאַרשלאַג, האָט אויפגערופן דעם טעפּיך־הענדלער:

— סעיד פאַרווילי! דער בית־דין וויל דיך הערן!

סעיד האָט זיך אויפגעהויבן, עטוואָס אַ דערשלאָגענער. מיטן זעלבן אַראָפּגעלאָזטן בליק, ווי ער איז פריער געזעסן, מיטן זעלבן בליק איז ער איצט געשטאַנען. אַ פּיר מיט דער רעכטער האַנט איבער

דער ברוינער באָרד, א פיר מיט דער לינקער האַנט איבערן גאַרטל. און אויף די טונקעלע ליפּן א פרעפּלען, ווי ער וואָלט געפירט מיט זיך אליין חשבונות.

מיטאמאָל האָט ער זיך צעשאָקלט:

— הייליגער בית־דין! כ'מוז דאָ ארוים מיט דבורים, כלו אמת. כ'בין טאַקע חיב, אָבער נישט קיין פּושע. יוכבד די סאַרווערין קען איך נאָך, ווען זי איז געזעסן אויף דער שומרונים־גאַס. מיט אַכט יאָר צוריק איז זי געקומען צו מיר און געזאָגט: „סעיד פּאַרווילי, צפת האַלט דיך פאַר בטוח און פאַר א נאמן. איך בין אַן אָרעמע אַלמנה. כ'טו סאַרווערען אויף שטאָטישע שמחות, אָבער אליין טראָג איך אויף זיך זעק מיט טרויער... כ'וועל ווערן אַלט, סעיד, און ס'קען אָנרוקן א שוואַכקייט, א חולאת. דעריבער וועל איך ברענגען צו דיר יעדן אָפּגעשפּאָרטן גרוש, זאָלסט עס זאַמלען פאַר א פּקדון". איך האָב יוכבדן צוריק געזאָגט: „קענסט זאַמלען ביי מיר, אוצרות... ברענג א קופּערנעם באַשליק 6) און כ'וועל עס דיר רעכענען פאַר א דינאַר..." אזוי באַגלויבט בין איך ביי זיך געווען. כ'האָב געטון האַנדל מיט גאַנץ צפת. נישט נאָר האָט מען צו מיר געטראָגן פּקדונות, נאָר איך אליין האָב צעלייגט טוך, לייוונט, לעדער איבער אַלע אָרעמע הייזער. וויפיל רוחים ס'האָבן אויף מיר געוואָרט, אזויפיל היזיקות האָבן מיך נישט אויסגעמיטן... אַלץ האָב איך אוועקגעטראָגן אויף באָרג. כ'האָב אָבער נישט אָנגערירט דעם פּקדון. יעדע מטבע וואָס איז צוגעקומען, איז געהיטן געוואָרן ווי א גאָלדענע מטבע. כ'האָב געטראַכט: „א מטבע צו א מטבע און ס'וועט אָנוואַקסן אַן אַלף מיט א מאה"... איך אליין בין אַן אַלמן, כ'האָב נישט קיין התחיבותן צו אייגענע משפּחה, אָבער צדקה און מעשים־טובים האָבן ביי מיר געזוכט ווייטע און נאָענטע קרובים. איז איינער, א קרוב אוועקגעפאַלן אויף א חולאת: „סעיד פּאַרווילי, העלף א געשטראָפטן!". איז איינער ארוים ערום ועריה פון מסחר: „סעיד, זיי א מלוה ברבית".. פון גאַנץ

---

6) טערקישע מטבע.

צפת איז מען צוגעשטאַנען. מיין פינגער האָט אָבער נישט אָנגערירט קיין פרעמד עשירות. וועמען כ׳האָב יאָ געהאָלפן און וועמען כ׳האָב געטריבן... ביז איינמאָל איז צו מיר געקומען מיין שוועסטער, אַן אַלמנה, א מאַמע פון א געליימטער טאָכטער און זיך צעוויינט: „סעיד, קענסט דאָך מיין געליימטע ברוריה. אירע לאָמע פיס וועלן מיך טרייבן אין דר׳ערד אריין. און אַז כ׳וועל זיין אין קבר, אויף וועמען לאָז איך זי איבער? סעיד ברודער, א קאָרדאָוואָר שערער וועט זי נעמען פאַר א ווייב, אויב ס׳וועלן זיין מזומנים. סעיד ברודער, טו העלפן דיין אייגן בלוט און פלייש. לאָמיר אויסלייזן די קאַליקע ס׳איז מער ווי פדיון שבויים״... איך האָב דעמאָלט קיין אייגענע מאה מזומנים נישט געהאַט. אַלץ איז געווען פאַרשטעקט אין מסחר, אין טעפּיכער, אין גאָבעלינען. כ׳האָב אויסגעהערט דאָס געוויין פון מיין שוועסטער און דאָס האַרץ מיינס, האָט געפּלאַטערט צווישן רחמנות צו איר און התחייבות צו יוכבדן. יעדן טאָג האָט די שוועסטער געוויינט און יעדן טאָג האָט מיין האַרץ געשניטן, וואָס כ׳קען נישט העלפן, ביז איין טאָג איז דאָס אויג געפאַלן אויף יוכבד׳ס באַהאַלט־ענעם זעקל מיט מטבעות און כ׳בין נכשל געוואָרן... כ׳האָב זיך איינגערעדט, כ׳וועל עס אויסבאָרגן... און די חתונה איז געווען בצנעא און בשתיקה, נישט אויפצורייצן פרעמדע מיילער און צינגער. און צוויי טעג נאָכדעם ווי די שמחה איז פאַרביי, איז יוכבד געקומען אָפּנעמען איר פקדון... איך האָב נישט געהאַט צו געבן. איך זאָג עס מיט אמונה און מיט א שבועה. איך האָב נישט דעם פקדון אָפּצוגעבן. איך קען אים אָבער האָבן, א פאָר יאָר שפּעטער. כ׳בין חיב! אָבער די מצוה פון הכנסת כלה דאַרף פאַר מיר א זכות זיין. אויב כ׳האָב געטון א פאַרברעכן, האָט מיך דאָס רחמנות צו דעם פאַרברעכן געטריבן, ווייל כ׳האָב געהאָלפן מזווג זיין אַן אָרעמע ישראַלישע יתומה, א בעלת־מום...

אַז סעיד פאַרווילי האָט אויפגעהערט ריידן, האָבן ביידע חכמים זיך אויפגעהויבן פון זייערע ערטער — א צייכן, אַז דער פאַרהער איז געענדיגט און מען דאַרף ארויספירן די צדדים. דער שלוש האָט

באַטראַכט דעם טעפּיך הענדלער מיט אַן אָפּען מויל. ער האָט באַטראַכט יוכבדן מיט אירע באַגלייטער, וואָס זענען געזעסן צעטומלטע און ער האָט אויסגערופן:

— אָנגעקלאָגטער און אָנקלעגער! גייט אריין אין צווייטן חדר, דער בית־דין דאַרף זיך באַראַטן.

ברכיהו דער שמש האָט פאַרויס געאײַלט און געעפנט די טיר פון׳ם זייטיגן חדר. ווען אַלע פיר פאַרשוינען זענען געווען אויף יענער זייט וואַנט, האָט דער שפּאַניאָלער חכם גערעדט צום טיש:

— דער אָנגעקלאָגטער איז טאַקע חיב, דער צוגענומענער פּקדון איז א גזלה, אָבער דער באַשולדיגטער האָט א זכות.

— וואָס מיינסטו, שפּאַניאָלער חכם? — האָט ר׳ עמנואל ביי געפרעגט — מיינסט, מען קען מכפּר זיין אַזאַ חטא? מיינסט, די אלמנה האָט נישט געליטן קיין באַטרוג?

— דאָס יאָ! אָבער דער אָנגעקלאָגטער איז זיך מתחייב דעם באַטרוג גוט צו מאַכן. ער איז גרייט צו נעמען א שטראָף.

— כ׳זע נישט איין קיין מילדקייט פאַרן אָנגעקלאָגטן — האָט דער שלוש זיך אָנגערופן.

דער שפּאַניאָלער חכם, ר׳ יצחק שאַלתיאל, האָט באַטראַכט זיינע נעגל, ווי בשעת הבדלה און געטענה׳עט.

— שוין בלויז דערפאַר, וואָס ער האָט געטון די מצוה פון הכנסת כלה, קומט אים א מילדער פּסק. איין מצוה איז שקול אקעגן צען עבירות!

— ביזט א מקיל, שפּאַניאָלער חכם! — האָט ר׳ עמנואל ביי זיך געוואָלט אויפשטעלן.

— און דו ווילסט זיין א מחמיר? — האָט ר׳ יצחק שאַלתיאל זיך אויך א הויב געטון פון׳ם זיץ־אָרט — מיר זיצן דאָ אָפּצוווישן סכסוכים און נישט אָנצוהאַלטן א שטרייט צווישן ישראלים...

— אָבער איך האַלט פון דין. און ביי מיר איז דער אָנגעקלאָגטער אַן עושק־אַלמנות.

— בשעת הדחק איז דער ישראַלישער דין ווי אַ דראָט, וואָס מען קען בייגן און קנייטשן...

דער שלוש איז געזעסן צווישן ביידע חכמים, נישט ווי צווישן דיינים, שופטים, וואָס דאַרפן משפּטן, נאָר ווי צווישן אָנגעקלאָגטע. דער שפּאַניאָלער חכם האָט גענומען אין האַנט אַריין די גענזענע פּעדער. ער האָט אויסגעציקלט איבער אַ בויגן פּאַסיקלעך און פיגורן. דער מאַראָקאַנער חכם האָט אַ צערודערטער זיך מפלפל געווען, יעדעס מאָל געזוכט הינטער די פּלייצעס דעם שמש און שטום געמאָנט ביי אים אַן עצה.

דער שפּאַניאָלער חכם האָט זיך אויפגעשטעלט. ער איז אַפּער פון הינטערן בית־דין טיש, אַ הויכער, אַ ברייטער. ער האָט גענומען שפּרייזן און פון זיינע פּולע ליפּן האָבן זיך געקייקלט ווערטער איבער די אויערן פונ׳ם מאַראָקאַנער חכם, פון שמש און פון שלוש:

— פון די אַרויסגעזאָגטע רייד איז באַוויזן געוואָרן, אַז דער אָנגעקלאָגטער איז אינגאַנצן חיב און די אָנקלעגערין איז זכאי, אמת, בית־דין?

— אמת, שפּאַניאָלער חכם! — האָבן ביידע, אי דער מאַראָקאַנער חכם, אי דער שלוש אונטערגעכאַפּט.

— און דערפאַר דאַרף דער אָנגעקלאָגטער קריגן זיין שטראָף, אמת, בית־דין?

— אמת, שפּאַניאָלער חכם!

— אָבער אַזוי ווי ביידע צדדים זענען ישראלים, הגם פון פאַרשידענע עדה׳ס, דאַרף די שטראָף זיין אַזאַ, אַז ס׳זאָל אָפּגעווישט ווערן די שנאת־חנם און שנאת־דמים צווישן די צדדים. און אום אַרויסצוברענגען אַזאַ פּסק, דאַרף דער אָנגעקלאָגטער ווערן אַ שותף צום בעל־זכות, און די אָנקלעגערין — אַ שותף צום בעל־חוב.

דער שלוש האָט געגאַפּט. דער מאַראָקאַנער חכם האָט פון חידוש גענומען אויסוויקלען די רעכטע פּאה.

ר׳ יצחק שאַלתיאל האָט ווייטער גערעדט:

— כ׳וועל נעמען אויף זיך דעם כח־הרשאה און כ׳וועל אויס־

שרייבן אויף א בויגן דעם פּסק. און אַז דער שלוש וועט זיין אויף מיין זייט דער מכריע, וועל איך זיין דער פּוסק. אויב נישט, וועט דער מאַראָקאַנער חכם זיין דער פּוסק.

ר׳ יצחק שאַלתיאל האָט זיך צוריק געזעצט צום טיש. ער האָט א נעם געטון די גענזענע פעדער. ער האָט זיך צוגערוקט דעם בויגן פּאַפּיר און גענומען שרייבן. און בשעת ער האָט געשריבן, האָבן ביידע, אי דער שלוש, אי ר׳ עמנואל ביי נאָכגעפאָלגט יעדן קריץ פון דער פען, ווי מען טוט נאָכפאָלגן א פרעמדן טריט.

ר׳ עמנואל ביי, וואָס האָט געמאָנט א הארבן עונש, האָט זיך אַלץ מפלפל געווען מיט זיך אליין. דער שלוש האָט פאַרקייטלט די פינגער פון ביידע הענט, אין א געפלעכט און זיי אָנגעשפּאַרט אויפן גרינעם טוך.

ר׳ שאַלתיאל האָט פאַרענדיגט די לעצטע שורה. שטומערהייט, ס׳זאָל נישט געהערט ווערן פון יענער זייט וואַנט, האָט ער דעם פּסק איבערגעגעבן דעם שלוש, דורכצולייענען בלחש.

דער שלוש האָט געפירט מיט די אויגן איבערן כתב און ס׳איז קענטיג געווען, אַז פון גרויס חידוש, האָט א בינטל קאַרבן זיך אוועק־געשטעלט אין דער מיט שטערן. צו זיין זיכער, אַז דער חכם גיט די פולע הסכמה אויף זיין אייגענער שריפט, האָט ער ווידעראַמאָל ארויף־געשיקט צו אים זיין בליק. ס׳האָט געהייסן, ער פרעגט אָן. דער חכם האָט געענטפערט מיט א קאָפּ־שאָקל. דעמאָלט האָט דער שלוש א רוק געטון דעם כתב צום מאַראָקאַנער חכם.

דער מאַראָקאַנער חכם האָט נישט דערלייענט ביז דער לעצטער שורה און אוועקגעשטופּט פון זיך דעם בויגן. יעדע תנועה, יעדער אַקסל־צוק האָט אויסגעגעבן, אַז ער איז קעגן דעם פּסק. מיט ראיות האָט ער אויפגעוויזן, אַז דער פּסק איז קיין עונש נישט. דערצו האָט ער געדאַרפט צונויפרופן א בית־דין, נאָר צו זוכן שלום על ישראל? מיט רייד אויף די ליפּן, מיט העוויות אויף די גערונצלטע באַקן, האָט ער געוואָלט אריבערגעווינען דעם שלוש אויף זיין זייט. דער שלוש איז אָבער געשטאַנען מיטן שפּאַניאָלער. א דערשלאָגענער, מיט צוריק־

געצווינגענע הענט האָט דער מאַראָקאַנער חכם געגעבן זיין הסכמה.

דער שמש האָט אריינגערופן די צדדים.

דער צד פון דער אָנקלעגערין האָט זיך אויסגעשטעלט אין איין זייט, דער אָנגעקלאָגטער האָט זיך געשטעלט אין דער צווייטער זייט. און דער שלוש, אין דער פאָזע פון א מסדר־קידושין האָט ארויסגע־לייענט דעם פסק:

— דער בית־דין האָט אויסגעפינען, אַז דער אָנגעקלאָגטער סעיד פאַרווילי, דער אַלמן איז חיב און די אָנקלעגערין יוכבד די אַלמנה איז רשאי אָפּצונעמען איר פקדון. און אַזוי ווי דער אָנגעקלאָגטער איז צוליב דער גרויסער מצוה פון הכנסת־כלה, וואָס ער האָט געטון — נישט אימשטאַנד אומצוקערן דעם חוב צו דער אָנקלעגערין במזומנים. און אַזוי ווי די טענות און מענות פוןביידע צדדים דאַרפן תיכף אָפּגעווישט ווערן — דעריבער איז דער בית־דין פוסק, אַז דער אָנ־געקלאָגטער זאָל נעמען אויף זיך די זכויות פון דער אָנקלעגערין און די אָנקלעגערין זאָל נעמען אויף זיך די חובות פונ'ם אָנגעקלאָגטן — דעריבער איז דער בית־דין פוסק, אַז סעיד פאַרווילי זאָל נעמען פאַר א ווייב יוכבד מויאַל'ן און יוכבד מויאַל זאָל נעמען פאַר א מאַן סעיד פאַרווילין. כן יהי רצון!

ווי דער שלוש האָט ארויסגעלייגט דעם בויגן פון האַנט, איז סעיד פאַרווילי מער נישט געשטאַנען פאַרן בית־דין־טיש. ער האָט זיך געררוקט פון די רבנים, ווי פון א געפאַר. יוכבד האָט זיך א וואַקל געטון. איר צד, זאַהאַראַ און נסים האָבן איר אָנגענומען פאַר ביידע הענט און ווי אונטערפירערס, זי געגומען שטופּן צום בית־דין־טיש. און איידער סעיד האָט געהאַט צייט נאָכצוקלערן, צי דער ארויסגעגעבענער פסק איז א גזר צי בלויז א רצון, האָט יוכבד א צעטומלטע זיך געלאָזט פירן אים אַנטקעגן.

די וואָרזאַגערין

אין א הייסן מאַרק־טאָג האָט מזרחי, א ירושלימער פּרוכטן־הענדלער, זיך ארויסגעלאָזט צום טויער פון שכם איינקויפן נייע שלעפּ־אייזלען. ער איז אָנגעקומען מיט געדרייטע טרעפּ, וואָס האָבן געפירט פון דער אַלטשטאָט.

די אייזל־סוחרים, באוואקסענע אראבער, זענען געזעסן אין טונקעלען אריינפאָר פון טויער, אויף זעק מיט קלייען און אויסגעקוקט שטאָט־קונים. איינגעהילט אין זייערע ווייסע האַלז־טיכער, צו זיין געשיצט פון דער חמימה, האָבן טייל זיך דערציילט נסים פון באַגדאַד און דמשק. טייל האָבן בארעדט די פאַרבייפאָרנדיגע פעלאַכן.

מזרחי, א מאַנסביל פון מאָס און וואָג, איז האַסטיג אריין צווישן די בערדיגע אייזל־סוחרים. ער האָט איבערגעריסן זייער היציגן שמועס מיט אַן אויסגעשריי:

— סאַלום אַלייקום! 1) הענדלערס!

— אַלייקום! אַלייקום! 2) — האָבן א מנין אראבער זיך אויפגעכאַפּט פון די ערטער און מיט א געפילדער אים אַקעגן געלאָפן.

— כ׳וויל קויפן אַ פּאָר אייזלען!

— מיט פאַרגעניגן! — האָט דער ערשטער, א הויכער בעדויאינער, מיט א קראַנץ־באָרד ארום דעם טונקעלן צעבאַקענעם פּנים, זיך ארויסגערוקט — קיין ציגן וועסטו סיי ווי ביי מיר נישט געפונען. וואָס זוכסטו? שווערע שלעפּ־אייזלען אָדער לייכטע רייט־חיות?

— כ׳דאַרף די אייזלען אויף אָנצולאָדענען פּרוכטן.

— זיי קענען אפילו שלעפּן ים־פעלזן און גראַניט־שטיינער. עסן

---

1) פרידן אויף אייך!

2) אויף אייך! אויף אייך!

מאַנען זיי אזוי ווייניג, ווי די קעמלען און אַרבעטסזאַם זענען זיי, ווי די בינען...

דער בעדואינער האָט צוגעפירט מזרחי׳ן צו א שטיינערנער מויער, ווו עס זענען געווען צעשטעלט שורות אייזלען פון פאַרשיידענע קאָלירן. ברוינע, ווייס־געפלעקטע, רויט־הויטיגע. דערנעבן איז געלעגן געשפאַן, רימענס און זאָטלען מיט פאַטשערקעס. פאַרביישפּרייזנדיק האָט ער געגלעט די פעל פון די רוקענס, געפאַטשט די הינטנס, די העלזער, געלויבט זיין סחורה. די איבעריקע הענדלערס האָבן אים נאָכגעקוקט מיט קנאה. מזרחי האָט אויסגעטאַפּט די אייזלען ביי די באַקעס, ביי די בייכער און מיט א מינע וואָס מאַכט צונישט זייער ווערט, האָט ער אָפּגעפּסקענט:

— מאָגערע באַשעפענישן.

דער אייזל־סוחר, וואָס האָט נישט געלאָזט פאַרמינערן זיין סחורה, האָט אָנגעכאַפּט דעם קונה פאַר אַן אָרעם. מיט פייערלעך אין די גליענדיקע אויגן, מיט היציקע רייד האָט ער אריינגעטענה׳ט:

— זוכסט ביי די אייזלען אייטערס? זוכסט פעטס? וועסט נישט געפינען. פעטע אייזלען זענען פונקט ווי פעטע פעלאַכן. זיי טויגן נישט צו דער אַרבעט. זעסט, אָט דעם רויטן, דעם ביינערדיקן? ביים לעבן פון אַללאַ! ער איז געבוירן געוואָרן אין הר־טוב באַלד נאָך דער לויה פון דעם מועדזין... דער מוכטאַר פון דאָרף איז אויף אים געריטן גאַנצע דריי יאָר... און ווען א פייער האָט אויסגעבראָכן אין די שייערן, האָט ער זיך אליין געראַטעוועט... ער איז אָפּגעלאָפן צוועלף מייל ביז דער שטאָט אוץ — — —

מזרחי, געניט אין די אַראַבישע גוזמאות, האָט נאָכאַמאָל א וויש געטאָן די רוקן־פעל פונעם רויטן אייזל, ווי ער וואָלט אראָפּגעשאָטן די שבחים, וואָס דער בעדואינער האָט דאָרט אָנגעלייגט. ער האָט ארויסגעשלעפּט פון א הינטער־קעשענע א רויטן בייטל מיט קלינגערס און געפרעגט:

— וואָס איז דער פּרייז?

— פינף פונט עפענדי 3).

— פאַר דעם געלט קריג איך א רייט־פערד.

— גענאַרסט זיך, עפענדי. דאָס איז א מציאה. אזוינס זעסטו נישט אפילו אין ביירוט. דער ריכטיגער פרייז איז אכט פונט. כ׳לאָז אַרונטער, ווייל כ׳קען נישט בלייבן אין שטאָט ביז זון־אונטערגאַנג. כ׳בין פון ליפטא און כ׳דאַרף צוריקפאָרן אין דאָרף מיטן ערשטן פּדיון — — —

ווי דער בעדואינער האָט געהאַלטן אין איין בוקן און בויגן זיך פאַר מזרחי׳ן, האָבן מיט אַמאָל זיך דערטראָגן קולות.

די קולות זענען געוואָרן העכער, שרייענדיגער, גלייך ווי אַנגעלאָפענע מאַרק־הענדלער וואָלטן זיך געשלאָגן. מזרחי האָט זיך אויסגעדרייט. קעגנאיבער, פאַר אַן אַראַבישער טרונק־שטוב האָט אַן אָנלויף זיך געשטויסן און געליאַרעמט. מזרחי האָט געלאָזט הינטער זיך דעם אייזל־הענדלער, וואָס איז געבליבן שטיין מיט אויפגעריסענע טונקעלע ליפן און געפלאַמט מיט שעלט־ווערטער. מיט א פאָר שפּרייז איז ער שוין געווען צווישן דעם אָנלויף. ער האָט זיך געמאַכט א וועג דורך די קאָפּ־טיכער, רויטע פעסקעס און אַבאַיעס. פאַר דער שוועל פון דער טרונק־שטוב האָט געקניט א ברוין־הויטיג מיידל, אויף אירע דינע, באָרוועסע פיס. נעבן איר איז געשטאַנען א ברייטער יונג מיט שיקעלדיקע אויגן, אָנגעטאָן אין א פאָר פאַרביקע רייטער־הויזן, אויפן קאָפּ א סאַמעטענעם קאַפּל. דער יונג האָט געהאַלטן אין האַנט א רימען. אָנווייזנדיק אויף דער טיר, האָט ער באַפוילן:

— גיי אַריין!

— כ׳וועל נישט אַריינגיין. כ׳וועל נישט טאַנצן פאַר די מאַכמעדאַנער! — האָט ס׳מיידל געשריען.

— וועסט נישט טאַנצן? צנועה! דיין מאַמע האָט געוואַשן די פיס ביי די מאַכמעדאַנער, ווען זי איז באַשטאַנען אויף זייערע מטבעות.

3) פּריצ׳ל.

נו הויב אַ פוס, דו באָרוועסע! און אַז דו וועסט נישט טאַנצן פאַר די מאַכמעדאַנער, וועסטו טאַנצן פאַר דער בייטש!

— זי דאַרף נישט טאַנצן! — האָט אַ שמאָל־געוויקסיקער תימנ׳ער, אַ צעקאַכטער, זיך ארויסגערוקט פונ׳ם הייפל.

— און זי וועט נישט טאַנצן! — האָט אַ צווייטער זיך איינגעשטעלט.

— כ׳וועל זי נישט לאָזן אריינגיין! — האָט אַן עלטערער ספרדי זיך געקלאַפּט אין הארצען אריין — יהודים, פאַרוואָס דערלאָזט איר אַזאַ שאַנדע? פאַר אייערע אויגן טוט מען עס! מען טרייבט אַ יידישע בתולה אין אַ זנות־הויז!

פון אַלע זייטן האָבן זיך געטראָגן שטימען:

— ווער איז ער? איר ברודער?

— אַן אייגענער?

— ס׳איז דאָך מוסאַ דער משרת!

דער שיקעלדיקער מוסאַ האָט זיך נישט איינגעקוקט אין דעם הייפל מארק־שטייערס, וואָס האָבן פּראָטעסטירט און געליאַרעמט. זעענדיק, אַז עס איז נישטאָ קיין געפאַר אין זייערע דראָאונגען, האָט ער האַסטיג אַ הויב געטון דעם רימען, גרייט ווידעראַמאָל עס אַראָפּצולאָזן איבערן מיידלס קערפּער. מזרחי האָט מיט גבורה זיך אַ וואָרף געטון אויף דעם שלעגער. ער האָט ארויסגעשליידערט זיין בייטש. ער האָט אים פאַרדרייט די הענט אויף אַ הינטער און אים געשפּריצט אין פּנים אריין:

— וועסט שלאָגן? דו חמור איינער, וועסט שלאָגן אַ מיידל?

דער שמאָל־געוויקסיקער תימנער האָט גענומען העצן:

— גוט, דערלאַנג אים איבערן קאָפּ!

— איבער די בלינדע אויגן! — האָט אַ צווייטער צוגעגעבן.

— צייל אריין, דעם משרת!

— אַזוי! אחת ואחת!

מוסאַ האָט אָנמעכטיק זיך צוריקגעצויגן. ער האָט געוואָלט זיך באַפרייען פון מזרחי׳ס קלעפּ און איז אריין אין דער טרונק־שטוב.

באַלד האָט אין פראָנט פון דער טיר זיך באַוויזן דער באַלעבאַס, אַ פעטער אַראַבער, מיט אַ קאַן טערקישע קאַווע אין האַנט. ער האָט זיך געגאָרגלט און זיך געבייזערט. געוואָרנט און געטריבן דעם אָנלויף פון זיין שוועל.

איידער מזרחי האָט זיך גוט אַרומגעקוקט, איז דאָס מיידל שוין געווען פאַרשווּנדן. ער האָט זי געזוכט אַרום דער טרונק־שטוב און הינטער די צעשטעלטע בוידן. זי איז אין ערגעץ נישט געווען. און ווען ער האָט שוין געוואָלט צוריקגיין צו די אייזל־סוחרים, האָט זיך אונטערגערוקט אַ האַריקער פאַרשוין אין אַ געלען כאַלאַט, מיט אַ שקאַרמיץ אויפן קאָפּ. דער פאַרשוין האָט אָנגעשטעלט אויף מזרחין אַ בעטלער־פּנים.

— כ׳זע, דו זוכסט דאָס מיידל? דאַרפסט נישט ווייט גיין. און אייזלען ווילסטו אויך קויפן, יאָ? קענסט ביידע זאַכן מאַכן מיט איין וועג...

— וואָס מיינסטו? — האָט מזרחי מיט פאַרדאַכט באַטראַכט דעם פאַרשוין.

— כ׳מיין, זאָלסט נישט צוריקגיין צום אַראַבישן אייזל־הענדלער. קויף נישט ביי אים קיין מציאות! זיינס אַ פּגירה קען זיין געשלאָגן אויף די אויגן! זי קען נאָך האָבן אַ פוילעכץ אין די ציין... קענסט נישט די ליפּטאַ׳ער אַראַבער? קענסט נישט די גנבים?

— וואָס ווילסטו?

— כ׳וויל די פּאָר פונט זאָלן אַריינפאַלן אין יידישע הענט. וועסט דערמיט טאָן אַ טובה דער מיידל... אָט דאָ אַקעגן, ביי די פעלזן שטייט איר ברודער, אַ מאַראָקאַנער. ס׳ווייב גייט דעם צווייטן טאָג צו קינד און אין שטוב איז נישטאָ קיין גרוש. גייט ער פאַרקויפן די פּרדה, זיין שפּייזער... וואָס זאָגסטו?

— קום!

מזרחי איז נאָכגעגאַנגען דעם האַריקן פאַרשוין ביז צו אַ קופּע פעלזן. אַ הויכער, דאַרער מאַן מיט אַ לאַנגן קעמל־האַלז האָט גע־האַלטן פאַרן צוים אַ צעוואַקסענעם מויל־אייזל. אויף דעם מויל־אייזל

איז רייטענדיק געזעסן דאָס ברוין־הויטיקע מיידל אין אַ פּאָר שמאָלע רויטע הויזן ביז צו די קנעכלעך. דער אויבערשטער טייל קערפּער איז געווען איינגעהילט אין אַ דינער צעפלינגלטער אבאַיע. נישט נאָך די קליידער האָט מזרחי זי דערקענט, נאָר אין די אויגן. אויגן אָנגעלאָדן מיט פייערלעך, מיט שרפות — זענען געפאַלן אויף מזרחי׳ן. זי איז אַראָפּגעשפּרונגען פון איר רייט־זיץ. די געדיכטע צעפּלעך האָר זענען איצט געווען פאַרפּלאָכטן מיט טאַשמעס און אויף די אָפּגעדעקטע טונקעלע הענט, האָט זי געטראָגן קופּערנע בראַסלעטן, ווי קייטן.

דער הויכער מאַן האָט אָפּגעלאָזט דעם צוים. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן צוגעקומענעם קונה און אַן אונטערטעניקער אים אקעגן געגאַנגען:

— דאָס איז מיין שוועסטער, טאַהירע, זי איז אַ וואָרזאָגערין.

טאַהירע האָט געמאַכט אַ שריט פאָרויס. איר דינע, שטייפע פיגור האָט זיך אונטערגעוויגט. מזרחי האָבנדיג אויף זיך איר הייסן בליק, האָט דערשפּירט אַ ברי אין די אָדערן. זי האָט זיך צעלאַכט. מיטן חוש פון אַ מאַרק־הענדלער, וואָס דערשנאַפּט אַ קויפער, האָט זי געשיקט אָפּגעבונדען פון אַן אָרעם אַ ליימענעם טעלער מיט גלעקלעך און עס אונטערגעטראָגן מזרחי׳ן.

— יאָ, יאָ, אַ וואָרזאָגערין. כ׳קען אַראָפּלייענען פון די האַנט־אָדערן, כ׳קען אַראָפּטייטשן פון די שטערן־קאַרבן. כ׳וויס צו דערציילן וואָר־זאַכן פון קאַזבאַ און אַלזשיר... אָבער פריער מוזן פאַלן אין טעלער אריין אַזויפיל געלעכערטע מטבעות, כ׳זאָל קענען אָנציען אַ נייעם אָרעם־באַנד אויף מיין האַנט.

מזרחי האָט ארויסגעכאַפּט צוויי געלעכערטע גרושים און זיי אַ וואָרף געטון אין טעלער אריין. ער איז אַזוי פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער וואָרזאָגערין, אַז ס׳איז אים אינגאַנצן פון קאָפּ ארויס, דאָס ער איז געקומען איינהאַנדלען אייזלען. און ווען האָט זי באַוויזן זיך איבערצוטאָן? אַזוינע קליידער טראָגן דאָך טאַקע טענצערינס אין די מאַכמעדאַנישע טרונק־שטובן!

ער האָט אויסגעשטרעקט א האַנט־פּלאַך מיט אָדערן און געזאָגט:
— לייען אַראָפּ!
טאַהירע האָט לאַכענדיק אים א שלעפּ געטון.
— צוערשט קום אין באַזאַר. די מאַרק־הענדלערס וואַרטן אויף מיר. ס'וועלן פאַלן נאָך מטבעות. כ'וועל פאַר זיי זאָגן נביאות...
זי האָט זיך ארויפגעזעצט אויפן מויל־אייזל און איז לאַנגזאַם אַפּגעריטן. מזרחי איז נאָכגעגאַנגען.
איר ברודער, דער הענדלער, האָט א צעי־אַכמערטער נאָכגעשריגן:
— טאַהירע, וואָס פאַר א מסחר טרייבסטו? לאָז שטיין די פּרדה, טאַהירע! דו פאַרטרייבסט מיר דעם קונה!
נישט טאַהירע, נישט מזרחי האָבן זיך אומגעדרייט. זיי זענען אריין אין א שמאָלן ליק. און וואָס טיפער זיי זענען אריינגעקראָכן אין דעם ליק, אַלץ דייטלעכער האָבן זיך ארויסגערוקט די ענגע באַזאַר־געסלעך, אָנגעפּראָפּטע מיט טונקעלע קראָמען און פאַרהאָנגענע בוידן. א הייפל ספרדישע אַנטיקן — הענדלערס, וואָס זענען געשטאַנען ליידיק פאַר די שוועלן פון זייערע קראָמען, האָבן דערזען אָנרייטן די וואַרזאָגערין. זיי האָבן איר באַגריסט מיט א האַנט־פּאָכעריי.
— טאַהירע, א פּאָר וואַרעמע שפּרוכן!
— א בענטש־וואָרט פאַר אונזער לייזונג!
דאָס האַנט־פּאָכן פון די הענדלערס און זייערע באַגריסונגען האָבן די וואַרזאָגערין צעוואַרעמט. זי איז אַראָפּ פון אייזל. א ווײַלע האָט זי געוואַרט ביז דאָס געבינטל ווערט גרעסער. פון א אָפענער טרונק־שטוב האָבן זיך געקליבן א פּאָר ווערפל־שפּילערס. עטלעכע נאַרגילע־רויכערערס מיט די גומענע שלויכן אין די מיילער, האָבן זיך ארויסגעשאַרט. טרעגער־יונגען זענען אָנגעקומען. אַלע האָבן זיך אויסגעזעצט אין א האַלב־ראָד, גרייט זיך צוצוהערן צו טאַהירעס נביאות. אינ'ם הייסן, פוילן נאָכמיטאָג האָט אויף זיי געוואַרט א שעה פון „מאַסהאַרא" 4).

4) שפּאַסיקער צייט־פאַרטרייב.

טאַהירע מיט געלעכטער אין די אויגן, האָט אַראָפּגעוואָרפן די קורץ־געפליגלטע אַבאַיע. אירע ברוינע, שטייפע אַקסלען זענען געבליבן אָפּגעדעקט. זי האָט ארויסגעשטעלט דעם ליימענעם טעלער.

— כ׳וועל אייך דערציילן די מעשה פון דער בתולה פון אַלזשיר...

נישט אַלע האָבן זיך געכאַפּט צו די בייטלען, וואָס זענען געהאָנגען אויף די בויך־בענדער, ווי מען וואָלט מורא געהאַט איר צו געטרויען אין פּאָרויס. בלויז דאָ און דאָרט, האָט אַ הענדלער אַ וואָרף געטון אַ ניקעלנע מטבע. מזרחי האָט ווידעראַמאָל איר אַריינגעשאָטן אַ האַנט מיט קליינגעלט.

טאַהירע איז אַריין אינמיטן האַלב־ראָד. פון אַ רויטן גאַרטל האָט זי האַסטיק אָפּגעקניפּט אַ ווייסן קאָפּ־טוך, באַנייט מיט רויטע פעדים און געציקלטע שריפט. זי האָט אַנידערגעקניט, דערנאָך, פאַרזיכטיק גענומען אויפוויקלען דעם קאָפּ־טוך, ווי מען וויקלט אויף אַ זעקל מיט איידלשטיינער, און אָנגעהויבן:

— — — דאָ שפּרייט איך אויס דעם קאָפּ־טוך. גראָבט איין די אויגן און קוקט: די ווייסע פלעקן, דאָס איז דער מדבר אין מאַראָקאָ, די פעדים זענען די וועגן און די שריפט — דאָס זענען די בערג און די שטעט — — — דורך אַ ווייסן וועג טראָגט זיך אַ רייטער אויף אַ פליגל־פערד. ווער איז דער רייטער? דאָס איז אַ שליח פונ׳ם סולטאַן, פון דער שטאָט פעז. וווהין איילט דער רייטער? ער יאָגט זיך נאָך אַלזשיר, נאָך דער שטאָט פון ליכט און פון מוסולמענישע טעכטער... דער רייטער טראָגט אויפן בויך־באַנד אַ גאָלדענע מגילה און אויף די ליפּן אַ באַפעל, אויפצוזוכן אַ שיינע בתולה, וואָס זאָל ווערן אַ נייע הארעם־ווייב פאַרן סולטאַן אין פעז...

און די שטאָט פעז איז פריילעך. פון די מוסולמענישע הויפן לאָזן זיך ארויס טעכטער, געצירט אין פורפור און אין זייד. אַלע שפּאַרן זיך צום פּאַלאַץ, וו דעם סולטאַנ׳ס שליח זיצט אויף אַ טראָן און קלייבט איבער, ווי פּערל אויף אַ שנור, איין טאָכטער נאָך דער אַנדערער. די מוסולמענישע מוידן טראָגן זיך פאַרביי דעם פּאַלאַץ, ווי אַמאָל, די טעכטער פון שושן פאַרן קעניג אחשורוש. און פון אַלע

אַלזשירער טעכטער האָט זיך נישט געפינען קיין איינע, וואָס זאָל זיין גוט פאַרן אויג פון שליח — — —

הויבט זיך אויף דער שליח אויף זיין פערד און ער רייט אריין אין די יידישע הויפן. קומט ארויס אַן אָרעמע טאָכטער מיט א וואסער־קרוג אויפן קאָפּ. פון הינטערן שלייער קוקט אפער א תכלת־פּנים און די אויגן לויכטן, ווי פייערדיקע מזלות.

דער רייטער פאַרשפּאַרט איר דעם וועג:

— ווי הייסטו, פערל פון אַלזשיר?

— כ׳הייס פאַטימאַ און כ׳בין דעם לאָגל־טרעגער׳ס טאָכטער.

— אזוי אזוינע ווי דו, ווארט דאָך דער סולטאַן אין פעז! ס׳ווארט דער הארעם און ס׳ווארטן די יעוונוכן!

— איך בין א ישראלישע און דער סולטאַן — א מוסולמענער. טאָ ווי אזוי וועל איך גיין צו אים?

— כ׳וועל דיך זעצן אויף מיין פערד. מיר וועלן זיך לאָזן איבער וועגן און דעם נביא׳ס חסדים וועלן אונז באַגלייטן!

— כ׳וועל נישט גיין ביז צום טויער פון פּאַלאַץ.

— אויב דאָס זיץ־אָרט אויפן פערד איז הארט, וועל איך הייסן באַדעקן א רייט־קעמל מיט א חופּה־בעט און מיט א ווייכן געוואַנט.

— כ׳וועל נישט פאַרלאָזן מיין פאָטער׳ס הויף.

— אַן עלעפאַנטביין־געלעגער פאַר דיין גוף און קרוינען מיט צירונג פאַר דיין קאָפּ, טאָכטער פון אַלזשיר!

און דער שליח ווארפט פאַר פאַטימאַס פיס שפּרוכן, ווי גאָלדענע דייפּלעך. און זי קלייבט זיי נישט צונויף. זי אַנטלויפט מיט דעם וואַסער־קרוג צום פאָטער׳ס הויז. דער רייטער — נאָך איר. ער ציט ארויס פון זיין אַרבל געהיימע אוצרות, טייערע געשאַנקן, אין גאָלד און אין שטיין און וויל זיי אויסטיילן דעם פאָטער, א פּרייז — פאַטימאַ זאָל ווערן דעם סולטאַנ׳ס קעבס־ווייב. אָבער דער אָרעמער לאָגל־טרעגער טרייבט אים, ווי א בייזן בשורה־אָנזאָגער... דעמאָלט ציט דער שליח ארויס זיין שווערד און טוט שווערן: „ביי דער שווערד און ביי דער האַלבער לבנה! אויב וועסט נישט אוועקגעבן דיין טאָכטער

א לעבעדיקע, וועסטו זי אָפּנעמען א טויטע". און ער רייט צוריק אוועק צו דער שטאָט פעז,צום סולטאַן.

אויפן דריטן טאָג קומט דער שליח צוריק, ער רייט אין דער שפּיץ פון א האָרדע בעדואינער אויף פלינקע מדבר־פערד. זיי יאָגן זיך צום הויז פונ'ם לאָגל־טרעגער. זיי לויערן הינטערן ברונים, ווו פאַטימאַ קומט אָנשעפּן דעם וואַסער־קרוג. און אַז פאַטימאַ באַווייזט זיך — באַפאַלן איר די רייטער. זיי בינדן איר, לייגן איר אויף א פערד און איילן אין ווייטן וועג — צום סולטאַנס פּאַלאַץ.

און דער וועג צו דער שטאָט פעז איז ווייט. אָבער פאַטימאַ דערגייט נישט ביז צו די טויערן, די רייטער טראָגן זיך פאַרביי א טייך. די כוואַליעס שוימען זיך איבער די ברעגן. פאַטימאַ צערייסט די שטריק. זי וואַרפט זיך אין די טיפענישן —

די וואָרזאָגערין האָט מיטאַמאָל אָפּגעהאַקט. זי האָט א קוק געטון אויף די פאַרגאַפּטע פּנים'ער א רגע, צוויי. באַלד האָט זי האַסטיק א קלימפּער געטון מיט די טעלער־גלעקלעך און א קלינגערייי האָט זיך צעשאָטן איבערן מאַרק־געסל.

זי האָט אויסגעזונגען:

— וואַרפט, ירושלימער לייט, אין דער אָפענער האַנט! וואַרפט אין דעם ליימענעם טעלער! וואַרפט פאַר טאַהירע דער וואָרזאָגערין!

מזרחי, וואָס האָט זיך צוגעהערט צו דער וואָרזאָגערין מיט נישט ווייניקער נייגיריגקייט, ווי דאָס געבינטל ארום, האָט מיטאַמאָל זיך דערמאָנט, אַז געקומען איז ער קויפן אייזלען און דאָ שטייט ער גאָר צווישן מאַרק־הענדלער, לוידיקגייערס. ער האָט זיך שוין געגרייט אָפּצוציען. ס'איז אָבער געגוג געווען, ער זאָל דערהערן דעם קלימפּער פון טאַהירע'ס אָרעם־באַנד, דערזען דעם בויג פון איר אָפּגעדעקטער טאַליע, און ער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט.

טאַהירע האָט אָנגעכאַפּט דעם צוים פונ'ם אייזל און איז צוגעגאַנגען צו מזרחי'ן:

— איצט קום. כ'וועל דיר אראָפּליִיענען פון דער האַנט.

— כ'וועל צוערשט איינהאַנדלען די אייזלען! — האָט מזרחי געזאָגט.

— ווילסט נישט גיין מיט טאַהירען? — האָט די וואָרזאָגערין אים געבריט מיט די אויגן.

— וווהין?

— אין מיין פּאַטערם הויף.

פון מזרחי'ם קאָפּ זענען ארויס די אייזלען, ס'איז ארויס דער פּרוכטן־סקלאַד, וואָס וואַרט אויף אים. ער האָט גענומען נאָכגיין דער פאַרפירערישער טאַהירע. פונקט דעמאָלט איז אָנגעלאָפן דער שיקלדיקער מוסא, א צעקאָכטער. ער האָט זיך אריינגעשטעלט צווישן מזרחי'ן און דעם אייזל. ער האָט אים אָפּגעמאָסטן ווי א ביטערן שונא און אָנגעוויזן אויף טאַהירע'ן:

— מיט איר וועסטו נישט גיין!

מזרחי האָט פון דאָס ניי גענומען באַטראַכטען דעם יונג, וועלענדיק אויסגעפונען וואָס קער ער זיך אָן מיט דער וואָרזאָגערין? מיט א געביילטער פויסט האָט ער געוואָלט אים פאַרפאָרן אין די ציין, איז טאַהירע אים פאַרלאָפן דעם וועג. זי האָט אריינגעשריגן אין מוסא'ן:

— שוין אוועק פון דאַנען, בלינדער מוסא! כהאָב דיר געזאָגט, לויף מיר נישט נאָך אויף די מערק. כ'וועל נישט פירן קיין ליבע מיט דיר!

— וועסט נישט? וועסט נישט פירן קיין ליבע? — האָט מוסא זיך געבלאָזן, בעת זיינע שיקלדיקע אויגן האָבן געגלאָצט ווי מאַטע שטיקער גלאָז — אָבער מיט אים? מיט א הענדלער וועסטו זיך יאָ ליבן? וועסט אים אפילו פירן אין הויף אריין! האָסט דערשנאַפּט א געלט־בייטל ארום זיין בויך!

טאַהירע האָט זיך א ריס געטאָן פון אָרט. איר שיין, ברוין פּנים האָט געפלאַמט, ווען זי האָט געפאָכעט מיט די פויסטן:

— אוועק פון מיר מוסא, כ'וויל דיך נישט זען!

מוסא האָט אָפּגעצויגן אויף צוריק. צי ווייל ער האָט זיך דער־שראָקן פאַר טאַהירע'ס צאָרן, צי ווייל ער האָט מורא געקראָגן, דער פרעמדער זאָל אים טאַקע נישט דערלאַנגען. ער האָט זיך גערוקט הינטערווײַלעכץ און אָנגעהויבן גלאָסן:

— כ'וועל ריידן מיט דיין טאַטן. ער געדענקט ווען כ'האָב דיך געלערנט טאַנצן. ער ווייסט, אַז כ'האָב דיר געוויזן ווי אַראָפּצוליִיענען מזלות פון די שטערן... איצט, ווען דו קענסט שוין פאַרדינען אַ מטבע, דאַרפסטו מיט מיר מיטפאָרן.

טאַהירע האָט זיך צעלאַכט, דערנאָך האָט זי געקוקט אויף מוסא'ן, ווי אויף איינעם, וואָס איז גערירט אויפ'ן מוח, און זי האָט אַ פרעג געטאָן:

— וווּ גייסטו פאָרן?

— נאָך ביירוט. ס'איז אַ פריילעכע שטאָט. ס'וווינען דאָרט אַסאַך פון אונזערע מאַראָקאַנער. כ'וועל עפענען אַ טרונק־שטוב און דו וועסט טאַנצן.

די וואָרזאָגערן האָט אים צוגעוואָרפן גלייך אין פּנים אַריין:

— כ'וועל טאַנצן אויף דיין לויה!

די קללה האָט דעם פאַרשוין אָפּגעטריבן אויף אַ פּאָר שריט. דער־ווייטערנדיק זיך פון טאַהירען, האָט ער זיך געהאַלטן אין איין אומקוקן און וואָרענען:

— ביזט אין מיינע הענט, טאַהירע. דיין טאַטע איז אויך אין מיינע הענט! כ'וועל אָנטאָן שאָדענס! קענסט נישט מוסאַן. כ'קען אָפּסמ'ען די אייזלען, כ'קען אונטערצינדען דעם הויף...

טאַהירע האָט זיך אַרויפגעזעצט אויפן מויל־אייזל. מיט אַ ווינק האָט זי געוויזן דעם באַגלייטער, ער זאָל איר נאָכגיין.

מזרחי האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, פול באַוואָרעניש האָט ער געפרעגט:

— ס'איז דיין חתן?

— כ'האָב נישט קיין חתן.

זי האָט באַמערקט, אַז דער באַגלייטער שטעלט נישט קיין טריט.

אַ באַזאָרגטע, ער זאָל נישט חרטה האָבן אויפן קויף, אויף די אייזלען, האָט זי געפונען פאַר נויטיג אים צו דערציילן מער וועגן מוסאַ׳ן. זי האָט ארויפגעלייגט איר אָפּגעדעקטע האַנט ארום זיין אַקסל, און די פולע, רויטע ליפּן האָבן ארויפגעצויגן אַ שמייכל:

— דאָס איז מוסאַ דער טענצער. ער ארבעט אין אַן אַראַבּיש טרונק־הויז. ער קאָכט דאָרט אויך טערקישע קאַווע און בראָט גע־פעפערטע פלייש... אַז כ׳בין קליין געווען, האָט ער מיך געפירט צו די בעדואינער און געלערענט וואָרזאַגעריי... ער האָט מיר געוויזן ווי אַזוי צו שפּאַנען איבער דראָטן... איצט, ווען כ׳בין אויפגעוואַקסן, וויל ער, כ׳זאָל ווערן פאַר אים אַ טענצערין, אַ פאַרדינערן און אַ מויד צום ליבן...

זי האָט זיך צעלאַכט מיט אַ קליין מויל געשליפענע ציין. און אין דעם געלעכטער איז געווען אַ ווילד אַנצוהערעניש: „אויב שוין יאָ ווערן אַ מויד צום ליבן, איז נישט פאַר מוסאַ׳ן"..

מזרחי האָט אויפגעכאַפּט די פייערלעך אין אירע אויגן. ער האָט אָנגענומען איר האַנט און האָט זי אַ צי געטאָן צו זיך. אַ פאַרזיכטיקע האָט טאַהירע זיך באַפרייט פון זיינע שטאַרקע, קנאָכיקע פינגער.

— ווילסט נישט גיין קויפן די אייזלען?

— צו דעם בין איך דאָך געקומען אין מאַרק אריין! — האָט מזרחי זי געוואָלט אַראָפּזעצן פונ׳ם אייזל.

טאַהירע האָט אים לייכט אָפּגעשטופּט:

— אויב דו האָסט מזומנים, דאַרפסטו קומען מיט מיר אין הויף אריין.

— די אייזלען שטייען אין מאַרק, און קויפן דאַרף מען זיי אין הויף? — האָט מזרחי אַן אָנגעצונדענער, וואָס די וואָרזאָגערן לאָזט זיך ניט אָנרירן, זיך צעשריגן.

טאַהירע האָט זיך צוגעבויגן צו אים און שטיל געפּליסטערט, ווי זי וואָלט אים איינגערוימט אַ געהיימניש.

— דער מאַרק־שטייער איז טאַקע מיין ברודער, אָבער דער באַלעבאָס פון די אייזלען איז מיין פאָטער! ער פּאַשעט די אייזלען.

ער לאָדנט אויף זיי אָן די זעק מיט קאַלך, דאַרף ער ציילן די מזומנים. און אַז ער וועט אָפּנעמען דאָס געלט, ווייסטו, וואָס ער וועט טאָן? ער וועט מיך חתונה מאַכן, ער וועט מיך אַוועקגעבן פאַר אַ ווייב צו אַ רייכן הענדלער...

מזרחי האָט איצט חרטה געהאַט, וואָס ער שלעפּט זיך נאָך דעם אייזל מיט דער רייטערין. די פּליכט, אַז ער דאַרף זיין צוריק אין צייט אין דעם פּרוכטן־סקלאַד, די מורא, אַז ער וועט פאַרשפּעטיקן איינ־צוקויפן די שלעפּ־אייזלען, האָבן אים אויסגעניכטערט, ער האָט זיך צוריקגעדרייט.

— כ׳גיי נישט.

— קום, אָט דאָ נישט ווייט! — האָט טאַהירע אים דערלאַנגט דעם צוים־רימען פון אייזל, ער זאָל גיין פאָרויס — אַ פּאָר הויפן ווייטער פון דער מויער.

אַז זיי זענען פאַרביי די מויער, האָט מזרחי דערזען אויף אַ טרעפּ, זיצנדיק מיט די פיס הינטער זיך, אַן אַלטיטשקען, קרועה בלועה, מיט אַן איינגעפאַלענעם פאַרמעט־פּנים. דער אַלטיטשקער האָט זיך גוט איינגעקוקט אין מזרחי׳ן, ווי ער וואָלט אים דערקענט און אים נאָכגעשיקט אַ שפּרוך:

— גיי נאָך דער רייטערין, גיי נאָך! אָדם איז פאַרטריבן געוואָרן פון גן־עדן, ווייל ס׳האָט אים איבערגערעדט אַ ווייב, אַ ליגנזאָגערין, און דו וועסט פאַרטריבן ווערן פון דיין פאָטערס הויז, ווייל האָסט זיך צוגעהערט צו אַ טענצערין, אַ וואָרזאָגערין — — —

פאַר אַ נידריקן פאַרקאַן זענען זיי געבליבן שטיין.

טאַהירע איז אַראָפּ פון׳ם אייזל און גלאַט געפרעגט:

— ביזט רייך?

— נישט גענוג רייך, אויסצוהאַלטן אַזאַ וואָרזאָגערין ווי דו... — האָט מזרחי געלאַכט.

זי האָט צוגעבונדן דעם אייזל צום פאַרקאַן, דערנאָך האָט זי חוצפּה׳דיק זיך צוגערוקט צו אים נאָענט, אַזוי נאָענט, אַז אַ צעפּאָרענער לאָק האָר האָט אָנגערירט זיינע צעפלאַמטע באַקן. מיט אויגן וואָס

זענען, אי פול מיט פרעכקייט, אי פול מיט געבעט, האָט זי ווידעראַמאָל א פרעג געטאָן:

— וואָלסט מיך וועלן פאַר א ווייב?

מזרחי האָט באַטראַכט די בויגעוודיקע טאַהירע, איר אויס־געקנאָטענעם קערפּער און איינגעזען, אַז אַזאַ ווייב דאַרף מען בלויז פאַר א שעה, אַזאַ ווייב געפינט מען צווישן האַרעם־ווענט, זי פּאַסט זיך צו זיצן אויף די קניען פון אַן אַלטן אָפּגעלעבטן שאַך. טאָ וואָס שטייט זי אַזוי צו צו אים? און ער? אייזלען איז ער געקומען קויפן, שלעפּ־אייזלען צום לאָדענען, שלעפּ־אייזלען צו טרייבן אויף די מערק!

טאַהירע האָט אָנגענומען דאָס אייזערנע הענטל פון א הילצערנער טיר און אָנגעקלאַפּט. ס׳איז אַרויסגעקומען א גרייז מיט א שקאַרמיץ אויפן קאָפּ און אין זיינע האָריקע אויערן שטיקלעך געלע, פאַרפעטסטע וואַטע. דערזעענדיק טאַהירען, האָט ער אויסגעשריגען:

— מזל טוב, טאָכטער! בתיה איז א געווינערין!

— מזל טוב, טאַטע, א יונגעלע?

— מיטן הימלס ווילן, א בן־זכר! — האָט דער אַלטער זיך געריבן די הענט — לאָמיר גיין אָנזאָגן איר מאַן. ער שטייט נאָך אין מאַרק, כתריאל?

טאַהירע האָט געלאָזן שטיין מזרחי׳ן אויף דער שוועל. מיט איין אָטעם איז זי אַריינגעלאָפן אין שטיבל. מזרחי האָט באַמערקט, ווי אויפן ביישטידל איז געווען אַריינגעשטאָכן א חלף און א מוהל־מעסער — א סגולה, אַז בייזע רוחות זאָלן נישט געוועלטיקן אין הויז פון דער געווינערין. ער האָט נאָכגעקוקט די וואָרזאָגערין. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן שטיינערנעם דיל איבער א שטרוי־געלעגער, ווו ס׳איז געלעגן איינגענורעט די קימפּעטאָרין און זי גענומען האַלזן און קושן.

די הייבאַם, א געבויגענע זקנה, אין א פּאָר מענערישע שטעק־שיך, האָט זיך אַריינגעשאַרט פון צווייטן חדר און גענומען טרייבן טאַהירע׳ן:

— אַרויס, טומלערקע! וועסט נאָך צעקוועטשן דאָס עופה׳לע!

מזרחי האָט דערשפּירט א שטויס פון הינטן. דער גרייז איז

אונטערגעקומען. ער האָט געהאַלטן אין פאַרפלעכטן א שטריק מיט קנופּן און געזאָגט:

— א פרעמדער פאַרשוין ביזטו אריינגעפאַלן אין הויז, מוזטו שוין איבערנעכטיקן דאָ. וועסט נישט טאָרן פאַרלאָזן דאָס הייזל, ביז די שטערן וועלן זיך לעשן... נישט ארויסצוטראָגן ס'מזל פון דער געווינערין... ווי הייסטו?

— יהושע מזרחי.

טאַהירע איז אָנגעקומען.

— טאַטע, מזרחי קומט פון מארק. ער וויל קויפן די אייזלען.

— א קונה אויף די אייזלען? — האָט דער גרייז אויסגעשטעלט אויף מזרחי'ן א פּאָר רויטע, אָנגעצונדענע אויגן — רוף אים ארויס אין דרויסן! ברענג מיט א פוס־בענקל!

אליין האָט ער זיך גענומען רייבן די הענט. ער האָט אָנגעכאַפּט מזרחי'ן פאַר אַן ארבל און אָנגעהויבן איינהאַנדלען.

— פאַר דער פּרדה, וואָס שטייט דאָ אין הויף, נעם איך נישט ווייניקער ווי זעקס פונט. ס'איז א שטאַרקע שלעפּ־בהמה. דער יונגער אייזל, דער דאַרער, וואָס איז געבליבן אין מארק, קאָסט די העלפט.

— איך קויף ביידע! — האָט מזרחי זיך צוגעזעצט.

— מיט כבוד! — האָט דער זקן זיך דערפרייט — אויב דו דאַרפסט, קען איך צושטעלן נאָך דריי אייזלען. דאָס איינציקע וואָס דו קענסט איצט טון — וואַרף אריין א חלק האַנט־געלט.

מזרחי האָט געעפנט אַן אָנגעשנאַלטן בייטל און אויסגעציילט אין זילבער־געלט דריי פונט, אָפּגעמאַכט, אַז אינדערפרי וועט ער צוצאָלן און אוועקפירן ביידע אייזלען. דער אלטער האָט אריינגעשאָטן דאָס געלט אין א לייווענטנעם זעקל און עס פאַרשטעקט אונטערן האַרצן. א צופרידענער האָט ער זיך אָנגערופן:

— אויב דו ווילסט נישט מחלל זיין אונזערס א פירונג, וועסטו דאָ איבערנעכטיקן צוליב דעם מזל פון דער געווינערין... ס'איז נישט קיין דין ביי אונז, מאַראָקאַנער, אָבער א מנהג איז עס יאָ.

אויפן אָרט האָט מזרחי חרטה געהאַט פאַרן געלט, וואָס ער האָט

נאָר וואָס אוועקגעגעבן. בעסער וועט ער אויפגעבן דעם קויף! ער וועט אהיים קומען אָן אייזלען! איז וואָס? אין יענער רגע האָט זיך צו אים צוגעשאַרט טאַהירע. איר וואָרעמער אָטעם האָט אויף אים א בלאָז געטון און מיט די גליענדיקע אויגן — נישט בלויז מיט די אויגן, אפילו מיט די פולע ליפּן, מט די צוגעפּיילטע ציין, מיט איר גאַנצער גלוסטעניש — האָט זי אים איינגערוימט:

— דו וועסט דאָ נעכטיקן.

דער זקן האָט איילנדיק זיך געלאָזט צום שטאַל און גענומען ארויסטראָגן פון דאָרט עטלעכע בינטלעך שטרוי. דאָס שטרוי האָט ער גענומען אין שטיבל אריין. מזרחי מיט טאַהירען זענען אים נאָכ־געגאַנגען. דער אַלטער האָט דאָס שטרוי פונאַנדערגעשאָטן איבער דער שטיינערענער ערד, גרייטנדיק א געלעגער. באַלד האָט ער זיך ארומגעקוקט אין א פאַרלעגנהייט:

— ווו וועל איך אים ליינען? א זכר צווישן ווייבער? כ'האָב! — און ער האָט זיך געווענדעט צו דער טאָכטער — טאַהירע, שלים אויף די קאַמער. טראָג דאָרט אריבער דעם שטרוי־געלעגער!

אַז דאָס געלעגער איז פאַרטיק געוואָרן אין דער קאַמער, וואָס איז געשטאַנען אין צווייטן עק הויף און דער זקן איז אוועק אין מאַרק אריין, אָנזאָגן דעם זון א מזל־טוב און מיטברענגען דעם צווייטן אייזל — איז מזרחי געבליבן אליין. דאָס פינסטערניש האָט געפּראַלט אין אַלע ווינקלען און געלייגט שאָטנס אויף די ווענט. אפילו דאָס קאַרגע ליכט פונ'ם שמאָלן פענסטערל האָט זיך גענומען לעשן. ער האָט זיך ארומגעקוקט איבער דער קאַמער, ווי איבער א תפיסה. ס'האָט אים געוואָרפן אַן אומרו. ער איז שוין גרייט געווען איבער־צונעכטיקן, איבערליגן אויף דעם האַרטן שטיין, אבי טאַהירע זאָל איצט קומען צו אים. צוליב איר האָט ער זיך דאָך געשלעפּט ביז אהער, צוליב איר האָט ער זיך געלאָזט פאַרשאַכערן מיט די אייזלען!

דער פאַרלאַנג, אַז טאַהירע זאָל זיך איצט באַווייזן, ער זאָל זי קענען האָבן — האָט געמאַכט בריען זיינע שלייפן. דאָס האָט אים געמאַכט פאַרגעסן, אַז אויב ער וויל נאָר, קען ער אינמיטן נאַכט ארויס

פון דער קאַמער, ער קען אַרויספירן די אייזלען פון הויף, איבערלאָזן דאָס געלט און אַוועקרייטן... און פאַרוואָס נישט? צוליב וואָס דאַ זיין פאַרשפּאַרט? ווייל ער האָט דרך־ארץ פאַר דעם אַלטן מאַראָקאַנער? פאַר זיינע מנהגים? אַ ליגן! ער, מזרחי בלייבט דאָ, ווייל ס'בלוט בריט אין די אָדערן, ווייל ער זוכט די פלאַמנדיקע טאַהירע! ער זוכט איר ליִב!

מיט זאַכטע טריט איז מזרחי אַרויס פון דער קאַמער. ער איז אַריבער אויף דער צווייטער זייט הויף, צום שטיבל. ער האָט זיך אָנ־געשפּאַרט אָן דער האַלב־אָפענער טיר און איז געבליבן פאַרגאַפט.

אינעווייניק האָט טאַהירע, אַ האַלב־אויסגעטוענע, מיט אַ צע־פּאַטעלטן קאָפּ האָר, זיך געוויגט אין אַ טאַנץ. מזרחי האָט ברייט געעפנט די אויגן. פאַר וועמען טאַנצט זי? פאַר די ווענט? צי גרייט זי זיך צוריקצוגיין אין דער אַראַבישער טרונק־שטוב?

טאַהירע האָט זיך געהויבן אויף די שפּיץ־פינגער. אַ פאַרזיכטיקע, אַ זאַכטע, ווי זי וואָלט געשפּאַנט אויף דראָטן, האָט זי זיך געדרייט און נישט געקענט אַרויס פונ'ם אייגענעם קרייז. דאָ האָט זי געלאָזט פאַלן אָן אָרעם־באַנד, דאָרט אַ קני־בראַסלעט. אירע אָנגעקוואָלענע גלידער האָבן גענומען זיך אויסלאָדענען. זי האָט איינגענומען די אַקסלען, ווי ביי אַ קאָרטש. זי האָט צעפּירט די הענט, ווי פליגלען און יעדער וואָרף אין דער טאַליע, יעדער ציטער אין די היפטן איז איבער־געגאַנגען אין אַ געראַנגל. ס'האָט געשלאָגן פון איר אַ ריטמישער צאַפּל, וואָס האָט זיך געטראָגן האַסטיקער, אימפּעטיקער, מיט ספּאַזמען און געפלאַטער.

אויף די שפּיץ־פינגער האָט מזרחי זיך אַריינגעשאַרט אין דער קאַמער. אַלץ אין אים האָט געבריט. ער האָט זיך נישט געפונען קיין אָרט, שוין גענומען צוטראַכטן אַ תירוץ מיט וואָס אַריינצוקומען צו טאַהירען. מיטאַמאָל האָט ער געהערט אַ ליכטן גערויש.

ווי אויף אַ רוף האָט ער אויפגעקייטלט דאָס טירל. עס האָבן זיך געהערט לייכטע באָרוועסע טריט. טאַהירע, מיט אַ קישן אין האַנט, האָט זיך דערנענטערט פּאַמעלעך. דער אָנגעצונדענער מזרחי האָט

געקוקט אויף אירע אַפּגעדעקטע אָרעמס, וואָס זענען געווען פריי פון בראַסלעטן, פון קייטן. די טאַשמעס פון די צעכוואַליעטע האָר — ארויסגענומען. די קורצע אַבאַיע פון די אַקסלען האָט געפעלט. דער ברוינער האַלז אָפן, די הענט — פאַרשטייפטע, וואָס לעכצן מען זאָל זיך אין זיי וויקלען און קייטלען.

זי האָט ליכט אריבערגעשפרייזט די קאַמער און שטיל געזאָגט:

— מיט דעם קישן וועט דיר זיין ווייכער.

ביי מזרחי'ן האָבן געפייפט די נאָז־לעכער. דער אָטעם איז געוואָרן האַסטיקער. ער האָט געסאָפּעט דורך די פאַרברענטע ליפּן:

— טאַהירע, בלייב מיט מיר!

זי האָט פלינק און וויקלדיק זיך ארויסגעדרייט פון זיינע הענט. אירע אויגן — פייער און פאָספאָר — אנשטאָט אים אָפּצוטרייבן, האָבן זיי אים גערייצט, גערופן. מיט א שעמעוודיקייט, וואָס איז בלויז אָנשטעל, האָט זי פאַרשטעלט מיט די פינגער אירע אָפּגעדעקטע שטיקער לייב:

— פאַר אַזאַ איינער האַלטסטו מיך?

צי ווייל מזרחי האָט דערשפּירט, אז דער זקן איז אין הויז נישטאָ, צי ווייל די כוואַליעס היץ האָבן אים געיאָגט אין די שלייפן אריין. אזוי צו אזוי — דער באַגער צו באַזיצן טאַהירע'ן איז געשטיגן. מיטן גאַנצן כח האָט ער זי אריינגענומען אין זיינע הענט און זי געוואָלט א וואָרף טון אויפ'ן שטרוי־זאַק. זי האָט זיך גענומען ראַנגלען און ווי זי האָט זיך נאָר ארויסגערעדלט פון אונטער זיינע פינגער, האָט זי אים אָפּגעמאָסטן מיט א פויסט אין דער נאָז.

מזרחי האָט געפילט אַ וואַרעמע פייכטקייט אויפן פנים. טראָפּנס בלוט האָבן גערונען פון די נאָז־לעכער. אָן איבערגעשראָקענע, וואָס זי האָט אים ווי געטון, האָט טאַהירע זיך אויפגעכאַפּט און איז ארויס פון דער קאַמער. זי איז צוריקגעקומען מיט אַן איינגעווייקטן האַלז־טוך. זי האָט צוגעלייגט דאָס נאַסע טוך צו מזרחי'ס פנים, באַרמהערציק געגלעט זיין שטערן און געלאָזט קילן זיינע ליפּן אָן איר אָרעם. מזרחי האָט זיך א זעץ־אויף געטון, ווי נאָך א שלאָף. ער האָט געזען פלאַמען

פאַר די אויגן, פלאַמען אויף טאַהירעס לייב און א דערהיצטער ווידער־אַמאָל זי איינגעקלאַמערט אין זיינע ביינערדיקע הענט.

הינטערן פענסטערל האָט זיך געטראָגן א גערויש. עס האָבן זיך געהערט איילענדיקע טריט, ווי עמיץ וואָלט דורכגעלאָפן דעם הויף. באַלד האָט זיך צעהירזשעט דער אייזל מיט אַן אומעטיק, פאַרצויגן געוויין. טאַהירע איז צוגעשפרונגען צום פענסטער. אויך מזרחי האָט זיך אויפגעכאַפּט. דאָס געוויין פון אייזעל איז געוואָרן העכער און וואַיענדיקער. טאַהירע האָט דערטאַפּט אין דער קאַמער א וויים וויקל־טוך, זי האָט עס אַרויפגעוואָרפן אויף זיך און לייכט געעפנט דאָס טירל.

אין הויף איז געווען פינסטער.

טאַהירע איז אַרויס. זי האָט געזוכט שפּורן. דער אייזל וואָס איז פריער געווען צוגעבונדן צום פּלויט, האָט איצט זיך געדרייט אינמיטן הויף אין א משוגע'נעם געדריי און נישט אויפגעהערט צו וואַיען. אין דער פינסטער האָט טאַהירע דערקענט, אַז אויפן צוים טראָגט דאָס אייזל א זעקל פּאַשע. אוים פאַרדאַכט אַז עמיץ האָט עפּעס בייז אָפּגעטאָן, האָט זי אַראָפּגעכאַפּט פונ'ם אייזל דאָס פּאַשע־זעקל. ס'איז געווען ליידיק. דאָס אייזל האָט זיך געדרייט אין יסורים. ס'האָט זיך געשטעלט אויף די הינטערשטע פים, געמאַכט קונציקע שפּרינגען, ווי א צירק־פערד. טאַהירע'ן האָט אַרומגעכאַפּט א רחמנות. זי האָט זיך דערמאָנט אָן מוסאַ'ן. האָט ער אָפּגע'סמ'ט דעם אייזל?

זי האָט געגלעט זיין פעל. דאָס אייזל האָט זיך געלייגט אויף די קניען. דאָס וואַיען איז געוואָרן שטילער, אומעטיקער. טאַהירע האָט גענומען שרייען. אין דעם אייזלס פאַרצויגענעם געוואַי האָט זי דער־שמעקט טויט. און ביז מזרחי איז צוגעקומען, איז דאָס אייזל שוין געלעגן אויסגעצויגן מיט פאַרשטייפטע פים.

— טויט?

— מוסאַ האָט אים פאַר'סמ'ט!

מזרחי האָט געוווּסט אַז דער שאָדן איז זיינער. איצט איז נישט געבליבן מער אויף וואָס צו וואַרטן. טאַהירע האָט געקניט איבערן געפאַלענעם אייזל. מזרחי האָט נישט געוווּסט פאַרוואָס זי וויינט.

א ווארעמער ווינט איז אָנגעלאָפן און געפּאַטשט אין פּנים אריין. אום נישט צו שוויצן האָט ער ארומגעבונדן דאָס נאָז־טיכל ארום האלז און א שוויינגענדיקער זיך געלאָזט צום טויער.

דערזעענדיק ווי מזרחי שאַרט זיך ארויס פון הויף, איז טאַהירע אויפגעשפּרונגען. זי איז אריין אין שטיבל און גיך ארויפגעוואָרפן אויף זיך א לויז קלייד, א קאָפּ־טוך, א פּאָר סאַנדאַלן און אים געגומען נאָכלויפן. ביים טויער האָט זי אים אָנגעכאַפּט פאר א האַנט.

— כ׳גיי מיט דיר!

— וווהין?

— אומעטום ווו דו וועסט גיין, וועל איך מיטגיין.

— וועסט איבערלאָזן דעם הויף, דעם טאַטן?

אין דער פינסטער האָט טאַהירע זיך אוועקגעשטעלט פאר אים, ווי א מאָנערין. די פריערדיקע שטיפערישקייט פון די אויגן איז פאַר־שוונדן און א שווערער טרויער האָט פאַרצויגן איר טונקל, שמאָל פּנים:

— צו דיר וויל איך זיין אַנדערש... כ׳האָב זיך געווערט, ווייל כ׳וויל גיין מיט דיר... און דו האָסט זיך צוגעהערט צו מוסא׳ן. ער איז א ליגנער... אויב דער טאַטע זאָל איצט אָנקומען, קען ער דיך אין אַלץ חושד זיין. אַן אָפּגעהיטענער מאַראָקאַנער פאַרזעט נישט די צניעות פון זיין טאָכטער.

פון יענער זייט פאַרקאַן האָבן זיך געהערט טריט. מזרחי האָט געוואָלט ארויס. אין אָפענעם טויערל האָט זיך באַוויזן דער זקן, א צעיאָכמערטער, מיט אויגן פול פאַרדאַכט. ער האָט געשליידערט ווערטער:

— כ׳וויל נישט וויסן, וואָס עס האָט פּאַסירט... כ׳בין נישט געשטאַנען צוקאָפּנס. אָבער נאָך אַזאַ יחוד מוז מען ביי אונז ווערן מאַן און ווייב... און ווען נישט מוסא, וואָס איז אָנגעלאָפן מיר אַלץ צו דערציילן, וואָלט איך זיך אויך אָנגעשטויסן... גוט אזוי! צופיל האָסטו זיך געכאָוועט צווישן קונצן־מאַכערס און דראָטן־גייערס, טאַהירע! מען דאַרף רופן דעם חכם מיט די חופּה־שטאַנגען...

מזרחי האָט זיך געווישט דעם קאַלטן שווייס. ער האָט נישט דערציילט דעם זקן וועגן דעם אָפּגע'סמ'טען אייזל. ער האָט געשטעלט איילנדיקע טריט, ווי ער וואָלט וועלן עפּעס אָפּיאָגן פון זיך. טאַהירע איז אים נאָכגעלאָפן, ווי א געשלאָגענע:

— זיי גוט צו מיר... פאַר דיר וועל איך אפילו טאַנצן אין די טרונק־שטובן. כ'וועל באַדינען אַראַבער אין די גאַסט־הייזער... וועלן קומען הענדלער אויפן מאַרק — וועל איך פאַר זיי טאָן וואַרזאָגן... וועט מען וואַרפן מטבעות פאַר שפּאַנען אויף דראָטן — איך וועל זיין די ערשטע זיי צו קלייבן...

מזרחי האָט זיך אָפּגעשטעלט. אַן אויג, דעם זקנ'ס פאַרדעכטיק אויג האָט אים נאָכגעשפּירט, ער האָט א קוק געטון אויף דער צע־שראָקענער טאַהירע. ער האָט געזוכט דעם רייץ פון איר אויסגע־קנאָטענעם קערפּער. אונטער די לויזע קליידער איז איר שיינקייט איינגעשרומפּן. ער האָט זיך געוווּנדערט, פאַרוואָס זי בעטלט ביי אים גוטסקייט. ער האָט זיך געוווּנדערט, פאַרוואָס ער האָט זי איצט פיינט. דער וואַרעמער ווינט איז געוואָרן הייסער. ס'האָט געבלאָזן די פאַלעס פון די קליידער.

זיי זענען ארויס פונ'ם אָנגעפּראָפּטן געסל און געגאַנגען איבער אַן אָפּענעם וועג, וווּ פונדערווייטנס האָבן טונקלע מויערן זיך געקייטלט און געהאַלזט די אַלטשטאָט. א האַלבע מאַכמעדאַנישע לבנה איז ארויס־געשווימען איבער'ן אָפּענעם שליאַך.

דער גאַנג ביי מזרחי'ן איז געוואָרן פלינקער, האַסטיקער. ער האָט געוואָלט אריבערשפּרייזן הויפן, קוואַרטאַלן, געוואָלט פאַרלירן אין וועג טאַהירע'ן און אין דער זעלבער צייט געוווּסט, אַז ער וועט זיך פון איר נישט באַפרייען.

ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם אָפּגעריסענעם אַלטיטשקען, וואָס איז געזעסן אויף דער טרעפּ און אים נאָכגעשיקט א שפּרוך: „אָדם איז פאַרטריבן געוואָרן פון גן־עדן, ווייל עס האָט אים איבערגערעדט א ווייב, א ליגנזאָגערין. און דו וועסט פאַרטריבן ווערן פון דיין

פּאָטערם הויז, ווייל דו האָסט זיך צוגעהערט צו א טענצעריז, א וואָרזאָגערין״...

א פיבער איז אים געקראָכן אין די ביינער. די שליפן האָבן געברענט. און דער אימפּעט וואָס האָט אים געטריבן פאָרויס, האָט אים איצט געפירט אַראָפּצו, צום טאָל־וועג.

א האַלבע מאַכמעדאַנישע לבנה שאַרף ווי א קינזשאַל, איז נאָכגעשווימן איבערן אָפענעם שליאַך.

הינטער מויערן

שבח האָט פאַרלאָשן די הבדלה־ליכט. ער האָט צעבונדן דעם גאַרטל פונ׳ם רויטן כאַלאַט. די געלע ליכט, געפלאַכטן און געוויקלט, האָט ער אַרויפגעלייגט אויף אַ זילבערנער טאַץ, דערנאָך דעם גאָלדענעם קדוש־בעכער. ער האָט געעפנט די בשמים־ביקס, געשניצט פון קופער, האָט צוגעלייגט די נאָז־לעכער און געצויגן די ריחות מיטן גאַנצן טונקעלען נזיר־פּנים.

שבח האָט געוואָלט זיך אַרויסהויבן פונ׳ם סאַמעט־געבעטן שטול. די שלוה, די רו, וואָס קומט מיט׳ן איבערגיין פון שבת צו וואָך — האָט אים צוריקגעצויגן. ער האָט אויסגעשפּרייט איבערן טיש זיין גרינעם שניפּ־טוך, ער האָט אַרויפגעלייגט אַ ספר, געלייענט אין פאַרמעט און פון די טונקעלע פאַרברענטע ליפּן איז געפלאָסן אַ געקרייזלטער ניגון איבערן פיר־אייליקן חדר: „אַל תירא עבדי יעקב”.

די טיר האָט זיך געעפנט. ס׳האָט זיך אַריינגערוקט זכריה, דער שכן, אַ מילך־הענדלער, הויך און מאָגער ווי משה הבינו׳ס מאַנדל־שטעקן. זכריה האָט געטראָגן אַ ווייסן קיטל, אויף די פיס שטעק־לאַטשן. ער האָט געמאַכט עטלעכע טריט פאַרויס. דאָס שמאָלע, שיטערע בערדל, וואָס איז געווען אויסגעוויקלט ווי אַ צאָפּ, האָט ער אַריינגענומען אין זיינע קנאָכיקע הענט און אַ געשריי געטון:

— גוט וואָך, שבח, גוט וואָך!

שבח האָט נישט געענטפערט. מיט פאַרהאַקטע אויגן, ווי ביים אויסציען „אחד”, האָט ער ווייטער געקרייזלט דעם ניגון. זכריה האָט געמאַכט אַ טראָט נענטער. ער האָט זיך איינגעבויגן צו שבח׳ן און אים אַ גיס געטון גלייך אין פּנים אַריין.

— גוט וואָך, שבח, כ׳ברענג דיר נייעס פון דיין מוסולמענישן שכן!

שבח האָט אַן עפּען געטון די אויגן, ווי ער וואָלט זיך איבערגע-וועקט פון אַ טיפן שלאָף. ער האָט זיך איינגעקוקט אין זכריה'ן:

— פון וועמען נייעס, פון חאַסאַן בעק'ן?

— יאָ, דער ישמעאלי וויל, זאָלסט נישט אָנקוקן זיינע ווייבער.

שבח האָט זיך געהויבן פון שטול און געוואָרפן אויגן אויף זכריה'ן, ווי אויף אַ חסר־דעה:

— ווער קוקט אויף זיי, אויף צלפחד'ס טעכטער? זייערע פּנימער זענען דאָך פאַרשלייערט!

— ער וויל, אַז נישט דו, נישט דיין אשה — קיינער זאָל נישט וואַרפן אַן אויג אויף זיין הויז-געזונט... ער גייט אַרויפציען נאָך עטלעכע שיכטן ציגל אויף דער מויער, ס'זאָל אָפּטיילן דעם מוסול-מענישן הויף פון דיין חצר.

— ס'איז ווייניג פינסטער אין שטיבל? וועט נאָך די מויער איינגאַנצן אָפּווישן ס'ביסל ליכט, וואָס פאַלט אריין דורכ'ן פענסטער?

— זעסט דאָך, ער היט זיי, די נשים צדקניות. דערצו איז ער אַ „באַדזשי", שוין דריי מאָל עולה רגל געווען נאָך מעקאַ, און יעדעס מאָל ווען ער קומט פון דאָרט צוריק ווערט ער נאָך אַ גרעסערער צורר-ישראל. ער קען נישט קוקן אויף אַ יהודי.

— וואָס, ער איז מביש די קונים? — האָט שבח פאַרצויגן די שטייפע ברעמען.

— ווי דו ווייסט! — האָט זכריה זיך צעשריגן ווי אַן אַראַבישער מקונן — ער האָט אַ שפּייז-קלייט אין דער פּאַשאַ-גאַס, איז ווי נאָר אונזערס אַ ווייב, אונזערס אַ טאָכטער — קויפט מען ביי חאַסאַן בעק'ן. און נישט אַזוי מיר תימנ'ער, ווי זיי, די „שפּאַניאָלער" און די „אַשכנזים" לויפן אין זיין קלייט. און מיינסט ס'איז אַ חידוש, שבח? אַז ווי נאָר אַ זויערע אונגערעכטע וואָס פאַרברענט די צונג, אַ כריין וואָס מאַכט איבערלויפן די אויגן, אַ פעפערל וואָס בייסט אויס די קעל — אַלץ קריגט מען ביי אים. און ער, דער רשע — עשירות קלייבט ער פון די יהודים. און פיינט האָט ער אונז, ווי די מצורעים.

— אַז דער חאַסאַן בעק, איז אַן עמלק! און מיר תימנ'ער זענען

בופדים, זוען מיר זיצן הינטער זיין הארעם... אלץ מיין אשה! — האט שבח פון רוגזה זיך אויפגעשטעלט, און זיינע קנאביגע פיס האבן זיך געוויגט איבערן פיר-איילינגען חדר — כ'האב געוואלט פארקויפן די נחלה און גיין זיצן אין דער תימנ'ער שכונה, האט זי מיך געהייסן בלייבן אין דעם תחום, צווישן די עמלקים, אין דעם תחום, וואס איז פול מיט טומאה און מיט עבודה זרה.

ביי די ווערטער האט דורך דער געעפנטער טיר זיך אריינגעקייקלט א קליינע, מאגערע אשה אין א קאלירט קאפ-טיכל, דאס שווארצע, גלאנציקע קלייד, לויז ווי א טאגע, האט צוגעדעקט די פיס-פינגער. זי האט א קוק געטון אויף ביידע מאנסבילן און גענומען קוויטשען ווי א קלאג-ווייב:

— וואס פארא אויסרעדעניש אויף דער אשה? וואס פארא טומאה? וואס פארא עבודה-זרה? גוט וואך, ר' זכריה! — האט זי אריינגעשריגן אין דעם שכנ'ס אויערן — פרעג אים, זכריה, גוטער שכן, פרעג אים, דעם פארדינער מיינעם, צי מען מעג פארלאזן דאס ארט פון פרנסה? אז דאס האנדלט גאר מיט קאקאס-ניס, מיט פאפשויעס און מיט געבראטענע קאשטאנעס. אזא אביוניש פרנסה! און עסן מוז מען קענסט דו זכריה אויפהערן צו צאפן מילך פון דיינע מאגערע ציגן? אזוי קענען מיר אויפהערן צו גריזשן די דארע פיטע. און פארן בלאט ספר וואס ער לערנט יעדן טאג, נישט אויסגערעדט זאל עס זיין, באצאלט דאך דער רבון כל עולמים נישט מיט מזומן!

— שוויג נעמי, שוויג! — האט שבח א שטרענגער, זיך געבייזערט אויפ'ן ווייב — אזא אשה דארף האלטן דאס מויל פארמאכט און נישט אויסריידן קיין דברים בטלים. דו לאכסט פון די פאפשויעס, פון די קאקאס-ניס און פון די געבראטענע קאשטאנעס! און וואס איז וועגן דיר רפואות מיינע? שוויגסט אשה? שוויג, שוויג, דו ציג אן הערנער!

— איך שוויג נישט, מאן מיינער, כ'שוויג נישט — האט דאס קליינע, איינגעשרומפענע ווייבל זיך אקעגן געשטעלט איר הויכן מאן — זאל אונזער שכן וויסן וועגן דיין נייעם שגעון. לייג צו אן אויער זכריה. ער וויל דאך ווערן א היילער, דער מאן מיינער. פון

רויטע רעטעכלעך ציט ער ארויס אייל, און פון בוראקעס — רפואות אויף אָפּשפּרעכעניש. כ׳זע, די פּאות וואַקסן ביי אים ווי לאָקן, און דער שבל שרומפּט איין, ווי ביי א קינד... אוי, גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב! און גלויב מיר זכריה, ווען נישט מיין וואַשן וועש פאַר די אשכנזישע באַלעבאָסטעס, וואָלטן מיר ביידע געגאַנגען איבער די שוועלן.

זכריה איז געשטאַנען א צעדולטער. פון בושה האָבן זיינע געקרויזלטע פּאות זיך געשטייפּט ווי דראָטן. ס׳איז אים קשה געווען, וואָס צו דער פולער וואָך, זענען מאַן און ווייב שוין אריין אין מחלוקת און טראַכטענדיק, אז ס׳איז א שלעכטער סימן, האָט ער געוואָלט איינשטילן די צדדים. און ווי א צייכן פון שלום, האָט ער געוויגט מיטן קאָפּ און געשאָקלט מיט די האָריקע הענט

— יהי שם ה׳ מבורך! מען קען נישט וויסן, נעמי, ר׳ שבח איז א למדן, א בן-תורה. ער קען זיך צו אַלץ דערגראָבן. ער קען ווערן א רופא-חולים אויך. אויסער דעם, נעמי, איז א מאַן געגליכן צו א טאַטע אין דער משפּחה, און ווו איז כבוד-אָב, נעמי, ווו?

— אז ער וואָלט זיך מיט מיר באַגאַנגען ווי א טאַטע, וואָלט איך אים אָפּגעגעבן כבוד־אָב. אָבער זכריה, שכן גוטער, ער באַהאַנדלט דאָך מיר ערגער ווי אַן איינגעבעטענע קעבס־ווייב. און אז גאָט האָט מיך געשטראָפט, האָט צוגעמאַכט מיין טראַכט און כ׳ברענג אים נישט קיין קינד, איז דאָס מיין שולד? כ׳וויים, על פּי דין ישראל, קען ער מיר נאָך צען יאָר א גט געבן אויך. אָבער די צייט איז נאָך נישט פאַרביי, און ביי גאָט איז מעגלעך, כ׳זאָל נישט אייביק בלייבן א געשטראָפטע.

— חצופה! — האָט שבח א געשריי געטון — אזוינס דערציילסטו זכריה׳ן, א פרעמדן מאַנסביל?

— אז דער אייגענער מאַן איז בלינד צו מיינע טרערן, מוז מען פאַר א פרעמדן זכר אויסווייגען זיך ס׳הארץ. אוי מיין מזל! אוי זכריה! כ׳וויל פריער זיך לייגן אין דר׳ערד אריין, איידער צו ווערן ביי שבח׳ן א צווייט ווייב.

— ארורה! גיי ארוים! — האָט שבח זיך גענומען רוקן אויף איר.

נעמי האָט אַ אונטערטעניגע, זיך געוואָרפן אויף די קניען און גענומען קלאַפּן דעם שטערן אָן דעם שטיינערנעם דיל מיט אַ געיאָמער:

— מאַן מיינער! תנאָ און למדן! טראָג ארוים אין גאַס די בראָט-פאַנען! וואָס פּאַרא יומאַ-דפּגרא אינמיטן דרינען? ס'איז דאָך שוין אַ שעה נאָך הבדלה, און דו ווייסט דאָך ווי די שטוב וואַרט אויפן פּדיון.

הינטערווייילעכץ האָט זכריה זיך גענומען רוקן צו דער טיר. פון רוגזה איז דאָס טונקעלע ביינערדיקע פּנים געוואָרן אָפּגעצאַפּט. דאָס שיטערע צאָפּ-בערדל — איינגעלאָפּן. ער האָט נישט געקענט צוקוקן, ווי ס'ווייב נעמי, וואַלגערט זיך ווי אַ געשלאָגענער הונט, שבח לויפט ארום אין אַ ראָד אַ צעקאָכטער, און ווען ער זאָל האַלטן אַ בייטש אין האַנט, וואָלטן די שמיץ געפאַלן איבער איר פּנים.

איין האַנט אויפן בערדל, די צווייטע אויף דער טיר-קליאַמקע — אזוי איז ער ארויסגעקראָכן, לאָזנדיק הינטער זיך קולות, קללות, געיאָמער, וואָס האָבן זיך געטראָגן ווי אַ בייזער געוויטער.

שבח האָט געשוויגן. דאָס אָטעמען איז געוואָרן שווערער, סקריפּענדיגער, ווי אַ זעג וואָלט זיך געשניטן אין אַ בוים. נעמי, נאָך איינגעשרומפּענער, נאָך קלענער, האָט זיך איינגעוויקלט אין אַ קנויל און גענומען זיך וואַלגערן אין מאַנ'ס שטויב.

שבח האָט אָנגעטון אויפן קאָפּ אַן אויסגעריבענעם רויטן טאַרבוש, האָט געטוישט דעם שבת'דיגען כאַלאַט אויף אַ וואָכעדיקן פאַרפעטסטען מלבוש. ער איז ארוים אין הויף. ער האָט אריינגעבראַכט אַן אַראַבישן בראָט-אויוון מיט צוויי אייזערנע פאַנען און האָט ארויפ-געוואָרפן אויף דער פלייצע אַ זעקל פול מיט קאַשטאַנעס, מיט קאָקאָס-נים און פּאַפּשויעס.

פון ווינקל ארוים האָט זיך געטראָגן נעמי'ס שטיל קלאָגן, ווי אַ געוואָי. אַ געבוינענער, אַ באַלאָדענטער, ווי אַ וועג-גייער, האָט שבח, אַ קוש געטון די מזוזה און זיך געלאָזט אויף יענער זייט טיר.

* * *

די שמאָלע פּאַשאַ-גאַס איז געווען פול מיט אַראַבישע גרינס-

קראַמען, מיט שפּיז-קליטן און פּרוכט-שטעלן. פון ביידע זייטן גאַס זענען געווען צעשטעלט ענגע בוידן אַנגעלאָדן מיט כל מיני פּרעס-עריען,, פּיש, פלייש. פאַר די קרומע געטרעפּלטע אריינגענג זענען געשטאַנען קרעמער, באָרוועסע, אין ברייטע פּאָלע-הויזן, מיט טורעם-טשאַלמעס אויף די קעפּ, ארום די גאַרטלען אַנגעהאַנגענע בייטלען, און מיט ווילדע תנועות, מיט א מין געוואַלדעווען, האָבן זיי זיך געוואָרפן אויף די דורכגייער, ווי פּיראַטן.

א הויכער, געשוואָלענער קצב, די הענט און דער קאָפּ האָריג ווי ביי נמרודן, אין זיין בויך־באַנד א בלאַנקעדיק מעסער, האָט אויס-געזינגען בקולי-קולות אויף זיינע פליישן. ביי אַ אָפּגעשונדענער מויער איז געווען אויסגעשפּרייט א פּלאַכטע. אויף דער פּלאַכטע, צונויפ-געדרייט ווי א בייגל, האָט זיך געקאָלערט א מוסולמענישער כשוף-מאַכער, אַן אמת'ער „טורקוס", און מיט פּאַרהאַקטע אויגן געוויזן מאַגישע קונצן. אין א מויער־שפּאַלט, ווי אַ נישע, איז געזעסן א טערקישער קופּער-שמיד, פּאַרקאָפּטשעט און פּאַרטשאַדעט. ער האָט געגאָסן צעטאָפּיעטן צינק אין מעשענע קעסלען, האָט געפּוצט די דנאָס מיט רייב-שטיינער און פּאַרוואַנדלט אַלטע כלים אין נייע.

אַראַבישע ווייבער מיט פּאַרשלייערטע פּנים'ער, יידישע ווייבער מיט אָפּגעדעקטע קעפּ, זענען געגאַנגען צווישן די בוידן און געלאָדנט אין די קוישן. זיי האָבן זיך נישט איבערגענומען מיט די קרעמערישע קולות, נישט געלאָזט זיך בארייסן, און פּאַרזיכטיגע, אויסגערעכנטע האָבן זיי איינגעהאַנדלט ס'געברויך.

א קאָלטענעוואַטער נפש, מיט אַ צאָפּ, ווי ביי א אינדישן פּאַקיר, איז געשטאַנען איבער אַ פּאָר געהיימע קעסטלעך און אויסגערופן אויף זנות-בילדער און אָפּשפּרעכענישן פאַר מצורעים.

פּאַר אַ ליק, וואָס האָט אָפּגעטיילט די פּאַשאַ־גאַס פון אַ זאַמדיגן וועג, איז געזעסן שבח אויף אַ געפּלאָכטען פוס-בענקל, פאַר אים דער בראָט-אויוון, און ביי די פּיס דאָס זעקל מיט פּירות. ער האָט מיט א צוואַנגל אויפגעשאַרט די אָנגעגליטע קוילן. דאָס פייער האָט גע-קנאַלט. דער ריח פון די געבאַקענע פּאַפּשויעס און קאַשטאַנעס האָט

געשמאליעט די לופט און געקיצלט די נומענס פון די אראבער־דורכגייערס, וואס האבן אין גאנג זיך פארהאלטן, ווער מיט א פארסליניעט מויל, ווער מיט צעעפנטע נאז־פליגל. שבח האט נישט אויסגערופן אויף זיין סחורה בקולי־קולות, ווי ס'איז דער שטייגער אויף אראבישע מערק. ער איז געזעסן א שטומער און געוווסט, אז גאט וואס איז ברוך ומבורך, וואס האט רחמנות אויפן עוף־השמים און פארלאזט נישט דעם ווארעם אויף דער ערד — ער וועט אליין צושיקן קונים. דערצו איז שבח זיכער געווען, אז יעדער אויסגעשרייזיינער וועט ארויסרופן געלעכטער ביי זיין שכן חאסאן בעק, וואס האלט זיין שפייז־קראם גלייך קעגנאיבער. אט דער אראבער וועט נאכקרימען שבח'ס גארגלדיגע אויסגעשרייען, וועט רופן די דורכגייער, וועט טייטלען אויף אים מיט די פינגער און טרייבן „מאסחארא" 1) פון דעם תימנ'ער יהודי, וואס קען נישט אפזעצן זיין סחורה ביי די רייכע אשכנזים, נאר מוז אנקומען צום אראבישן מארק.

חאסאן בעק, א צעפליישטער, זיינע מעכטיקע אקסלען ארומגעהאנגען מיט א ווייסן בורנוס, אויפן קאפ א געפרעסטע רויטע פעסקע געוויקלט אין א זיידענעם באנד, ווי ביי א כאדזשי, און אויף די פיס גלאנציגע שטעק־לאטשן, איז געשטאנען אויף די טרעפ פון זיין קראם צווישן איילבירטן, הערינג, רייז און געטריקענטע פיטעס. די שוועל איז געווען באלייגט מיט קונים. פון צופיל באשטעלונגען האט ער זיך נישט געקענט באטון. אז אויפגעבראכטער האט ער געפאטשט איבער די ווייבערישע הענט, דא מיט א קללה, דא מיט א בענטש־ווארט. און ער האט דערלאנגט דאס געברויך פאר די קונים מיט אזא העויה, גלייך ער וואלט איטלעכן געטון א טובה.

נישט דאס געשטעל, נישט זיינע פוילע תנועה'ס האבן געפאסט פאר א קרעמער. און זיין הילוך האט גיכער דערמאנט אן אלעקסאנדריער מועדזין, איידער א יפו'ער מארק־שטייער.

אז חאסאן בעק איז פארטיג־געווארן מיט דעם געבינטל קונים

---

1) חוזק.

און די קראָם איז פאַר א ווײַלע געבליבן ליידיק, האָט ער א צעפּרייכטער, אָפּגעאָטעמט. ער האָט ארויסגעשלעפּט פון אונטערן האָריקן האַרץ א קאָלירטע פאַטשיילע מיט אַזאַ פאַרזיכטיקייט, ווי ס׳שלעפּט ארויס א חלפן א זעקל מיט מטבעות, און ער האָט זיך גענומען ווישן דעם שווייס פונ׳ם אָנגעשוואָלענעם קאַרק און פון שטערן. ער איז געוואָרן אויפגעלייגט. ער האָט זיך געשטעלט אויף דער טרעפּ, מיט אַ האַנט-הויב צום שטערן האָט ער באַגריסט דאָ א דורכגייער, א בכבודן שייך, האָרט א אייזל-טרייבער, אַ פּראָסטן פעלאַך. און ווען די אויגן זענען מיד געוואָרן פון קוקן אין חלל, די אויערן — טויב פון געווימל, איז דער בליק געפאַלן אויף שבח׳ן, וואָס איז געזעסן קעגנאיבער ביי א בראָט-פּאַן און מעיין געווען אין א ספר. דאָס אויפגעבלאָזענע פּנים ביים אַראַבער האָט זיך צעפלאַקערט און אין די אָנגעצונדענע אויגן איז געווען יענער ביטול, יענע חניפה און גבורה פון א בעדואינער, וואָס קען געוועלטיגן איבער א גאַנצן שבט.

חאַסאַן בעק האָט אריבערגעשריגן צו שבח׳ן:

— ביים נביא! דו סאַבאַח, קריכסט נאָר צו די מוסלעמס. דיינע יאַהוד, די שפּאַניאָלער, די מאָסקאָבן 2) — אַלע פּרעסן נאָר די זיסוואַרג. און די געבאַקענע פּאַפּשויעס, ס׳געבראָטעכץ ווילסטו אָפּ-שטופּן ביי די מאַכמעדאַנער.

— שטיי איך דיר דען אין וועג, שכן חאַסאַן בעק? — האָט שבח הכנעה׳דיק געפרעגט — און דו פאַרקויפסט דאָך אַנדערע שפּייזן.

— כ׳האָב דיך גענוג פאַר אַ שכן אין הויף, הינטער מיין מויער! — האָט דער אַראַבער גערעדט מיט אַ טאָן פון א קריגער, וואָס דערזעט דעם שונא אין זיין אייגענעם לאַגער — וויל איך דיך נישט זען דאָ, אין מוסולמענישן מאַרק. טענה צו מיר, יאַהוד סאַבאַח! דו ווייסט, אַז אַ פּאָר מאַנסבילישע אויגן, דערצו פון אַ כופר, טאָרן נישט נאָכקוקן אַ מוסולמעניש ווייב. אַזוי איז ביי אונז מוסלעמס. און

---

2) מאָסקאָבן — רוסישע יידן.

ביי מיר שטייט דער הויף אָפן, דיין פענסטער קוקט אריבער צום פּלויט, די ווייבער און טעכטער גייען ארויס, גייען אריין. ביי אַללאַ! כ'וועל ארויפציען אַ פּאָר שיכטן ציגל אויף דער מויער, וואָס טיילט אָפּ דיין שטוב פון מיין הויף. כ'וויל אָבער סאַבאַח, זאָלסט אויך צאָלן אַ חלק. העלפט אויף העלפט. וואָס טענה'סט דו, יאַהוד סאַבאַח?

שבח האָט נישט געטענה'עט. ער איז געבליבן זיצן שווייגענדיג. און אום נישט אָנצוקוקען דאָס צעפלאַקערטע פּנים, האָט ער פאַרגראָבן די אויגן אין ספר. די אותיות האָבן גענומען טאַנצן אונטער די צעשראָקענע בליקן. נישט אַזוי דאָס, וואָס האַסאַן בעק גייט ארויפּ־ציען אַ פּאָר שיכטן ציגל אויף דער מויער, אָפּצוזימען זיך אין אַ תחום — האָט אים צערודערט, אַ מאַכמעדאַנישער מנהג, נאָך דער פאַרלאַנג פונ'ם אַראַבער, מען זאָל אים באַצאָלן העלפט, האָט שבח'ן אַראָפּגעקלאַפּט. ס'האָט ביי אים צוגענומען די העזה זיך צו ווערן. שבח האָט נישט געקענט צוריקשלאָגן אַזאַ שונא מיט אַ בלאָט עין־יעקב, מיט אַ שטיק תוספות. צו דעם זענען די אויערן ביים אַראַבער, דעם רודף שלום, פאַרטויבט, ס'האַרץ פאַרשטאָפּט. און צו פעכטן מיט אַ ישמעאל, דאַרף מען האָבן דעם וואָפן פון אַ ישמעאל.

ער איז נישט פאַראומערט געוועזן צו זיצן אין דער אַראַבישער גאַס מיט זיין בראָט־אויוון. דאָס איז חיי־שעה. יעדער שפּאַן ערד איז ארץ־ישראל. אויב נישט די היינטיקע יהודים, האָבן די אָבות די ערד באַטרעטן. ער, שבח קען דאָס באַווייזן מיט חלקים תנ"ך. מיט ראיות. נאָר וואָס וועט ער זיך ראַנגלען מיט אַ נמרוד, וואָס איז מיטן גוף שטאַרקער פאַר אים? ער וועט פאַרשווייגן. די צונג אָבער וואָס שלאָגט זיך פאַר צדק, וואָס שלאָגט זיך פאַר אמת, קען נישט שווייגן. זי וואַרפט אָפּ די אומרעכט.

— אין דיין הויף מעגסטו אפילו ארויפציען אַ בבל־טורעם, האַסאַן בעק! מעגסט זיך ארומרינגלען מיט אַ חומה. ס'איז דיין הויף, און קענסט זיך פילן ווי אַ נביא אין זיין וויינגאָרטן. איך אָבער וועל קיין חלק דערפאַר נישט באַצאָלן.

— דאַרפסט באַצאָלן, יאַהוד סאַבאַח — זענען די רייד ביים

אַראַבער געוואָרן היציקער — לויט דער באַדיסע, מעג אַ מוסולמענער אפילו פאַרטרייבן אַ שכן, אַ כופר, וואָס שטעלט אריין אַ פוס אין׳ם הויף פון זיין הויז-געזינד. און פאַר דיר זענען אַלע טויערן אָפן. מיין וועלט, אַ מוסולמענישע — פאַררינגלט אויף זיבן שלעסער, דיינע, אַ יאַהודישע — אָפן פאַר די פיר וועלט-רוחות. אַ מויער מוז אונז צעשיידן, יאַהוד סאַבאַח, און די מויער דאַרפן מיר ביידע ארויפציען.

— נישט איך, חאַסאַן בעק! — האָט שבח אַ דערצאָרנטער גע־ענטפערט.

חאַסאַן בעק איז אַראָפּ פון זיין געטרעפּלטער שוועל און גענומען שרייען מיט קולות, אַז דורכגייער-אַראַבער האָבן זיך אָפּגעשטעלט.

— איר יאַהוד, זייט שטענדיק אַזוי. ווי געסט קומט איר צו אונז, און ווי באַלעבאַטים פירט איר זיך. קיין דאַנקבאַרקייט פאַר דעם חסד, וואָס מען טוט צו אייך. קיין שלום-וואָרט פאַר דער רו, וואָס מיר, מוסולמענער גיבן אייך.

שבח האָט פאַרמאַכט דאָס ספר און זיך אויפגעשטעלט. די ברוינע הויט אויף זיין קנאָכיקן נזיר-פנים האָט געציטערט. דאָס בערדל האָט זיך אויסגעשפּיצט. ער איז פול געווען מיט צאָרן. פון גרויס צער האָט ער געזוכט אַ טרעפלעך וואָרט דעם רשע אָפּצושרייען. וואָס פאַראַ חסד? וואָס פאַראַ שלום? פּונקט ווי ביי די אַשכנזישע און ספרדישע יידן אונטערן צלם, אַזוי האָט מען די תימנ׳ער יידן אונטער דער האַלבער לבנה געצווונגען צו שמד. און ווער זענען דאָ די געסט? און וואו הערט ער די רייד, נישט אין גלות תימן, נאָר אין ארץ-ישראל?

חאַסאַן בעק האָט זיך געשטעלט נענטער צו שבח׳ן. אַ שפּאַן האָט זיי אָפּגעטיילט. ביידע האָבן זיך איבערגעקוקט. אין דעם אַראַבערס בליק איז געווען נצחון, אין דעם יידס׳ם — הכנעה.

ס׳איז געוואָרן שטיל. באַלד האָט פון׳ם נאָענטן מעטשעט זיך פאַרטראָגן דאָס הייזעריגע קול פון דעם מולאַ — אַ רוף צו דער האַלב-טאָג-תפילה. ס׳איז געווען נאָך דער מאַרק-שעה. חאַסאַן בעק האָט צוגעשפּאַרט די הילצערנע לאָדן-טירן פון זיין קראָם, ער האָט

פארלייגט א שלאָס, און מיט גאָטפאָרכטיגע טריט זיך געלאָזט צו די מעטשעט-מויערן.

די זון האָט געבאַקן.

שבח האָט אים נישט נאָכגעקוקט. ער האָט פארשטעקט דאָס ספר אינ׳ם גארטל. ער האָט א הויב געטון אויף די פּלייצעס דאָס זעקל פּירות. אין דער לינקער האַנט האָט ער גענומען דעם אייזערנעם בראָט אויוועז און מיט גיכע טריט זיך געלאָזט צום זאַמדיגען וועג.

חאַסאַן בעק׳ן האָט גערופן דאָס קול פונ׳ם מולא. און שבח׳ן האָט גערופן א קול צו זיך, א קול צום תימנ׳ער קווארטאַל, צו דער שול, ווו דער טלית, די רצועה און דאָס ספר קנופּן דעם יהודי און בינדן אים צום תחום, צום שטאַם און צום קוואַל.

* * *

צומאָרגנס, גלייך מיטן טאָג־אויפגאַנג האָט שבח אָן אויסגע־טובלטער געשפּאַנט צוריק פון דער תימנ׳ער שול. דער מהלך איז געווען א לאנגער. ס׳האָט זיך געצויגן דורך די שמאָלע ים־געסלעך און פון שבח׳ן האָט געשלאָגן מיט חדוה.

אין מזרח האָבן זיך געצונדן די הימלען. דאָס ליכט פון באַגינען האָט זיך געריסן און געשפּריזט דורך די שיטערע, צעפליקטע וואָלקנס און געווישט די לעצטע שטיקער חשכות. אַנטקעגן אין מערב, האָט נאָך געבליכט אַ צאַנקענדיקע פּערטל לבנה, מיט א ציטער, ווי דאָס לעצטע פלעמלען אין א פאַרלאָשענער קנויט.

פון ים האָט געבלאָזן א ווינט, אָנגעלאָדן מיט זאַלץ און פּאָספּאָר. שבח האָט טיפער איינגעגראָבן דעם קאָפּ אינ׳ם קאָלנער פונ׳ם לייווענטענעם כאַלאַט. דאָס ברייטע האַלז-טוך מיט פראַנזן וואָס איז געהאָנגען איבער די אַקסלען, האָט ער פעסטער ארומגעקניפּט. ס׳איז אים געוואָרן ווארעמער און ער האָט גענומען שפּרייזן גיכער. דאָס האָט ער זיך צוריקגעקערט פון דער שול „תפארת יעקב״. דאָרט האָט ער זיך צערעדט מיט ר׳ יששכר דעם דיין, וועגן די אייגענע יסורים. ר׳ יששכר, אַ פּוסק אחרון און אַ למדן האָט געקוקט אויף יידישע צרות דורך די פינגער. ער האָט אויפגעוויזן אַז נאָך איוב׳ן, האָט נאָך קיין

ילוד־אשה אויף גאָט"ס ערד קיין יסורים נישט געהאַט. ער האָט געטרייסט שבח'ן, דערמאָנענדיק די שמד-גזרות אין די ציַיטן פון ר' יעקב אַלפיומי, דערמאָנענדיק די אגרת-תימן, וואָס דער רמב"ם האָט דעמאָלט צוגעשיקט. און שבח איז געווען אזוי פאַרכאַפּט, דאָס ער האָט פאַרשפּעטיגט דעם ערשטן מנין. נאָכ'ן דאַווענען איז אים געוואָרן לייכטער. ער האָט מער נישט געוואָלט מעסטן זיינע אייגענע צרות. און צו וואָס אזוי פאַרגיין אין עגמת־נפש? האָט דען דער מאַכמעדאַנער אים חס ושלום פאַרטיליגיט? ער, שבח, טרייבט אליין איבער. „דער מזרח-מענטש זעט א מילב און זאָגט, ס'איז א קעמעל". און ווען חאַסאַן בעק זאָל אַ בבל-טורם אויסמויערן, וועט ער אים דעם טאָג־שיין נישט פאַרשטעלן, מען קען זען גאָט אריבער אלע פאַרצוימונגען, אריבער אלע פלויטן.

שבח האָט געשטעלט ברייטערע שפּרייזן און וואָס גיכער געוואָלט אריינקומען אין שטיבל, איבערכאַפּן א כזית, און גלייך אריינפאָרן אין דער פאַשאַ-גאַס. חאַסאַן בעק'ן צו להכעיס, אלע ישמעאלים צו להכעיס, וועט ער בראָטן און באַקן זיינע קאַשטאַנעס. ער וועט זיך שלאָגן פאַר זיין פּדיון, ער וועט זיך שלאָגן פאַר דעם שפּאַן ערד, וואָס ער פאַרנעמט. און אַז מען וועט אים פאַרטרייבן א קונה, וועט ער נישט אָפּשטיין, וועט וואַרטן פאַר נייע. נישט בלויז ישמעאלים, נאָך אויך יהודים, ספרדים שפּאַנען דורך די פאַשאַ-גאַס און מען גיט טאָקע צו לייזן אויך. דערפאַר, אַז מאַכמעדאַנער, לאַסט-טרעגער פאַרקריכען אין די יידן-גאַסן, טראָגט מען זיי אַקעגן געפעק, לאַדונג. ישראל-ישמעאל. לכו והתפרנסו זה מזה!

אַזוי טראַכטענדיק האָט שבח אריינגעשפּרייזט אין אַן ענג געסל, וווּ פון ביידע זייטן האָבן זיך געצויגן געלע, שטיינערנע פלויטן. די פלויטן האָבן פאַרשטעלט שורות מיט קאַנטיקע פלאַכע ווייסע הייזער, וואָס זענען געווען באַוואוינט פון פרומע, מאַכמעדאַנישע משפחות. די פלויטן האָבן צעשיידט די קאַראַן-גלויביקע פון די כופרים. די פלויטן האָבן ארומגעצוימט די מוסולמענישע וועלט, וואָס איז פאַרריגלט און פאַרזיגלט אויף טויזנט שלעסער.

שבח האָט זיך אָפּגעשטעלט אין עק גאַס, פאַר א גרוי פלאַטשיק הייזל, מיט אַ אָפּגעשיילטן שינדל-דאַך. מיט אַ לייכטן שטופּ האָט ער געעפנט אַ שווערע, הילצערנע טיר. ער האָט אַ קוש געטון אַ פאַר-גלעזטע מזוזה און אריבערגעשפּרייזט די שוועל.

ס'איז אים אנטקעגן געקומען דאָס ווייב נעמי, געזוויקלט און געהילט אין טיכער:

— וואויל וואָס דו ביזט געקומען, מאַן מיינער.

שבח, וואָס איז געוווינט געווען תמיד צו האַלטן איבערן ווייב אַ האַרבע צונג, ווי אַ בייטש, איז איצט צוליב דער אייגענער פרייד, געוואָרן ווייכער. ער האָט געזען ווי זי, אַ באָרוועסע, בלויז אָנגעטוכט ווי אין די טבת-רעגנס, דרייט זיך ארום אזוי פּרי איבערן שטיינערנעם דיל, האָט פון חידוש דאָס שיטערע בערדל זיך פאַרשפּיצט און די שטשאָקעס האָבן זיך פאַרקנייטשט:

— ביזט שוין אויף די פיס, נעמי?

— די האַמער־קלעפּ האָבן מיך אויפגעוועקט, שבח, די האַמער-קלעפּ פון דרויסן — האָט זי אָנגענומען דעם מאַן, אוים דרך-ארץ, פאַר די שפּיץ-פינגער — אַ האַלבע נאַכט האָב איך נישט געקענט צומאַכן מיינע מידע אויגן. ערשט ביים צאַנקן פון די שטערן, כ'וויל איינדרימלען, ס'ציט מיך צום שלאָף, ווי אַ מת צום קבר, דערהער איך שווערע קלעפּ. כ'קוק דורכן פענסטער. ס'איז חאַסאַן בעק. דער באַדזשי אליין, שטייט מיט אַ האַמער אין האַנט און רייסט אַראָפּ שטיינער. ער ציט אַרויף ציגל, ער פאַרמויערט די וואַנט, ער פאַרשטעלט אונז די שיין. קום ארויס אין חצר, שבח, וועסטו זען, וואָס דער מאַכמעראַנישער צדיק טוט.

שבח איז איר נאָכגעגאַנגען. נעמי האָט אויפגעריגלט אַ טיר אין דער צווייטער וואַנט. ביידע זענען געבליבן שטיין אינ'ם ענגען, פיר-עקיקען הויף, וואָס איז געווען גרוים פיר אויף פיר. פאַר דער מויער, וואָס האָט אָפּגעטיילט דעם הויף פון דעם שכנות'דיגן, זענען געווען אָנגעוואָרפן ציגל, ברוינע קורקאַר־שטיינער, אַ שאַף מיט ליים. איבער דער שאַף איז געשטאַנען אַ באָרוועסער אַראַבער אין אַ פּאָר פּאַלע-

הויזן, די פּיס צעשפּרייט און ווי אַ קונצן-מאַכער האָט ער געוואָרפן די ציגל אייגציקווייז אַרויף צו תּאסאַן בעק׳ן, וואָס איז געזעסן רייט-ענדיק אויף דער מויער. תּאסאַן בעק האָט געהאַלטן אין איין האַנט אַ קעלניע מיט ליים, אין דער צווייטער — אַ ציגל און אַזוי האָט ער געמויערט אַ נייעם שיכט. ער האָט געטון זיין אַרבעט שווייגענדיק, נישט געזען אַרום זיך קיינעם און זיך אונטערגעגאַרגלט אַ צעצויגענעם האַלז-ניגון פּגנ׳ם שבט פון אַבו-האַבס.

שבת, ביי וועמען די מונטערקייט איז אַוועק מיטן ערשטן בליק אויף תּאסאַן בעק׳ן, איז געבליבן אַ ווײַלע אומבאַוועגלעך. באַלד האָט ער אַ הויב געטון די אויגן צום צעצונדענעם הימל, וואָס האָט זיך געבלויט, דערנאָך אויפ׳ן ווייב, ווי ער וואָלט געהאַט צו איר תּרעומות.

— אַזוי פּרי? אשה, אַזוי פּרי?

נעמי האָט געשטעלט טריט אויף צוריק. אירע ברוינע אויגן פול צניעות און באַהאַלטנקייט זענען געוועזן אַראָפּגעלאָזט, נישט געקענט קוקן אויפן פאַרשעמטן מאַן אירען. און די ליפּן, טרוקענע, פאַר-ברענטע, האָבן געשעפּטשעט:

— אַ שטיין שטעלט ער מיר, דער רשע, אַ מצבה שטעלט ער מיר נאָך ביים לעבן!

זיי זענען אַריין אין שטיבל.

שבת האָט זיך געשטעלט ביי דער מזרח-וואַנט, וווּ איבערן שמאָלן ספרים-אַלמער איז געהאָנגען אַ פאַרגעלטער „שויתי". דעם רעכטן עלנבויגן האָט ער אָנגעשפּאַרט אויפן אויבערשטן ברעטל און דעם פאַר׳צער׳טען שטערן, אַריינגעלאָזט אין דער האַנט-פלאַך. אַזוי איז ער געשטאַנען עטלעכע רגע׳ס און געוויגט מיט די ליפּן אַזוי שטיל, אַזוי אומהערבאַר, ווי ביי אַ תּפילה זכה. באַלד האָט ער זיך האַסטיק אויס-געדרייט און אַ זאָג געטון.

— כ׳גיי צו יפת׳ן פרעגן אַן עצה.

— ווּעסט איבערבייסן צוערשט, מאַן מיינער, ס׳לויפט זיך נישט

איבער א שלעכטן מוסלעם דעם גומען צו האלטן טרוקן און די קעל פארדארט ביז'ן האלבן טאג. וועסט איבערבייסן.

— דערלאנג, אשה!

— וואש זיך איין.

דאס וואשן איז געוועזן גיך. די ברכה — נאך גיכער. ער האט זיך געזעצט אויף א פיס-בענקל. נעמי האט אים דערלאנגט א צונג-ברוינטע, טייגיקע פיטע, א שטיק קנאבל, א פאר איילבירטן און א שעפ וואסער. שבח האט געפליקט די הויט פון דער פיטע און געשליגנען נישט צעקיטערהייט. ער האט פארביסן מיט די איילבירטן. די קנאבל האט ער צעפערטלט, צעאכטלט און געלייגט יעדעס שטיקל אויף א באק-צאן מיט אזא הנאה, ווי דאס וואלטן געווען ארמענישע געווירץ-בלעטער. בשעת'ן עסן איז דאס ווייב געשטאנען אין א ווינקל א צעקנאדערטע. זי האט געקוקט אויף שבח'ן מיט גרויסע פארצערטע אויגן, האט געציילט יעדן ביס זיינעם און אליין האט זי פארשלינגען מיט טרערן.

שבח איז געווען פארטון מיט זיך, פארטון מיט דער אכילה. ער האט נישט געהייסן דעם ווייב טועם זיין. ס'איז ביי אים געווען א געדרויש אין קאפ, ווי ביי יעדן מזרח-מענטש, ווען ער גייט „אין א באד און וואסער" איצט וועט ער גיין צו יפת'ן דעם גאלדשמידט, א קרוב און א בן-עיר. יפת האט זיין פרנסה קיינמאל נישט געטווישט. אין תימן האט ער געשמאלצן גאלדענע רינגען און נאז-בענדער פאר עפענדישע ווייבער. דא,אין ארץ-ישראל, טוט ער שמעלצן מגן-דוד'ס און גאלדענע יד'ען פאר ספר-תורה'ס. יפת שפילט זיך מיטן צשמאלצענעם גאלד, מיט די קייטעלעך, גלעקעלעך, כתר'ס, מיט אזא יראה, ווי דאס אליץ וואלט געשטאמט פון די בית-מקדש-כלים. שבח וועט א בלעטער טון אין משפחה-יחוס. ער וועט אויפמישן זיידעס, פעטערס, מחותנים, דערנאך וועט ער זיך מיט אים שואל עצה זיין, צי ער זאל פארלאזן דאס ירושה-שטיבל און זיך אריבער-ציען אינ'ם תימניש'ען קווארטאל און הויזן צווישן אייגענע?

און יפת? וועט ער אים נישט פארשעמען? וועט ער אים אויפנעמען

אין זיין גאָרטן, הינטער א טייטלבוים, אָדער אין די רייכע חדרים וואָס זענען באַהאָנגען און באַלייגט מיט האָריגע טעפּיכער, וואָס קומען פון פרס און מדי?

שבח האָט איינגענעצט די פינגער אין דער וואַסער-שעפּ און אָפּגעבענשט. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, האָט לויזער געמאַכט דאָס ליוועווענע האַלז-טוך, האָט גענומען א צייניקעז שטעקן און ארומ־געגאַנגען. נעמי וואָס איז איצט געשטאַנען א שוויַיגענדיקע, האָט אים באַגלייט צו דער שוועל מיט בענטש-ווערטער:

— יהי רצון, אַז דו וועסט מצליח זיין, מאַן מיינער! יפת וועט העלפן. און אז דו גייסט שוין צו יפת'ן, דערמאָן אים אַז ביי זיין גליר-שוועסטער־קינד, ביי רצונ'ען, בין איך, א זינדיקע אשה, מיט דרייצען יאָר צוריק געווען א אונטערפירערין, און א יאָר שפּעטער ביים פדיון־הבן האָב איך געסאַרווערט. מיינע הענט זענען געווען צעשאָבן און צעשטאָכן פון פליקן פעדערן און פון שיילן צאַבּרעס... דאָס איז מיין זכות און כ'וויל א שכר. פאַרגעס אים נישט דאָס צו דערמאָנען, ר' שבח, למדן און מאַן מיינער!

* * *

נישט יפת אליין, דער גביר, נאָר זיין ווייב מזל, אַן אויסגעשט־טראָצלטע נגידת'טע, א צנועה און אשת-חיל, האָט פאַר שבח'ן געעפנט ברייט די באַגילדטע טירן. זי איז געווען אָנגעטון אין ווייסע, צעפאַלדעוועטע קליידער, פאַרהעקלט און פאַרקנעפּלט פון די פיס־קנעכלעך ביז צום האַלז. אויף די קליידער זענען געווען אויסגענייט מיט רויטן פאָדים דינע באַצירונגען און געדרייטע גראַוויִרן, ווי געציקלטע אַראַבישע שריפט. דער פאַרקנוילטער קאָפּ שוואַרצע האָר וואָס איז זיך צעפאַלן אין א צווילינגס-קאָקס, איז געווען באַדעקט מיט א רויט זיידן־הייבל. און דאָס קלאָרע פנים, איידל און לויכטענדיק, ווי ביי איינע פון די אמהות.

מזל, א דערפרייטע האָט אריינגעפירט שבח'ן מיט ביידע הענט אין עס-צימער.

— א קרוב, אַן איינגענער און אַזא בישן, מיט ביידע פיס טרעט

אריין, מיט ביידע. כ'גיי דיר איצט אנטקעגן, שבח, כאטש כ'האב אינ־גאנצן נישט געדארפט צו דיר ריידן. האסט מביש געווען אונזער הויז. ווי פארגעסט מען זיך אזוי, שבח, אז מען פרעגט נישט נאך, פאר א יאר צייט, אויף אייגן בלוט און פלייש? האסטו דען נישט געהערט אז אונזער יוכבד איז געלעגן געווארן מיט א צווילינג, און ביי יוסיפון האט מען שוין געבראכן טעלערס אויף די אירוסין 3)? און ווו איז דיין ברכה געווען? ביזט דאך געניט אין די אותיות, ווי א שטערנזעער אין די וואלקנס, און דו ווייסט גוט, אז דיינס א דרוש, דיינס א בענטש־ווארט איז ביי מיר בילכער, ווי אלע געשאנקן וואס די היימישע אורחא־פורחאניקעס האבן מיר אנגעטראגן כ'זע ביזט פארזארגט, שבח, שווייגסט, ענטפערסט נישט. דו זוכסט יפת'ן? כ'וועל אים רופן אבער מיט וואס דו זאלסט נישט קומען אין אונזער הויז, מיט פריילעכע נייעס, צי חלילה, מיט וויסטע בשורה'ס, פארטרוי זיך פאר אים, שבח!

שבח, אי צעטומלט פון מזל'ס טענה'ס, אי צענומען פון דעם ברוך־הבא, וואס זי האט אים צוגעטיילט, איז געבליבן שטיין אין א גרויס פיר־עקיקען צימער. אינמיטן צימער — א קיילעכדיקער, דריי־פיסיקער טיש, באדעקט מיט א סאמעטנעם טישטוך. ארום טיש — טיפע שטולן, אויסגעבעט אין לעדער און פליוש. אויף די פענסטער פארהאנגען ווי יריעות. און די ווענט באהאנגען מיט מנורה'ס, חנוכה־לייכטערס, אתרוג־ביקסן, בשמים־קעסטלעך — אלץ געגאסן פון גאלד און זילבער.

שבח האט געקוקט אויף די גאלדענע כלים. ער איז זיכער געווען אז יפת'עס עשירות איז זיך צעוואקסן און געטראכט, אז מיט אזא רייכטום קען מען אויסלייזן א חלק יידן פון גלות־תימן. ער האט באמערקט ווי מזל האט ארויסגעשפאנט און א צוריקגעצויגענער, א פארשעמטער, ווי אן אורח, האט ער צוגערוקט א שטול צו דער טיר און זיך צוגעזעצט.

יפת, באגלייט פון ווייב, האט פלינק ארייגעשפרייזט אינ'ם עס־

---

3) אירוסין — תנאים.

צימער, אין זיינע טוכענע שטעק-שיך. ער האָט געטראָגן א שוואַרצן געפּרעסטן בגד, ווי אַן אשכנזי. נאָר דאָס סאַמעטענע קאַפּל אויפן שפּיץ קאָפּ, די פּאות, ווי פרענזן און דאָס שמאָלע, צעפּאַלדעוועטע בערדל ארום דעם פעטן בוימאייל־פּנים — האָבן אויסגעגעבן, אַז דאָ שטייט א תימנ׳ער נגיד, א מיוחס.

אויף די לאַצן פון זיין ראָק זענען געווען אָנגעהאָנגען גאָלדענע קייטעלעך, קלימפּערלעך, דעוויזקעס, מגן-דוד׳ס. אויף דער וועסט ארומגעפלאָכטענע בראַסלעטן, בראָשן, מעדאַליאָנען און אפילו האַלז־בענדער.

ביים מינדסטען קער האָבן די גאָלדענע אַנטיקן אויף אים זיך געוויגט, זיך געבאָמבלט, און אַז ער האָט זיך גענומען שפּרייזן, האָט ער אויסגעזען, ווי א גייענדיק יוועליר־געשעפט.

יפת איז אַקעגן געגאַנגען דעם גאַסט מיט אויסגעשפּרייטע הענט.

— שלום עליכם, קרוב און מחותן!

— עליכם שלום, יפת! — האָט שבח זיך אויפגעשטעלט.

— כ׳ווייס אַלץ, כ׳ווייס. כ׳בין זיך משער, אַז נישט קיין נחת האָט דיך געבראַכט אהער. ווען קומט מען צו יפת׳ן? ווען מען דאַרף פּאָמפּען וואַסער פון די „יפוער ברונימס״... מען דאַרף אויסוויינען ס׳הארץ. מען זאָגט דאָך, אַז כ׳גיי אין גאָלד, אָדער ווי דו זעסט, ס׳גאָלד באַדעקט מיך — האָט ער געוויזן אויף די הענגענדיקע גאָלדשטיקלעך, ווי אויף מעדאַלן — נאָר בהן שלי, קענסט ציילן די האָר פון א פּאה? אזוי קענסטו ציילן די רענדלעך וויפיל כ׳בין שולדיק פאַר יעדן האַלז-באַנד, פאַר יעדען נאָז-רינג... כ׳אַרבעט אויך מיט זיבן שווייסן אויף דער פּיטע און אויפן שטיקל קנאָבל... יאָ, יאָ, א למדן ביזט דו, שבח א גרויסער, אָבער א מכניס־אורח בין איך א גרעסערער. דעריבער האָסטו געמעגט אריינשטעלן א פוס איינמאָל אין א זמן.

— ווען קען איך דען קומען? — האָט שבח גענומען זיך פאַר־ענטפערן — אַז דער עול פּרנסה לאָזט נישט ארוים פון תחום. און ווי גייט עס ביי דיר, יפת?

— ס׳גייט, א לויב צום ברוך ומבורך, ס׳גייט! כ׳האָב א שם פאַר א

גראַווירער, א מומחה, מען קומט צו מיר פון איבעראַל, מען קומט אפילו פון אַלעקסאַנדריע, פון פּאָרט-סאַאיד. עס זוכען מיך אויף ישמעאלים, מוסולמענער. לאָמיר נישט לייקענען דעם אמת און נישט זינדיגען פאַרן רבון כל עולמים, זענען די ישמעאלים בעסערע צאָלערס פאַר אונזערע יהודים, די גבאים. וואָס א זילבערנע יד, א חנוכה־לייכטער, באַרייסן זיי דעם פּדיון. מיטן תירוץ אז ס׳איז פאַר דער עדה, פאַר א מקום-קדוש — זאָגן זיי, דאַרף איך איינגאַנצן נישט קריגן קיין שכר. און זיי? — פרעג איך דעם שמש, דעם מוהל, דעם חזן — האָבן זיי נישט קיין חלק, אין דעם מקום-קדוש? פאַרוואָס טוען זיי נישט זייער אַרבעט אָן שכר? מיט די אשכנזים, מיט די ספרדים קומט מען דורך. אָבער אונזערע אייגענע ברידער, די תימנ׳ער — האַרטע קונים. און בינינו לבין עצמנו, זענען זיי טאַקע אביונים... זעסט שבת, אָט די אתרוג־ביקסן, די בשמים-קעסטלעך, די גרויסע מנורה? — האָט ער א ווייז געטון מיט א האַנט אויף דער רעכטער וואַנט — דאָס אַליץ גייט נאָך ביירוט, א ספרדישער חכם האָט עס באַשטעלט. א גאָלדענע פּרנסה, טראַכסטו, וואָס? אָבער ווייס שבת, אז צו גראָבן גאָלד, מוז מען זינקן טיף אין דר׳ערד... זיץ שבת, מיינע שטולען זענען ווייך, ווי אויסגעבעטע הינטנס, כע כע כע כע ... און דו האַנדלסט אַליץ מיט פּאַפּשויעס, מיט קאַשטאַנעס אין דער פּאַשאַ-גאַס?

— וועגען דעם יפת, בין איך טאַקע געקומען זיך שואל עצה זיין מיט דיר — האָט שבח אָנגעהויבן — פאַר פּרנסה וואָלט איך אָפּגעגעבן א לויב דעם ברוך ומבורך — ס׳איז בדוחק, אָבער מען האָט א כזית... אָבער א שכן א מוסלעם, מאַכט מיר ענג ס׳לעבן... ער טרייבט מיך פון דער גאַס.

יפת האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף א שטול און טיפער אריינגערוקט ס׳געזעס צום אויסגעבעטן ווענטל. די אויגן האָבן גענומען דרימלען. דאָס קיילעכדיקע פעטע בוימאייל-פּנים האָט זיך געררונצלט מיט אזא תענוג, גלייך דער גומען וואָלט געקייט צוגעבאַקענע פייגן.

— א מוסלעם טרייבט דיך און דו ווילסט אַנטלויפן פון דער פּאַשאַ־גאַס? און ווער וועט צושטעלן געבראָטענע פּאַפּשויעס פאַר די

קעמל-פירערס און אייזל-טרייבערס? און ביזט דאָך א היילער אויך! קענסט טרייבן א בייז אויג. כ׳קען די גאַס. אַלע נכבדים פון דאָרף סומעל קומען דאָרט אהין. איך אויף דיין אָרט, וואָלט נישט עוקר געווען. כ׳זוך אליין, ווי גענטער זיך צו רוקען צו די מוסולמענער. גוטע שכנים, מען קען מיט זיי האנדלען. מיט אונזערע בני־עמנו איז גוט צו זיצן איבער א פליישיקע, געפילטע פיטע, ס׳איז גוט צו הערן די פויק פון ברית־מילה און דאָס שפילן פון די טענידאָרעס 4) אָבער נישט קריגן פו זיי פדיון.

דאָס ווייב מזל, וואָס האָט גאַכאַנאַנד געשוויגן, מיט גרימצאָרן געקוקט ווי איר מאַן פויקט אריין אין שבח׳ן, ער פאַרשיט אים מיט רייד, האָט איצט פאַרגלאָצנדיק די אויגן זיך אָנגערופן.

— מיט נחת יפת, מיט געלאַסענקייט. צעטראָג אים נישט לעבע־דיקערהייט. שבח, א קרוב, איז געקומען צו דיר אָן עצה האַלטן. און דו ווייגסט גאָר אוים פאַר אים דיינע זאָרגן, גלייך וואָלסט געשטאַנען, חלילה, פאַר א נדבה, טפו, טפו, טפו! נישט געדאַכט זאָל ווערן אזא מחשבה! און וואָס האָסטו זיך אויסגעזעצט ווי א שכמ׳ער עפענדי, ווען, ער שבח, שטייט אין טיר, ווי א אורחא־פורחאָניק? א שיינער מכניס־אורח! א שיינער גאַסט-ביטער! קום צום טיש, שבח, כ׳וועל ברענגען נאַשווארג, גן-עדן-ניסלעך, איינגעלייגטע פייגן און געצוקערטע טייטלען.

זי איז ארויסגעגאַנגען א גאָטפאָרכטיגע, א פרומע. יפת האָט זיך אויפגעשטעלט. ער האָט צוגעפירט שבח׳ן צום טיש און זיך צעלאַכט מיט דריי טוץ געזונטע ציין.

— זי נעמט זיך איבער מיט איר עשירות, מיין אשה. מען דאַרף נישט קיין גרעסערן עושר ווי קורח איז געווען. פונדעסטוועגן אַז ער איז געוואָרן א בעל־גאווה, האָט אים דער רבונו של עולם פאַר־זונקען מיטן גאָלד, מיטן עשירות... כ׳האָב אזא טבע, שבח. כ׳מאַך זיך שטענדיק קלענער ווי כ׳בין. און וואָס האָב איך דען געזאָגט?

---

4) טענידאָרעס — מוזיקאַנטן.

האָב איך זיך אויסגעוויינט? האָב איך זיך אראָפּגערעדט די זאָרגן? דער אָדם איז גאָרנישט. יסודו מעפר וסופו לעפר... מעגסט נאָכאַמאָל אויסהערן מיך, נישט מיין אשה. כ'ארבעט אין זיבן שווייסן אויף דער פּיטע און אויפן שטיקל קנאָבל...

מיט די זעלבע גאָטפּאָרכטיקע טריט, ווי מזל איז ארויס, איז זי צוריק אריינגעקומען. זי האָט געטראָגן אויף א טאַץ כיבוד: א בייכיקע קאראַפקע מיט רויטן שנאַפּס, איילבירטן און פייגן, גן־עדן־ניסלעך און צוגעבאַקענע סעמעטשקעס, און ווען אַלץ איז געווען צעשטעלט, האָט יפת אליין זיך איבערגערוקט צום אויבן אָן. ער האָט געמאַכט א העויה, ווי א מענטש, אויף וועמען מען לייגט ארויף גרויסע פליכטן און ער האָט אָנגעגאָסן די קדוש-כוסות.

נאָכ'ן ערשטן כוס האָט שבח זיך צעוואָרעמט. דער שנאַפּס האָט געבריט דעם גומען, צעברענט די צונג און אונטערגעזאָגט אַז ער, שבח, האָט נישט וואָס אויסצובאַהאַלטן, אַז נאָך אַלעמען געפינט ער זיך איצט ביי א קרוב, דערצו ביי איינעם, וואָס וויינט אויף זיין אָרעמקייט, דער רבון כל עולמים קען באַשטראָפן חונפים, און אויב עס געשעט גאָרנישט, איז עס אין זכות פון זיין ווייב מזל, די צדיקת. און מיט אים, דעם חוטא בפה דאַרף ער איצט ריידן אָפענע דבורים. ער האָט פאַרביסן א פייג, צעקייט אָן איילבירט און האָט אָנגעהויבן.

— איז וואָס טראַכסטו, מחותן און נגיד? כ'וויל אַוועק פון דער פּאַשאַ־גאַס און אריבערקלייבן זיך אין דער תימנ'ישער שכונה. דאָס גראַווירן האָב איך נישט פאַרגעסן. כ'וועל זיך אָנדינגען צו א גאָלד-שמיד. אביסל תורה, אביסל מלאכה און דער דערבאַרעמדיקער וועט אויך מזכה זיין מיט הצלחה. פון דיר יפת פאָדער איך צוויי זאַכן: הסכמה און א גמילות-חסד, וואָס ענטפערסטו, יפת?

יפת האָט א קוק געטון אויף שבח'ן ווי אויף א חסר־דעה. פון צעטראָגנקייט האָט ער גענומען וואַרפן אויף די ציין איין געבאַקענע סעמעטשקע נאָך דער אַנדערער און צעקייט זיי מיט אַזאַ פּינקטלעכקייט און טאַקט, גלייך ער וואָלט געהאַט אין מויל א שייל־מאַשינקע. אינמיטן קייען האָט ער אָנגעשטעלט די אויגן אויפן ווייב, אויף וועמענס פּנים

ס'איז געווען אויסגעגאָסן פּראַכטיקייט און צניעות. ער האָט גענומען ציילן די ווערטער.

— וועגען דער ערשטער זאַך וועל איך טראַכטן, שבח, אָבער ווענן דער צווייטער, בין איך נישט דער פּוסק אחרון. מען דאַרף פרעגן דעם שווער, ר' סעדיה. קום אַרויס. ער זיצט אין גאָרטן איבער אַ בלאַט און לערנט.

נישט דעם ווייבס שטרענגער בליק, נישט איר שטומע טענה, פאַר־וואָס ער לאָזט נישט אײַנזיצן דעם גאַסט, האָבן יפת'ן צוריקגעהאַלטן. זיי זענען אַרויס. יפת פון פאָרענט, שבח נאָך אים. גייענדיק זענען זיי פאַרביי אַן אַלקער, פון אַלקער האָט אַרויסגעשיינט אַ טונקעלע ליכט פון אַ ברענענדיקן נר־תמיד. נעבן אַ שווערן ספרים־אַלמער איז געשטאַנען אַן ארון־קודש, געזעגט און געשניצט פון נוס־האָלץ. און איבערן אַריינגאַנג צוויי איינגעראַמטע בילדער. איינס פון ר' סעדיה גאון, דאָס צווייטע פון ר' שלמה שרעבי.

אין דרויסן האָט יפת געעפנט אַן אײַזערן טירל. זיי זענען אַרײַן אין אַ קליינעם גאָרטן. פון ביידע זייטן זענען געווען מאָגערע פלאַנצן, דאָ אַ טייטלבוים, דאָרט אַן אַרויפגעשאָסענער עקאַליפּטוס, און אינמיטן אַ שיטערע גראָז־פלאַך, אַרומגעצוימט פון פיר זייטן מיט שטעכיקע קאַקטוס־קנופּן.

די זון האָט גענומען הייצן, ס'האָט לייכט געווינטלט. הינטער אַן עקאַליפּטוס־בוים, ווו ס'האָט זיך געשפּרייט אַ ראַגאָזשע, אויף אַ געשטרייפטן טעפּיך, איז געזעסן אַ זקן איבער אַן אָפן ספר. דאָס איז געווען ר' סעדיה, אַ צעקנייטשטער מיט טיפע קאַרבן איבערן קלוגען תנא־פּנים, און דער גאַנצער גוף, אַזוי דין און אויסגעטריקנט, ווי דער קערפּער פון אַ קינד.

דער זקן האָט פאַרצויגן די אויגן־הייטעלעך און אויסגעשטרעקט אַ קליינע, צעאָדערטע האַנט.

— כ'זע דיך, כ'זע, שבח, כאָטש די ראיה אַרבעט נישט אַזוי ווי אַמאָל, ווען כ'האָב געקריצט און גראַווירט... אַרײַנצוקוקן אין אַ ספר, דאַרף איך נאָך נישט אָנקומען צו קיין ברילן, אָבער צו זען אַ

מענטש מוז איך אָנטון אַ פּאָר גלעזער, און ווען כ׳קוק דורך די גלעזער זע איך דעם מענטש טאָפּלט, זע איך אים גרויס... וואָס זאָגסטו שבח, דער מענטש איז מיר גרויס אין די אויגן...

ר׳ סעדיה האָט פאַרקנייטשט אַ בלאַט פון ספר און עס פאַרמאַכט. דערנאָך האָט ער פאַרליינגט די פיס הינטער זיך, באַקוועמער געמאַכט דאָס געזיץ און גערעדט צו שבח׳ן:

— אין די וואַרעמע טעג האָב איך ליב צו לערנען אַ בלאַט תוספות אויף דער פריי. תורה זאָגן איז נישט גוט אין אַ פאַרמאַכטן חדר. תורה טוט שפּאַרן די ווענט, דעם באַלקן און דאָס קול פון לערנען דאַרף געהערט ווערן אין הימל יאָ, און וואָס מאַכן די בני-בית, שבח, כ׳מיין, דיין אשה נעמי? דו ביזט דאָך, פאַר קיין ישראלי נישט געדאַכט, אַ חשוך־בנים?

שבח׳ן איז לייכטער געוואָרן פון סעדיה׳ס ווערטער. דער זקן וואָס זעט תמיד פאַר זיך דאָס אות און דאָס ספר, קען אים העלפן. ער קען פועל׳ן ביים איידעם אַ גמילת-חסד, און שבח האָט גענומען זיך אַראָפּריידן. ער האָט דערציילט אַלץ, קיין זאַך נישט פאַרהוילן, און ווען ער האָט געענדיקט, איז ער געבליבן שטיין ווי אַ פאַרשולדיגטער ביי אַ דין-תורה, וואָס וואַרט ס׳בית־דין זאָל אַרויסגעבן דעם פּסק.

סעדיה האָט אָנגעוויזן אַן אָרט נעבן זיך, אי פאַר שבחן, אי פאַר יפת׳ן, דערנאָך האָט ער אָנגעשטעלט זיינע האַלב-פאַרלאָשענע אויגן וואָס האָבן נאָך געגליט, ווי טליענדיקע קוילן — אויף שבח׳ן.

— איך הייס דיך נישט ציען. זיצן זאָלסטו דאָרט אין דער פּאַשאַ־גאַס. יהודים דאַרפן זיין צעשפּרייט אומעטום אין ארץ-ישראל... און פאַרגעס נישט, דו האָסט דאָרט אַן אייגן שטיבל, און דאָס שטיבל האָט דיין שווער, זכרונו לברכה, מיט ליים און שטיינער צונויפגעקלעבט. כ׳געדענק עס... דער ברוגז וועט דורערן נאָך אַ היינט, נאָך אַ מאָרגן. און דו וועסט מיט דיין שכן זיך איבערבעטן. פאַרגעס אָן זיין מויער. נישט דיר, נאָר אים וועט זי פאַרשטעלן דעם שיין פון דער וועלט... און אַז ער וועט דיר אַן עולה טון, צאָל אים אָפּ מיט גוטס. פאַר שלעכטס, צאָל אָפּ מיט גוטס. דאָס וועט העלפן!

— ר׳ סעדיה, ס׳איז שווער מיט זיי צו הויזן — האָט שבח זיך געוואָלט אויפהויבן פון אָרט — זיי זענען אונזערע שונאים.

— גלייב עס נישט שבח, די מוסלעמס קענען זיין אונזערע ידידים. און פאַר וואָסערע שונאים, דו זאָלסט זיי נישט האַלטן, זענען זיי אונז מער פריינט, איידער די נוצרים. אזוי איז היינט און אזוי איז אַמאָל געוועזן, ווען די נוצרים האָבן אונז געשאָכטן מיט די שווערדן, האָבן די מוסולמענער אונז געשיצט הינטער זייערע פאַרריגלטע מויערן. דען פאַרגעסן זאָלסטו נישט, אַז ווען דער מאַכמעדאַנישער קאַליף אָמאַר האָט איינגענומען ארץ־ישראל, איז דער נוצרישער בישאָף, סאָפראָנוס, א צורר ישראל, אים אָקעגן געגאַנגען און געזאָגט: „כ׳וועל דיר איבערגעבן די שליסלען פון ירושלים, נאָר דו זאָלסט די אומגלויביגע יידן נישט לאָזן אריינקומען אין גאָטס שטאָט״. אָבער דער קאַליף אָמאַר האָט אים נישט געפאָלגט. ער האָט מיט די יידן גוטס געטון, ווייל זיי האָבן אים געהאָלפן באַזיגן דעם שונא און אָפּ־נעמען דאָס הייליגע לאַנד.

שבח האָט געקוקט אויף סעדיה׳ן און געשוויגן. דיזעלבע רייד, דיזעלבע הבטחות, האָט אים געגעבן ר׳ יששכר היינט פאַרטאָג אין דער שול „תפארת יעקב״. דאָס טרייסטן האָט אים נישט געוואָרעמט, נישט געהייטערט. און דער עיקר, פאַרוואָס דערמאָנט ער גאָרנישט וועגן גמילת־חסד? פאַרוואָס שווייגט ער? טוט ער נאָך זיין גייציקן איידעם יפת?

סעדיה האָט זיך צעבאָרכלט, ווי ס׳וואָלט אים עפּעס געקרעקט אין האַלז. די אָדערן ארום די שלייפן האָבן זיך געשלענגלט. ער האָט ארויסגענומען א געשטרייפט שניפּ־טוך, האָט אריינגעשפּיגן איינמאָל, א צווייט מאָל און גערעדט, ווי ער וואָלט גאָרנישט געהאַט איבער־געהאַקט דעם שמועס אינמיטן:

— און וואָס דו זאָגסט וועגן אַ הלואה, קומט עס דיר, שבח. בכבוד! בכבוד! דער עולם השקר שטייט נאָך אַלץ אויף דריי זיילן, תורה, עבודה, און גמילות־חסדים... און ער, יפת האָט דיך וועגן דעם נישט געדאַרפט פירן צו מיר. ביי אים זענען די שפּאַר־טעפּלעך. לו

הכסף ולו הזהב... כע כע כע כע — האָט ביים זקן אַלץ געלאַכט, די פּנים-קאַרבן, די פּעלדלעך, די האַלז-אָדערן — נישט ער איז אַ קעסט־אײדעם ביי מיר, נאָר איך בין אַ קעסט-שווער ביי אים. זינט כ'האָב אוועקגעלייגט די נאָל און די גאָלדענע דליטע ווייס איך נישט פון געלט-עסקים. אָבער אויב ער וועט אַפּווייכן פון דעם מנהג פון אונזערע משפחות צו העלפן אַ קרוב, אַ יורד, וועל איך אים אָנשרייען אויך! וועל איך אים זאָגן תוכחה! יאָ יפת, — האָט ער באַפוילן מיטן אײדעם — דו וועסט אים נישט לאָזן פאַלן... כל המקים נפש אחת... אוי, אוי, איין נפש מישראל... דו וועסט שבח'ן געבן וויפיל ער דאַרף. און דאָס תיכף! און דאָס במזומנים!

יפת איז צעטומלט געוואָרן פון דעם זקנ'ס באַפעל. נישט אַזוי די מורא פאַר'ן שווער, ווי דער חידוש פאַרן געשריי האָט אים פאַר-וואונדערט. ער האָט גענומען פינטלען מיט די שמאָלע אויגן און ווי איינער, וואָס ווערט באַפאַלן אינמיטן וועג פון גזלנים, געפּרואווט זיך אָפּדינגען.

— און וואָס פאַראַ משכון קען שבח געבן?

— קיינע משכנות! פון שבח'ן ווילסטו נעמען אַ משכון? ווילסט נכס? און וואָס קענסטו ביי אים נעמען? דעם חנוכה-לייכטער? אָדער דעם קדוש-בעכער? דאָס טאָר מען נישט על פי דת ישראל! ווען איך וויים דאָס מיט דרייסיק יאָר פריער, וואָלט מזל איצט דיין ווייב נישט געווען און איך — דיין שווער נישט. און ווען איך לערן דיך נישט אויס די מלאכה פון שמידן גאָלד און גראַווירן, וואָלט דיין בגד איצט נישט געווען באַהאָנגען מיט אַזויפיל צירונג. אַ לויב דעם בורא, זאָג איך. אויב דו ווילסט נישט קיין מחלוקת אין הויז, יפת, צייל אים שוין אויס במזומנים, וויפיל וועט געגוג זיין, טענהס'ט דו? — האָט ער זיך געווענדעט צו שבח'ן — צען פונט?, צייל אים אויס פאַר מיינע אויגן. קיין קבלה נעם נישט! קיין גוט זאָגן! קיין שבועה! איך בין דער נאמן. צייל אויס!

יפת האָט זיך אַ בויג געטון פאַרן שווער, און די לאַצן באַהאָנגען מיט גאָלדענע קייטעלעך, דעוויזקעס, מעדאַליאָנען האָבן זיך צעקלומ־

פערט ווי גלעקלעך. ער האָט ארויסגעכאַפּט א טייסטער, געבונדן אין פּערלמוטערנע טאָוולען און גענומען אויסציילן ס'פּאַפּירענע געלט. ער האָט אריינגעציילט שבח'ן אין האַנט אריין יעדן פונט מיט אַן איכה-קרעכץ.

ר' סעדיה האָט זיך אַ פּאַטש געטון אין די הענט אריין:

— בסימן טוב און במזל־טוב! שבח, גיי, און דער ברוך ומבורך וועט מצליח זיין דיין וועג!

שבח האָט זיך געלאָזט מיט דער אַנדערער זייט הויף צום טויער. אינמיטן גאַנג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, נישט ווייסנדיק צי ער דאַרף נאָכאַמאָל אריין אין הויז, זיך געזעגענען מיט מזל'ן. ער האָט געזוכט ארום זיך יפת'ן. יפת איז שוין געשטאַנען אויפן געטרעפּלטן אריינגאַנג וואָס האָט געפירט צו זיינע חדרים. א צערודערטער, מיט צעשפּרייטע הענט, איז ער נישט געגאַנגען, נאָר אונטערגעשפּרונגען, גלייך ער וואָלט געלאָפן אַנטאַגן העם ווייב א וויסטע בשורה.

אויף דער גאַס האָט שבח דערשפּירט א זיכערקייט. נישט אזוי ווייט דאָס געלט האָט געהייטערט זיין געמיט נאָר די וואַרעמקייט וואָס ר' סעדיה האָט אויף אים אָנגעיאָגט. ער האָט געטראַכט, אַז די מידות־טובות וואָס סעדיה פאַרלירט צווישן זיינע פינגער, פאַרמאָגט נישט יפת אין זיינע רמ"ח אברים.

איצט האָט ער זיך געלאָזט גיכער מיט די פאַרקנוילטע געסלעך. א שפּאַן ארויס, א שפּאַן אריין. מיטן גאַנג האָבן מחשבות זיך געראַיעט. דער וועג איז איינגעלאָפן, און ער איז צוגעקומען צו זיין טיר.

זכריה, דער שכן, רייטענדיק אויף אַן אייזל וואָס איז געווען באַלאָדנט מיט צוויי מילך־קאַנען פון פאָרענט, מיט צוויי קאַנען פון הינטן, האָט זיך באוויזן אין הויף. הינטער אים איז נאָכגעגאַנגען נעמי, אַן אויפגעהייטערטע, מיט שטרייפן פרייד אויפן פינסטערן פּנים.

זכריה איז אַראָפּגעשפּרונגען פון אייזל. ער האָט פעסטער צו־געבונדען די קאַנען צום זאָטל, איז אַקעגן געגאַנגען שבח'ן און געשמייכלט אויף ביידע באַקן:

— ביזט געקומען אין דער ריכטיקער שעה, שבח. נאָר בטחון. זעסטו, דער בורא פאַרלאָזט נישט דעם פרומען און פאַרטרייבט נישט דעם צדיק.

— וועגן וואָס רעדסטו? — האָט שבח אים אָנגעקוקט.

— כ'רייד, אַז דיין שכן דער כאַדזשי האָט אָפּגעשטעלט דאָס ציען די מויער. מען קען זאָגן, דיינע תפילות האָבן געהאָלפן. מען דאַרף נאָר וועגן די אויגן צום הימל און אונזערע תחנונים וועלן דערהערט.

נעמי האָט ווייטער געצויגן:

— ווי נאָר דו ביזט אוועק שבח, איז דאָס געשען! ער איז געריטן אויף דער מויער, ווי אַ קאַליף אויף זיין פערד. פון הויז האָט זיך דערהערט אַ יללה. ס'איז אָנגעלאָפן אַ ווייב, פאַטמאַ, מיט אַ געיאָמער, ווי אַ קלאָגערין ביי זייערס אַ לויה. וואָס יאָמערסטו, שעפּס? — האָט ער זי געפרעגט. אונזער איבראַהים איז אוועקגעפאַלן, און אַקראַב 5) האָט אים געביסן. רחמים, אַללאַ, רחמים! חאַסאַן בעק איז אַראָפּ פון דער מויער. מוסולמענער, שכנים, זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן. איבראַהים צאַפּלט זיך אין יסורים... פרומע לייט לייענען דאָרט דעם קאָראַן...

די מונטערקייט וואָס שבח האָט געבראַכט פון יפת'ס הויז, איז איצט מיטאַמאָל אָפּגעפאַלן. נישט נקמה פאַר דעם שלעכטן שכן, נאָר רחמנות האָט אים אַרומגענומען. ער האָט אליין נישט געוווּסט פאַרוואָס, נאָר ער האָט געטריבן פון זיך די מחשבה, אַז אזוי באַצאָלט די השגחה פאַר רשעות. ער האָט בלויז געוווּסט, אַז אַן אַקראַב טראָגט אין זיין שנאָבל סם-המות, און אויב חאַסאַן בעק'ס זון איז געביסן געוואָרן, איז זיין לעבן אין סכנה, זיין צאַפּלען — גסיסה. און יעדע שעה וואָס פאַרגייט — פיין און יסורים. אַ צער האָט אים אַרומגענומען, דער צער פאַרן בעל-חי. שבח איז איצט גרייט געווען צו זאָגן טרייסט-ווערטער דעם שכן, פרואוון העלפן. און דאָ

5) אַקראַב — גיפטיקער וואָרעם־שלענגל.

צעשייט זיי נישט בלויז אמונה, נישט בלויז דת, נאָר א מויער, א שטיינערנע מויער.

שבח האָט געקוקט איבערן שטיינערנעם פּלויט, געזען ווי די וואַנט איז אויסגעוואַקסן פון פרימאָרגן אָן. חאַסאַן בעק האָט געאַרבעט מיט אַזאַ איילעניש, ער האָט געציילט די רייען ציגל, איין שיכט, צוויי שיכטן, דריי, פיר, פינף. די זעקסטע שיכט איז נישט געווען פאַרענדיקט.

ס'איז אונטערגעקומען זכריה. און זיין שמייכלענדיק פּנים מיט דער צאַפּ-באָרד האָט אָנגעטון די העויה פון א ציגן-באָק:

— זיי בטוח שבח, ער וועט שוין מער די מויער נישט ציען. און דיין מזרח-וואַנט וועט נישט זיין פאַרשטעלט. ס'איז א תוכחה, זאָג איך, ס'איז א שטראָף פון'ם ברוך הוא.

— א שווערע תוכחה — האָט שבח ארויסגעקרעכצט.

— דו זאָלסט עס זאָגן, מאַן מיינער? — האָט די איינגעשרומפּענע נעמי זיך געשטעלט אַקעגן אים — ווייניק יסורים האָט דיר חאַסאַן בעק אָנגעטון? טראַכט נישט וועגן זיינע זאָרגן. האָסט געוווג אייגענע. און פאַרוואָס דערציילסטו נישט וואָס איז געווען אין יפת'עס הויז? וואָס טוט זיין ווייב מזל און איר טאַטע, ר' סעדיה, דער בעל-מידות? האָט מען דיך דאָרט מכניס-אורח געווען, ווי ס'פּאַסט פאַר א קרוב און מחותן?

שבח האָט אויפגעהויבן א געשטרייפטע פּאָלע פון זיין זשופּיצע, ווי א פאַרהאַנג, ער האָט ארויסגענומען פון א בויך-קעשענע דאָס פּעקל פּאַפּירן-געלט און עס דערלאַנגט נעמי'ן:

— א גמילת-חסד. וועסט קענען זיך ארויסהעלפן.

פון איבעררראַשונג האָבן די שטרייפן פרייד אויף נעמי'ס פּנים זיך גע'כפל'ט, קנייטשן און פעלדלעך זענען איינגעגאַנגען און פון'ם פאַרחושכ'טען שטערן, הינטערן קאָפּ-טיכל, איז געוואָרן א שטיקל ליכטעניש.

זכריה, וואָס האָט ליב געהאַט ארייַנצושטעקן דעם קאָפּ צווישן מאַן און ווייב, ווען זיי קריגן זיך, האָט אויך נישט פיינט געהאַט,

זיך אריינצושטעלן דעמאָלט, ווען זיי פרייען זיך. די בויגיקע נאָז, די שפּיציקע באַקן האָבן געשמייכלט. די פּאות האָבן זיך געבאָמבלט און דאָס מויל מיט ווייסע, שפּיציקע ציין, האָט פון הנאה געגאַוועוועט:

— אזוינס און אזוינס האָט געטון יפת? יפת, דער קמצן?

פון יענער זייט הויף האָבן אויסגעבראָכן קולות. די קולות זענען זיך פאַרגאַנגען וואָס אַמאָל העכער. און נאָך די קולות — אַ ברומעריי, ווי אַ אומהיימלעך וואָיען. דאָס טויערל האָט זיך אויפגעפּראַלט און חאַסאַן בעק אליין אין אַ צעבונדענעם כאַלאַט, ווי אַ געשטראָפּטער הערוויש, האָט זיך באַוויזן. דאָס פּנים, וואָס האָט תמיד געשפּריצט מיט רציחה און צאָרן, איז איצט געווען פול מיט געפאַלנקייט און געבעט. ער האָט געיאָמערט:

— ביים נביא מוכאַמעד! ברודער יאהוד, העלף מיר! מיין זון איז פאַרסמ'ט פון אַ וואָרעם. ער האַלט ביים אויסגיין, פאַרגיב אַלע זינד, ברודער סאַבאַח און העלף. כ'וויים ביזט אַ היילער. כ'וועל ווערן אַ קריך-וואָרעם אונטער דיינע פיס, קום אריבער און העלף!

מער תחנונים האָט שבח נישט געדאַרפט. נישט קיין שונא און אַכזר איז פאַר אים געשטאַנען, נאָר אַ געפייניקטער בעל-חי, וואָס בעטלט פאַר אַ לעבן. ער האָט געלאָזט אַלץ הינטער זיך. ער האָט אַ שטויס געטון דאָס טויער, און איז ארויס. חאַסאַן בעק איז נאָכ-געלאָפן.

אין הויף פון חאַסאַן בעק האָט געטומלט, ווי צווישן די קאָלאָנעס פון אַ מעטשעט. אין אַ גרויסן, פּירעקיקן צימער צווישן הויכע אָפּגעשלאָסענע ווענט האָבן זיך געדרייט אַ מנין עלטערע מאַכמעדאַנער, טייל מיט בערד, טייל געגאָלטע מיט שווערע ספרים, ווי גמרות, אין די הענט און געזאָגט קאָראַן-פּסוקים. זייערע הויכע פעסקעס, זייערע פאַרוויקלטע קאָפּ-טיכער האָבן פאַרשטעלט די ווענט, די צעהאַנגענע געמעלן, וואָס האָבן דערציילט דאָ פון אַ הייליקער מלחמה מיט אַ כופרים-פאָלק, דאָרט פונ'ם רייטענדיקן זיגער מאַכמעד-אַלי. אריבער אַ וואַנט האָט זיך געטראָגן אַ געגודעריי, אַ שטיל גע-

יאָמער פון ווייבער און טעכטער.

שבת מיט חאַסאַן בעקן האָבן זיך דורכגעשטופּט צווישן די מתפּללים. די וועגט ביי די מאַכמעדאַנער, וואָס זענען אייביק פאַררינגלט און פאַרהעמערט פאַר א פרעמדר אויג, זענען איצט געשטאַנען אָפענע, גרייט אויפצונעמען יעדן ווייטן, וואָס קען ברענגען א טרייסט. אין לעצטן דרייעקיקען חדר מיט בלויע ווענט, מיט א סטעליע, אויסגעוועלבט ווי א הימל, איז געשטאַנען א בעט אויף הויכע פיס. אויפן בעט איז געלעגן דער געביסענער איבראַהים, וואָס האָט זיך געקאַרטשעט פון יסורים מיט אזא שפּרינגעריי, ווי א צאַפּל-מענטש.

אויף דר'ערד, איבער א פאַן האָבן געטליעט קוילן. איבער די קוילן א צעגליטע אייזערנע שטאַנג, צעבויגן ווי א האַלבע רייף. און דערנעבן האָט געקניט אַן עלטערער האַלב-נאַקעטער מאַן, מיט אויסגעמאָלענע, קאָלירטע שטערן און פייגל אויף די פּלייצעס, אויף די הענט, ווי ביי א שטערן-זעער.

חאַסאַן בעק האָט אָנגעוויזן אויף דעם קניענדיקן מאַן.

— א היילער פון שכם איז געקומען. ער וויל אויסברענען דעם סם מיט דער שטאַנג. אויך א דאָקטאָר פון די ענגלענדער איז געקומען. ער האָט געשטאָכן איבראַהימען מיט נאָדלען. ס'האָט נישט געהאָלפן, צו שפּעט. ער וויל אָפּשניידן דעם פוס, וועט איבראַהים בלייבן לעבן. דער היילער לאָזט נישט, ברודער סאַבאַח, ער גייט אויסברענען מיט דער שטאַנג דעם ביס, דעם סם. וואָס זאָגסט דו, סאַבאַח?

דער קניענדיקער מאַכמעדאַנער האָט דריי מאָל זיך א בויג געטון, גלייך ער וואָלט געגעבן זיין הסכּמה אויף די רייד, שבת האָט געקוקט אויף די צעגליטע קוילן, דערנאָך אויפן היילער, דערנאָך אויפן קראַנקן. ער האָט נישט פאַרגעסן, אַז מיט פייער פאַרברענט מען סם, פאַרברענט מען טומאָה, פאַרברענט מען רשעות. און ער האָט א זאָג געטון.

— זאָל ער אויסברענען!

חאַסאַן בעק האָט געעפנט די טיר, וואָס האָט געפירט אין צווייטן חדר, א צייכן געגעבן, אַז די מתפּללים זאָלן העכער זינגען די פסוקים פון קאָראַן. ס'זענען אריינגעקומען צוויי געוויקסיגע מאַכמעדאַנער און

זיך געזעצט איבערן קראנקן. איינער האט איינגעקלעמט דעם קאפ, דער אנדערער — די פיס.

דער היילער האט זיך אויפגעשטעלט. ער האט אויספּרובירט דעם צעגליטן שטאנג, ווי ס׳פּרובירט אזים א שוחט דעם חלף, דעם געבי־סענעם האט מען צוגעהאלטן. דער היילער האט איינגעגראבן זיין רעכט אויג אין א אנגעשוואלענעם בלויען פוס. דער פאטער האט גיך צענומען פרעפלען א געבעט. און ווען דאס צעגליטע אייזן האט זיך איינגעגעסן אינ׳ם פלייש פון קראנקן, ווי א פייער, ווי א פלאקער, וואס עסט אויף ביז אש — האט דאס וואיען פון דעם געביסענעם זיך פארגאנגען העכער, העכער און זיך אויסגעמישט מיט די אויסטער־לישע קולות פון די שרייענדיקע מתפללים.

פון דרויסן האט זיך געטראגן דאס יאמערן פון קלאג־ווייבער.

* * *

שבח האט געאיילט צו דער שול „תפארת יעקב״. די מורא, אז ער האט עפעס איבערגעפירט, אז ער האט איינגעשטעלט א פרעמד לעבן, האט אים אריינגעטריבן אין אומרו. נישט אזוי גיך האט ער געדארפט געבן זיין הסכמה, דאס מען זאל אויסברענען דעם בים, און ווען אפילו דער מאכמעדאנער — זיין שונא פון בלוט און פון געביין — איז צו אים אזוי צוגעשטאנען, האט געקוקט אויף אים, ווי אויף א דערלייזער, האט געבעטלט ביי אים רחמים און פארגעבונג — ווער איז ער, שבח, וואס קען נעמען אויף זיך אזא איינשטעל? ווער איז ער, וואס קען אפ־שרייען א גזרה אויף א לעבן? דער שכן — א ישמעאלי, וואס איז מיט א טאג פריער גרייט געווען צו פארטיליגן יעדן יהודי, קען דאך צו־מארגנס, ווען זיין זון זאל חלילה אויסגיין, זיך נוקם זיין שבעתים.

און איצט, דעם ווייב׳ס דראאונגען, זכריה׳ס ווארנונגען — דאס אלץ האט אויף אים אזוי געשווערט, אז שבח׳ן איז איינגעפאלן זיך צו לאזן וואס גיכער אין דער תימנ׳ער שול „תפארת יעקב״. און ער וועט אנשטעלן א מנין יהודים, זיי זאלן זאגן תהילים פארן לעבן פון דעם געביסענעם מאכמעדאנער.

ביי דער שוועל פון שולכעל האט ער באגעגנט דעם שמש, ששון,

א גרייז מיט א לויז געלאָקט בערדל. דער שמש האָט מיט א שטיק אַלט פּרוכת געווישט דעם שטויב פון א אויסגעקרומטן הילצערנעם מגן־דוד, וואָס איז געהאָנגען איבערן נידריגען אריינגאַנג.

— שוין ס׳צווייטע מאָל ביזט דו היינט דאָ. ס׳איז שוין לאַנג נאָך שחרית, שבח, ס׳איז אָבער א שטיק פאַר מעריב. וואָס איז דאָס איילעניש? א יאָרצייט?

— מען דאַרף א מנין תהילים־זאָגערס — האָט שבח א זאָג געטון.

— בחייך? 6) א יולדת דאַרף רחמים? — האָט דער שמש פון התפעלות זיך איינגעבויגן ביז אין דער העלפט און אָנגע-שטעלט די האָריגע אויערן — כ׳ווייס, כ׳ווייס, ביי ר׳ חאַבשוש יאָמערט שוין די קימפּעטאָרין דעם פערטן טאָג. כ׳גיי שוין אָנציינדן צוויי געפלאָכטענע ליכט — האָט ששון אויפגעהערט ווישן דעם שטויב — כ׳וועל אויך טוישן דאָס פּרוכת פון ארון קודש, מען זאָל קענען עפענען די שערי־רחמים מיט כבוד און מיט יראה, ווי ס׳פּאַסט פאַר אזא יולדת, ווי ר׳ חאַבשוש׳עס ווייב.

— נישט פאַר א קימפּעטאָרין דאַרף איך די תהילים־זאָגערס — האָט שבח געוואָלט עפענען די טיר — נאָר פאַר א זכר, שכן, פאַר א מוסולמענער.

דער שמש האָט מיט בײדע טײטל־פינגער גיך גענומען אויס־שטאָפּן די אויערן, גלייך דער חוש-השמיעה וואָלט ביי אים פאַרלאָרן געגאַנגען. ער האָט מיט חשד און באַוואָרעניש אָפּגעמאָסטן שבח׳ן. פון הידוש האָט ער גענומען טרעטן אויף צוריק און דאָס ליידיגע גרוב־מויל האָט אקעגן געשריגן.

— ביי מיר וועסטו דאָס נישט אויספירן, שבח! כ׳נעם שוין די שליסלען און כ׳פאַרמאַך די שול.

— ווו איז דער גבאי, ר׳ יוסיפון — איז שבח אריין אינוויניק, אין שול — כ׳וויל זען דעם גבאי.

— ער איז נישטאָ, דער גבאי — איז דער גרייז אים נאָכגעגאַנגען

6) בחייך — ביי דיין לעבן!

— און דו דאַרפסט נישט דעם גבאי. אויף אזא איסור קען איך אליין זיין דער פוסק!

שבח, א אַנגעצונדענער, האָט האסטיק געטון א שפּרייז פאָרויס, גלייך יעדע רגע וואָס פאַרגייט איז א גרויסע אבידה. ער האָט זיך געשטעלט פאַרן עמוד, ער האָט א קלאַפּ געטון איבערן ברעט און זיך צעשריגן צו די פּאָר יידן:

— איך וויל א מנין יהודים! מען דאַרף מציל זיין א נפש!

בעת שבח האָט געקלאַפּט אין בעלעמער אריין, האָט די טיר זיך געעפנט און דער שוחט מיט א שמן-זית־פּנים, די לאַקיגע פּאות אויסגעצוואָגן — איז אריינגעקומען. איידער ער האָט באַוויזן זיך ארומצוקוקן, האָט דער שמש אים אָנגענומען פּאַר ביידע הענט און מער מיט תנועות, ווי מיט רייד, אים איבערגעגעבן שבח׳ס פאַרלאַנג.

— ס׳וועט זיין א חילול השם — האָט דער שוחט געהאַלטן מיטן שמש.

— כ׳נעם שוין די שליסלען און כ׳פאַרמאַך די שול! — האָט דער שמש, דערפילנדיק זיך שטאַרקער, אפּערגעשלעפּט פון הינטערן בעלעמער א פּאַק מיט שליסלען און דראָענדיק גענומען מיט זיי קלימפּערן — נישט אין מיין שול, נישט אין „תפארת יעקב”, וועט מען עפענען די שערי-רחמים פּאַר א „טורקוס”.

די עטלעכע מתפללים אין שולכעל האָבן זיך געהויבן פון די ערטער.

— ווי קומסטו דו צו דעם, ר׳ שבח? דו, א למדן פון די בני שבזי! וואָס פאַרא חסדים האָט מיט דיר דער מוסלעם געטון? — האָט דער שוחט געפרעגט.

— נישט קיין חסדים, נאָר בלויז רעות האָט ער מיט מיר געטון.

— אזוי? אזוי? זעצט דו מיר דאָך טאַקע אריין א ביין אין גרגרת — האָבן ביים שוחט די געדיכטע ברעמען זיך אויסגעריפּט — אזוי מאַכסטו דו מיך דאָך בלינד! דערצייל, דערצייל, וואָס? האָסט א האַנט אין זיין חולאת?

— נישט אין דער חולאת, נאָר אין דער רפואה האָב איך א

האַנט. מיין שכן, דער מוסלעם איז א פּרומער כאַדזשי. ער קען טון מער שלעכטס א יהודי, ווי א נוצרי מיט א געצעגנדיגער צוזאַמען, ער האָט מיר אָנגעטון יסורים. כ׳האָב געבעטן ביי גאָט א שטראָף פאַר אים. היינט פאַרטאָג איז אוועקגעפאַלן זיין זון. ער איז געבליבן געוואָרן פון אן אַקראַב. זיין גוף איז פאַרסמ׳ט. יעדע היילונג איז געווען צו שפּעט. איז געקומען א היילער פון שכם, און געוואַלט איבערהברענען דעם ביס, מיט פייער, מיט א גליענדיקע שטאַנג. פאַרן ברענען, האָט דער מוסלעם מיט געוויין מיך געפרעגט צי איך הייס עם טון.

— און דו האָסט געהייסן? — האָבן עטלעכע קולות אויסגערופן.

— כ׳האָב געהייסן — האָט שבח א זאָג געטון.

— ווי האָסט דו געקענט נעמען אויף זיך דאָס צו טון, נישט פאַר קיין אוהב־ישראל? ווייסט כאָטש, אז דו האָסט איינגעשטעלט א לעבן?

— נישט געווען וואָס איינצושטעלן, יהודים! א געביסענער שטייט מער נישט אויף. א בינטל עפר ואפר. און אויב ס׳קען געשען א נס און דער קראַנקער זאָל גענעזן ווערן — האָט שבח זיך צעפלאַמט בעשת׳ן ריידן — וויל איך אָט דעם נס ביים ברוך ומבורך אויסבעטן.

אַלע האָבן געשוויגן. מיט די ראיה האָט שבח געזוכט הסכמה ביי די ארומיגע. איטליכער האָט אויסגעמיטן זיך צו באַגעגענען מיט אים אויג אויף אויג. שבח האָט ווידעראַמאָל אָנגעהויבן.

— בטחון, יהודים, בטחון, דער ברוך הוא איז א רופא־חולים פאַר אַלע — און ער האָט זיך אויסגעדרייט צום שמש — ששון, ברענג צוזאַמען דעם מנין!

— מיך לאָז ארויס! מיך זיי נישט מצרף — האָט דער שמש זיך געהאַלטן אין איין רוקן פון שבחן, ווי פון אן אַנשיקעניש.

דער שוחט האָט זיך אָנגערופן.

— מען דאַרף פרעגן דעם גבאי.

— דער גבאי איז דער מכריע — האָט א מתפלל צוגעשטימט.

— ער איז נאָך נישטאָ?

— כ׳בין גרייט צו רופן דעם גבאי — האָט א טרעגער צווישן די

מתפללים הכנעה'דיק זיך אָנגעבאָטן פאַר א שליח — אַט קעגנאיבער איז זיין יאַטקע-הויז.

— גיי, ווי דו זאָגסט, גיי! — האָבן צוערשט שבח, דערנאָך דער שוחט אים נאָכגעשריגן.

דער טרעגער איז ארויס. ס'האָט געדויערט עטלעכע רגע' און ס'האָבן זיך אריינגערוקט צוערשט דער טרעגער און הינטער איס דער גבאי, א נידריקער קצב מיט פלעקן בלוט אויף די ארבל, מיט פלעקן בלוט אויף די פאָלעס פון דער זשופּיצע. דער ארבע כנפות, אזוי גרויס ווי א טלית, איז געווען פאַרוואָרפן איבער דער זשופּיצע. אין זיין בויך־באַנד איז געווען אריינגעשטעקט רעכטס — א האַק, לינקס — א מעסער, ווי א נאַקעטער חלף. דער קצב איז געווען צעיאַכמערט. ער האָט געסאָפּעט מיט רוגזה:

— ס'זיצט א כהן, ס'זיצט א שוחט און אַז מען דאַרף זיך אַמפּערן מיט א למדן, רופט מען מיך, דעם ביינער-האַקער, דעם עופות־פּליקער.

דער שמש וואָס האָט זיך דערפילט זיכערער מיטן גבאי, האָט פאַרשטעקט דעם פּאַק מיט שליסלען אין א בויך־קעשענע און איז אים אקעגן געגאַנגען. דער גבאי האָט אים אָפּגעשטופּט מיט א געבייזער:

— גיי מיר נישט אקעגן! זאָג מיר נישט אָן קיין בשורות! כ'וויים דיינע יסורים, כ'וויים! אונזער תימנ'ער עדה האָט גרעסערע. און אַז דו האָסט געשיקט נאָך מיר כ'זאָל זיין א מכריע, וועסטו מיך האָרכן אויך! — און ער האָט זיך געווענדעט צו שבח'ן — ברוך הבא, ר' שבח! ווי לאַנג איך בין דאָ גבאי, ביזט דו אין „תפארת יעקב” אָן אייגענער.

— דו ווייסט שוין? דו ווייסט שוין? — האָט דער שוחט זיך אויפ־געכאַפּט.

— וואָס איז דאָ צו וויסן? ר' שבח וויל מתפלל זיין פאַר א מוסלעם, זאָל ער! איר ווייסט דאָך, אַז ער האָט זיין שטוב צווישן מאַכמעדאַנער און ער דאַרף זיך איינשטעלן פאַר א שכן וואָס האַלט ביי מיתה. די מוסלעמס זענען בעלי־רחמים. זיי ווייסן ווי אָפּצוצאָלן אין אַן עת-צרה.

— דו זאָגסט אויך אזוי? — האָט דער שמש פון חידוש געעפנט דאָס גרוב־מויל און די האַנט האָט זיך איינגעקלעמט אין די צעפּלעך פון דער באָרד.

— מי אנוכי? ווער בין איך, כ'זאָל אקעגן ריידן ר' שבח'ן? איך, דו, ער! — האָט דער גבאי געפירט מיטא פינגער פון איינעם אויפן צווייטן — מיר אַלע לעבן מיט קצבות, מיט שחיטה, מיט בטלה. איין שבח, א בן־תורה, לעבט דורכ'ן מעת לעת מיטן ספר... וויפיל זענען מיר? — האָט ער גענומען ציילן — נישט איינס, נישט צוויי, נישט דריי... ס'פעלן פיר זכרים און ס'איז איצט פאַר מנחה. שמש! קיין תירוץ! שטעל זיך ארויס אויף דער שוועל און רוף אריין יהודים צום מנין.

א צעטומלטער, מיט מורא פאַרן גבאי, מיט חשד אויף די ארומיגע, איז דער שמש ארויס אין גאַס אריינצורופן דורכגייער צום זאָגן. בלויז געציילטע רגע'ס האָט געדויערט און די שול איז פול געווען מיט איבער צוויי מנינים תימנ'ער יידן. זייערע גופים קנאָכיקע, די פנים'ער טונקעלע, אויסגענאָגטע און אין די גליענדיגע אויגן אַזאַ התלהבות, וואָס מאַכט גרייט צו יעדער דבר־מצוה.

דער עולם האָט שווייגנדיק זיך אויסגעשטעלט אין א האַלב־ראָד ארום אָרון־קודש, דער גבאי האָט א קלאַפּ געטון אין בעלעמער. איבערן עמוד האָט דער שמש אָנגעצונדן דריי פאַר געפלאָכטענע ליכט. און ווען שבח האָט א צי געטון דאָס פּרוכת פון ארון-קודש, זענען די פסוקים תהילים, וואָס זענען געפאַלן פון צוויי צענדליק פאַר פרומע ליפּן, ארויפגעגאַנגען צום טויער פון רחמים.

* * *

נאָך מעריב איז שבח ארויס פון שול. ער האָט געשפּרייזט צוריק צו דער פּאַשאַגאַס. די חשבות פון דער נאַכט איז געהאָנגען איבער די נידריגע ליים-הייזער, ווי א טונקעל דעק־טוך. דאָס שטיק הימל, וואָס האָט אים באַגלייט, איז געווען באַשאָטן מיט שטערן, וואָס האָבן נישט געלויכטן. צווישן די וואָלקנס האָט זיך געשיפּלט אַן אַכטל לבנה פון תחילת־חודש.

שבח האָט זיך איצט נישט געאײַלט אין גאַנג. ער האָט געוואָלט וואָס לענגער פאַרציִען דעם דרך. דאָס געריוויש פון די תהילים-זאָגערס איז אים געשטאַנען אין די אויערן. די שלייפן האָבן געהאַקט. די ברעמען האָבן געצוקט און אין מח האָט זיך געשטעלט איין פאַרלאַנג, אַז דער נס, פאַר וועלכן ער האָט תפילה געטון, זאָל געשען.

און אַז ס'וועט נישט געשען?

די מחשבה האָט זיך געגעפּלט. פון דער מחשבה איז געוואָרן אַ זאָרג, פון דער זאָרג, אַ פּחד — דער פּחד פאַר באַגאַנגענע טאָטען.

ער, שבח, האָט נישט געדאַרפט געבן זײַן הסכמה דעם מאַכמעדאַנער, דעם היילער. איז עס געווען אמונה? איז עס געווען בטחון? און ווען דער שונא שטעלט אונטער אַ שטרויכלונג פאַר דײַנע פיס, ער פרייט זיך אַז דו ווערסט נכשל, וואָס בלײַבט דעמאָלט פון בטחון?

מיט אַזוינע רעיונות, מיט אַזוינע ספקות איז שבח צוגעקומען צו זײַן שטוב. דאָס טויער איז געווען אָפּגעשלאָסן, אַרום האָט געפּראַלט אַ שטילקייט.

שבח האָט זיך אַרומגעקוקט. ער האָט קיינעם נישט געזען און זיך געוווּנדערט וואָס דורכ'ן שמאָלן פענסטער פון שטיבל שפּאַרט נישט קיין ליכט. ער האָט אַ נעם געטון דאָס אײַזערנע הענטל פון טויער אָנצוקלאַפּן, ווי פון הינטער דער שכנות'דיקער מויער האָט אַפּערגעשלײַכט אַ געשטאַלט. ס'איז געווען נעמי, זײַן ווײַב, אײַנגעוויקלט אין אַ ווײַסן קאָפּ-טוך. זי האָט פאַרפלאָכטן די פינגער פון בײדע הענט, גלײַך אַן אומגליק וואָלט געשען.

— אַזוי שפּעט, שבח, קומסטו? אַזאַ פינצטערניש אַרום. אין דײַן פּנים, מאַן מײַנער, ווי דער אָבל וואָלסטו דו חלילה געבליבן, נישט ער, חאַסאַן בעק.

— וואָס ווייסט דו? — איז שבח צעפּלעפט — איז דער קראַנקער אויסגעגאַנגען? וואָס ווייסטו? זאָג, אשה!

— יהי רצון, אַז די סכנה זאָל פאַרבײַ! דער פּחד איז נאָך גרויס!

— האָט נעמי פרום און גאָטפאָרכטיק פאַרגלייזט די אויגן, דערנאָך אַ פיר געטון איבער זיי מיט בײדע האַנט-פלאַכן, ווי בײַ ליכט-בענטשן

— אַן אָבל, אַן אָבל וועט ער זיין, אויב דער ברוך ומבורך וועט נישט מציל זיין. דער קראַנקער איז איינגעזונקען אין שלאָף, און ביי די מוסלעמס, ווען א חולה ליגט אין שווערן שלאָף, הייסט עס האַלבע מיתה. דער כאַדזשי האָט דערציילט די שייכן, אַז דו ביזט געלאָפן איינרייסן פאַר אים. אַ גאַנצן טאָג שלאָגט ער דעם שטערן אָן שטיין... עס טרייבט מיך, שבח, פון שטוב. עס טרייבט מיך פון גאַס. ווילסט אריינגיין אין הויף?

ביידע זענען אריין דורך א הינטער-טויער אין הויף. דאָס פינצטערניש איז געוואָרן געדיכטער. קיין לבנה-ליכט. און פון דער פינצטערניש האָט מיטאַמאָל אויפגעטיקט א פלעמל. דאָס פלעמעל איז געשפּרינגען, וואָס אַמאָל זיך געהויבן העכער און זיך געשניטן אין חשכות, ווי א פייל. פון יענער זייט מויער האָט זיך פאַרטראָגן א לייכט גערויש. א געשטאַלט מיט אַ אָנגעצונדענע לאַמטערנע אין האַנט, האָט געקלעטערט איבער דער וואַנט. ס'האָט זיך באַוויזן א קאָפּ, דערנאָך א גוף, א הויכער, א דינער וואָס האָט זיך געצויגן ווי א שאָטן.

שבח האָט איינגעגראָבן די אויגן אין דער געשטאַלט. ס'איז געווען דער שכן, חאַסאַן בעק.

חאַסאַן בעק האָט א הויב געטון די לאַמטערנע איבערן קאָפּ און זיין טונקל פּנים — א קנויל מיט יסורים — איז געבליבן אומבאַוועגלעך, ס'האָט געקוקט אריבער, אין איין פּינטעלע, ס'האָט געקוקט אויף שבח'ן, ווי אויף א דערלייזער.

זיינע פאַרברענטע ליפּן, וואָס האָבן געפירט וכוחים פאַרן איסלאַם, געפלוכט כופרים, זענען איצט געווען צוזאַמענגעשלאָסן און אין די הייסע קוילן-אויגן איז געווען אי געבעט, אי אונטערטעניקייט.

ער האָט א שטומער ארויסגעשטעלט די לאַמטערנע פון דער לינקער האַנט. מיט דער רעכטער האָט ער א הויב געטון א האַק און א קלאַפּ איבער א שטיין האָט אויפגעטרייסלט די שטילקייט. באַלד זענען די קלעפּ געוואָרן גיכער, שטאַרקער. איינצעלנע ציגל, ווי ארויסגעריסענע ציינער, האָבן זיך גענומען אראָפּקרישלען פון דער וואַנט.

אזוי האָט דער אראַבער גענומען איינוואַרפן די מויער — איינ-

ברעכען די מחיצה, וואָס האָט אָפּגעשיידט די מוסולמענישע וועלט פון דער כופר'ישער.